STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06605

YORN FARGANGENE, YORN UMFARGESLEKHE

Isaac Gordin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גאָרדין

יאָרן פאַרגאַנגענע, יאָרן אומפאַרגעסלעכע

יצחק גאָרדין

יאָרן פארגאנגענע, יאָרן אוּמפארגעסלעכע

פארלאג יידיש בוך ווארשע 1960

I. GORDIN

LATA MINIONE — LATA NIEZAPOMNIANE

Okładkę projektował: R. CHWOLES

[illegible]

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 310. Nakład 3 000 egz. Druk ukończono w październiku 1960 r. Ark. druk. 16,25. Ark. wyd. 13,5. Pap. druk. sat. III kl. 61×86 70 g. Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. C-78.



יצחק גאָרדין

*
*　　*

פאַראַן שרייבער, וועלכע קאָנען נישט רעדן; פאַראַן רעדנער, וועלכע קאָנען נישט שרייבן; יצחק גאַרדין קאָן שרייבן און קאָן רעדן. יצחק גאַרדין געהער אָבער צו דעם מין שרייבער, ביי וועלכע דאָס שרייבן איז אויך אַ באַשטימטע פאָרם פון רעדן. ווען איר הערט זיך איין אינעם פלוס פון יצחק גאַרדינס שפּראַך, דערפילט איר תיכף דעם ר ע ד נ ע ר, דעם שמועסער; איר פאַרגעסט צומאָל, אַז איר לייענט אַ בוך, אייך דאַכט זיך, אַז פאַר אייך שטייט יצחק גאַרדין און ד ע ר צ יי ל ט אייך אַ מעשה, איינע שענער פון דער אַנדערער, ער דערציילט אייך מיט וויץ, מיט הומאָר, מיט אַ משל, מיט פאַרליבטקייט אין יידישן וואָרט, מיט וועלכן ער שפּילט זיך, דערביי פילט מען די אָנשטרענגונג פון מחבר, אַז דאָס וואָרט זאָל זיין געטאָקט, געשליפן, און אַלץ צוזאַמען זאָל פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקן ריטם. און וואָס צו דערציילן האָט יצחק גאַרדין — אַ סך. אַ קליינינקייט! העכער פופציק יאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג; אַ מענטש האָט מיטגעמאַכט די רעוואָלוציע פון 1905, די רעוואָלוציע פון 1917, די פּאָליטישע געשעענישן אין פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; אויסגעווען אַ וועלט, געשווומען איבער ימען, געשפּרייזט איבער קאָנטינענטן, געטאָן פאַרשידענע מלאכות, און אומעטום, און שטענדיק און איבער אַלעמען איז יצחק גאַרדין געבליבן טריי זיך אַליין, געבליבן — ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר.

רעוואָלוציאָנערישקייט איז די אייגנטלעכע גייסטיקע סטיכיע, די אינ־טעלעקטועלע אייגנשאַפט, כאַראַקטער־שטריך פון יצחק גאַרדין. פּונקט ווי דאָס גראַוויטאַציע־געזעץ אין דער נאַטור צווינגט אויף דאָס וואַסער פון די בערג צו פליסן אַראָפּ צו די טייכן און פון די טייכן נאָך טיפער אין די ימען, אַזוי האָט די רעוואָלוציאָנערישקייט, ווי די אינערלעכע סטי־כיע, ווי אַ מין פּסיכישע געזעצמעסיקייט געשטויסן יצחק גאַרדין דורכן געווירבל פון פּאָליטישע בלאָנדזשעניש און זוכענישן צו לאַנדן אויפן העכסטן שפּיץ פון דער מענטשלעכער גייסטיקער דעראָבערונג, איינצוגלי־

דערן זיך אין דער באַוועגונג פון מאַרקסיזם־לעניניזם. דער קרייז האָט זיך פאַרמאַכט. זיין רעוואָלוציאָנערע סטיכיע האָט זיך באַהעפט מיטן ר ע ־ וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן זעלבסטבאַוווסטזיין פון פראָלעטאַריאַט. יצחק גאַרדין האָט געפונען זיך אַליין.

יצחק גאַרדין האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע טעטיקייט ביי די סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן. געווען אַמאָל אַזאַ פּאַרטיי אין דער יידישער געזעל־שאַפט אין מזרח־אייראָפּע. אַ מין ציוניזם אָן ציון. גאַרדין איז געגאַנגען אין דער פּאַרטיי, ווייל זי האָט אים אויך צוגעזאָגט רעוואָלוציע און סאָציאַליזם. אָבער יעדעס מאָל, ווען זיין פּאַרטיי האָט אין הסכם מיט איר אידעאָלאָגיע און פּאָליטישן מהות אין קנויל פון די פּאָליטישע געשעענישן סיי פון 1905, סיי פון 1917 נ י ש ט געפירט אויף די וועגן פון רעוואָלוציע און במילא געווייכט פון סאָציאַליזם — האָט די רעוואָלוציאָנערע סטיכיע פון יצחק גאַרדין זיך געבונטעוועט קעגן זיין אייגענער פּאַרטיי, קעגן אירע אָנפירער. און נישט איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז אַליין, אויף אייגענער אחריות געגאַנגען מיטן ברייטן שליאַך פון רעוואָלוציאָנערן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט, לאָזנדיק זיין פּאַרטיי אין סדום־בעטל פון פּאָליטישער קליינלדיקייט און נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, ביז...

— ביז ס'האָבן אָפּגעדונערט די שאָסן פון קרייצער־פּאַנצער „אווראָראַ".

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע צייט פון איבערשאַצן אַלע ווערטן. די יידישע סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע, סעפּאַראַטיסטישע פּאַרטייען פּאַרזינ־קען אין אַ טיפן פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס. ס'פאַנגט זיך אָן די נאַטירלעכע סאָציאַל־פּאָליטישע סעלעקציע. די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטערשאַפט רייסט איבער מיטן רעפאָרמיזם און סעפּאַראַטיזם און שטראָמט מאַסנווייז אין די רייען פון לעניניזם. די פּאַרטיי „פּאַראייניקטע" (סאָציאַ־ליסטן־טעריטאָריאַליסטן פאַראייניקט מיט סיימיסטן) הייבט אָן זיך צו צעפאַלן. ס'הייבט זיך אָן אין איר אַ פּראָצעס, וועלכן מיר וואָלטן אָנגערופן: כל מין למנהו. די פּאַרטיי באַטיילט אַלעמען מיט איר אָרעמען פאַרמעג. טייל גייט צום ציוניזם, טייל — צום בונד; דער רעוואָלוציאָנערער טייל — צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. יצחק גאַרדין געפינט זיך אין די רייען פון רעוואָלוציאָנערן טייל.

דאָס בוך „יאָרן פאַרגאַנגענע, יאָרן אומפאַרגעסלעכע" נעמט אַרום גראָד דעם לעבנס־פּעריאָד פון יצחק גאַרדין, ווען עס קומט פאָר דער אי־דעישער ויתרוצצו און די אידעיש־פּאָליטישע זעלבסטבאַשטימונג, זיין אַריינ־טריט אין דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון פוילן.

דאָס בוך פון יצחק גאָרדין איז אַזוי אַרום אַ שילדערונג פון לעבנס־פּאַסירונגען נישט בלויז פון אַ יחיד, נאָר איז אַ קווערשניט פון אַ סאָציאַלער דערשיינונג אין דער יידישער געזעלשאַפט פון מזרח־אייראָפּע אינעם ערשטן פערטל פון אונדזער יאָרהונדערט. די דערשיינונג צייכנט אַזוי אַרום דעם וועג, וועלכן די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערשאַפט האָט דורכ־געמאַכט ביז זי איז געקומען צום לענינינזם. עס באַקומט זיך דעריבער אַזוי, אַז נישט האָבנדיק בדעה צו שרייבן געשיכטע, האָט יצחק גאָרדין געגעבן אַן ערנסטן צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפט אינעם דערמאָנטן פּעריאָד. אויב מיר וועלן דאָס כפלען אויף דעם אָנציענ־דיקן, פאָלקסטימלעכן סטיל, אויפן הומאָר, שאַרפזין און מחייהדיקער שפּראַך פון יצחק גאָרדין — באַקומט דער יידישער לייענער אַ גאָר אינ־טערעסאַנט בוך, פאַר וועלכן ער וועט שענקען דעם מחבר האַרציקע דאַנקען.

דאָס בוך „יאָרן פאַרגאַנגענע, יאָרן אומפאַרגעסלעכע" איז אין תוך געבויט אויפן יסוד פון די זכרונות, וועלכע זענען צוריק מיט אַ יאָר גע־ווען געדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע". פון זיי איז אָבער גע־מאַכט געוואָרן אַן אָפּקלייב. ס'איז באַזייטיקט געוואָרן דאָס צייטמעסיקע, צו־פעליקע, פּאָליטיש־אַקטועלע, און גלייכצייטיק איז עס פאַרפולט און אויס־געבעסערט געוואָרן. דאָס בוך איז דעריבער נישט קיין נייע אויפלאַגע, נאָר אַ שעפערישע באַנייונג פון די זכרונות.

מיכאל מירסקי

אַ וואָרט צום לייענער

איך האָב אַ פּאַסקודנע טבע: פון יאָר צו יאָר ווער איך עלטער... אַן אמתע אָנשיקעניש! איך האָב זיך נאָך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן און איך בין שוין אַ זיבעציקער, און שבעים — זאָגן די חכמים — איז לזקנה. אַ זקן, נעבעך, און יאָשקע דער מלמד פון כרך רוזשינאָי (רוזשאַנע בלע״ז), וואָס ליגט ביים טייך שטשאַרע צווישן סלאָנים און פּרוזשאַנע, האָט מיר שוין מיט 60 יאָר צוריק געזאָגט, אַז „איידער אַלט צו ווערן, איז בעסער נישט געבוירן צו ווערן״. נאָר רבי עקיבא וואָלט געזאָגט, אַז אַ קאָמוניסט טאָר נישט אַלט זיין. און דאָס דערהאַלט מיך ביים לעבן און באַוועגט מיך צו קוקן מיט שטאָלץ אויף די פאַרגאַנגענע יאָרן און מיט אַ גרענעצלאָזן אָפּטימיזם אויף דער צוקונפט.

אַ חוץ דעם בין איך געבענטשט — אָדער געשטראָפט געוואָרן — מיט אַ היפּש ביסל גוטע, ליבע פריינד און קאַמפס=קאַמעראַדן. האָבן זיי זיך אויף מיר אָנגעזעצט: „שרייב זכרונות, דו האָסט דאָך אַזויפיל אינ=טערעסאַנטס צו דערציילן!״ שוין אַ פּאָר יאָר, ווי זיי מאַטערן מיך אַזוי. לכתחילה האָב איך זיך געבונטעוועט. ממש! וואָס ווילט איר מיך אַריינ=זעצן אין אַ מושב=זקנים? איך האָב גרעסערע זאָרגן, ווי גריבלען זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער רעד צו זיי און צו דער וואַנט — אַלץ איינס. דערצו גוטע, ליבע חברים, וועלכע האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן דער רע=וואָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער אַרבעט, דער עיקר צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע פאָלקס=מאַסן: „שרייב זכרונות! זאָל דער אָנטייל פונעם ייִדישן עמך שער און אייזן, האַמער און בלאָז=זאַק, נאָדל און דראַטווע, שטריק=מאַשין און בעקער=אויוון אין דער רעוואָלוציע, אָפּגעשפּיגלט ווערן דורך אַן עד=ראיה״. און זיי האָבן מיך... איבערצייגט.

מיט אַ געוויסער „טרעמע״, ווי אַ שילער, וואָס שטייט דעם ערשטן מאָל פאַר אַן עקזאַמען, נעם איך זיך צו דער דאָזיקער אויפגאַבע. אַוודאי

ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס פֿאַר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט. איך וועל זיך אָבער פֿילן צופֿרידן, אויב מיר וועט געלינגען, כאָטש אין אַ קנאַפּער מאָס, אין זייער אַלגעמיינע שטריכן, וויזן דעם אָ פּ ש ײַ ן פֿון דעם העלדנטום, מסירת־נפֿש פֿונעם פּשוטן ייִדישן פֿאָלקס־מענטש, ספּעציעל פֿון דער ליבהאַרציקער ייִדישער יוגנט, פֿון די משהלעך, שלמהלעך, יאָסעלעך, חנהלעך, צביהלעך און דבֿורהקעס מיט „אייגעלעך, וואָס טינקלען און פֿינקלען אַזוי נביאיש און וווּנדערלעך" — ווי ביאַליק האָט עס באַצייכנט — אין קאַמף פֿאַר אַ וועלט פֿון פֿרײַהייט, גערעכטיקייט, שלום און שיינקייט, פֿאַר אַ מענטשלעכער וועלט.

הגם די דירעקטע געלעגנהייט פֿאַר דער סעריע דערינערונגען איז געווען דער פּערציקסטער יאָרטאָג זינט דער אַנטשטייונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן, האָב איך באַשלאָסן אָנצוהייבן מיט... מײַן שטעטעלע, מיט מײַן „היימעלע, ווו איך האָב מײַנע קינדערשע יאָרן פֿאַרבראַכט" מיט 60 יאָר צוריק.

מיין שטעטלע — מיין היים

„אָט זע איך ווידער מיין היימיש שטעטעלע“... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין טרוים, אינעם שפּיגל פון שטאַרק פאַרנעפּלטע דערינערונגען פון יאָרן לאַנג פאַרשוווּנדענע.

דאָס שטעטעלע, וווּ איך האָב דאָס ערשטע מאָל די ליכטיקע זון דער־זען, האָט געהייסן ריזשאַנע. יידן האָבן עס גערופן רוזשינאָי. מיט אַ 60 יאָר צוריק האָב איך שוין מיין געבורט־שטעטל פאַרלאָזן, און נאָך שטייט עס לעבעדיק פאַר מיינע אויגן. דער מאַרק מיט נעמים שניט־קראָם. דער „קאָשציאָל“ און די „צערקווע“ און, להבדיל, די „גרויסע שול“ און „ראחים“־בית־מדרש, בליזנאָיער גאַס, קלעבאַנער גאַס, מיל־גאַס און שלאָס־גאַס, דער טייך שטשאַרע, וועלכער איז אַריין אינעם רעגיאָנאַלן פאָלקלאָר („וואָס איילסטו זיך — די שטשאַרע ברענט?“) און דער פּאַ־לאַץ, וווּ ס'האָט געוווינט דער גרעסטער גביר פון שטעטל, מאָטיע פינעס מיט זיין הינקעדיקן זון — יונה, וועלכער האָט געהאַט אַ כּנוי צו ענט־פערן: „אַט גלייך גיי איך“, דעם מאַרק, וווּ נאָך אַ רעגן האָט מען טמיש געקאָנט דערטרונקען ווערן אין בלאָטע, דעם ריח־ניחוחדיקן „קאַנאַל“ מיט אָפּפאַלן פון כוואיניקס גאַרבאַרניע, וואָס האָט פאַרסמט די לופט פונעם שטעטל און די נעימות־דיקע הויזן־גערטנדלעך און פּריכט־סעדער, וווּ די „מיעשטשאַנעס“ האָבן געוווינט.

הייַנט, די מענטשן פון שטעטל! וואָס איז ווערט, למשל, יאשקע דער מלמד, וואָס ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז ער שוין אַלט געווען 80 יאָר, ווען ווען מ'האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אין רוזשינאָי קיין איין ייד, וועמען ער זאָל נישט האָבן געשמיסן, וואָרום פון זיין 20־יאָריקן עלטער אָן איז ער אַ מלמד. זיינע ווערטלעך! זייענדיק אין שטוב, ווי ס'איז אָקאָרשט געבוירן געוואָרן אַ קינד אין ווייַנט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מאַכט ער אַזאַ פילאָזאָפישע באַמערקונג: „ער (דאָס קינד) זעט שוין, נעבעך, אַז גאָמס וועלט איז גאָרנישט אַזוי אי, אי“. אָדער רעדנדיק וועגן

דעם נגיד מאַטיע פינעס — אַ זאָג טאָן: „ער איז אַ מיליאָנטשיק, ער האָט אפשר אַ צען טויזנט קערבלעך“. אָדער אויסטייטשנדיק, אַז מע דאַרף נישט בוכשטעבלעך פאַרשטיין די ווערטער מכוח דעם, אַז יידן זענען אַ „עם חכם ונבון“ און אַנדערע „געטשנדינערישע“ פעלקער זענען אַן „עם הדומה לחמור“ ברענגען אַזאַ משל: „וואָס טוט גאָט? האָט דער „הדומה לחמור“ אויסגעטראַכט אַן אייזנבאַן, און דער „עם חכם ונבון“ האָט אויסגעטראַכט, ווי צו פאָרן אָן אַ בילעט“.

אָדער דער רב פונעם שטעטל, רבי שבתי וואָלאַד, אַן אומהיימלעכער רעליגיעזער פאַנאַטיקער, אַ מחמיר פון בית שמאי טיפּ, וואָס זיין גזירישער אויסזען גופא האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף קינדער. און אַלס זיין אַנטיפּאָד — דער האַרציקער קליינינקער טוב־ווייסער רבי אבע, וואָס האָט פאַר יעדן קינד געהאַט אַ „לאַנדרינקע“ און אַ גוט וואָרט און אַ שפּאַס, וואָס איז געווען דער גרעסטער „רכילותניק“ אין שטעטל, וואָס האָט געקאָנט אין מיטן דאַווענען, צוגיין צו מיין זיידן און זאָגן: „לייבע, איך האָב פאַר דיר נייעס. נעכטן פאַרנאַכט גיי איך איבערן בריק, זע איך, אַז פּישל רעדט מיט יום־טובן און טענהט אין אים אַריין, נאָר וואָס, ווייס איך נישט“.

אָדער „רבי יקותיאל“, דער „גוואַלדיקער“ למדן, וואָס זיינע שיעורים אין דער ישיבה האָבן מרעיש עולמות געווען (אסור, אויב איך האָב פאַרשטאַנען אַ וואָרט אין זיי), נאָר יידן האָבן זיך ממש געקוויקט מיט זיי. יאָרן לאַנג האָט מיין באָבע דערציילט וועגן דעם, ווי ביי אַ סאַמאָוואַר טיי איז ער געזעסן און געפּלפּולט מיט מיין זיידן — מסתמא וועגן עפּעס אַ טיפן ענין פון, למשל, אַ „שור שנגח את הפרה“ — זשעסטיקולירנדיק מיט זיינע לאַנגע הענט האָט ער צוויי גלעזער טיי נאָכאַנאַנד אויסגעגאָסן אויפן טיש, און ווען די באָבע האָט אַוועקגעלייגט אַ סערוועטקע און גענומען אָנגיסן אַ דריט גלאָז האָט ער געזאָגט: „אַ דאַנק, הנהלע, מער ווי צוויי גלעזער טיי טרינק איך נישט“.

און אַ צווייטער יקותיאל — שוין נישט ר ב י יקותיאל, נאָר פּשוט יקותיאל דער וועבער, וועלכער פלעגט אָפט מעכב הקריאה זיין און מאָנען „יושר“ ביי די מזרח־וואַנט־יידן, צווינגען זיי מגדר צו זיין אויף אויסשטייער פאַר אַ בת־יחידה פון אַן אָרעמער יידענע, וועלכער פלעגט אָפט דראָען מיט די פויסטן חשובע באַלעבאַטים און רופן זיי „בלוט־זויגער“, וועמען דער רב פלעגט אָנרופן: „שייגעץ“ און „עוכר ישראל“, און איז געווען אַ מייסטער אויף פאַרשיידענע גראַמען, וועלכע מאַכן חוזק פון גבי־

רים. אָט דער דאָזיקער יקותיאל דער וועבער האָט אַמאָל געקאָנט שבת חזון — ערב תשעה-באב — ווען מען האָט געלייענט די הפטורה מיטן ניגון פון „איכה“, אַז עס איז געקומען צו די ווערטער: „הוי גוי חוטא, עם כבד עוון“ (זינדיק פאָלק, באַלאָדן מיט זינד) הויך אויפן קול אויסזינגען מיטן זעלבן ניגון: „רבי מאיר, דאָס מיינט מען מאַקע אייך“ — (מאיר פינעס איז געווען דער פאַבריקאַנט, ביי וועמען ער האָט געאַרבעט)—.

געווען איז דאָס שטעטל דורכגעווייקט מיט לעגענדעס פון נאַפּאָלעאָנס צייטן, וועלכע זענען דער עיקר געווען פאַרבונדן מיט די קאַטאַקאָמבעס, היילן און אונטערערדישע קאַנאַלן אינעם פּאַלאַץ (וועלכער האָט אַמאָל געהערט צו דער משפחה פון די פירשטן סאַפּיעהאַס און שפּעטער פאַר חובות — אַריבער צו די פינעסעס), פון דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863 יאָר, ווי אויך פון כמיעלניצקיס צייטן. אין מיין זכרון האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט די לעגענדע וועגן די קדושים, וואָס אויף זייער אוהל אויפן בית-עולם פלעגט מען נאָך אין מיינע צייטן וואַרפן שמות. די קדושים זאָלן האָבן געווען צוויי יידן, איינער טוביה, דער צווייטער ישראל, וועמען די צוררים זאָלן האָבן אָפּגעהאַקט די קעפּ, ווייל זיי האָבן „נישט געוואָלט דינען קיין עבודה זרה“. ווען די קעפּ זענען שוין געלעגן אויף דער ערד — דערציילט די לעגענדע — האָט טוביהס קאָפּ אויסגעשריגן: „אשריך, ישראל“ און ישראלס קאָפּ האָט געענטפערט: „וטוב לך“. איך בין אין מיינע ערשטע קינדער-יאָרן געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער לעגענדע, וועלכע איך האָב פאַרבונדן מיט דער לעגענדע וועגן די עשרת הרוגי המלכות, וועגן וועלכע מיין זיידע האָט מיר פאַרגיסנדיק ביטערע טרערן דערציילט.

דאָס שטעטל איז אויך געווען אַן אינדוסטריעלס: עטלעכע טעקסטיל-פאַבריקן (דער עיקר פון די פינעסעס), כוואַיניקס גאַרבעריי — האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף דעם רוזשינאָיער לעבן. פון מיינע פרישסטע קינדער-יאָרן געדענק איך דאָס וואָרט „סמאַטשקע“ אין פאַלן פון וואַרפן שטיינער און פענצטער פון פאַבריקאַנטן, דווקא דורך יידן מיט בערד. אין דער סביבה פון באַלעבאַטישע יידישע משפחות, אין וועלכער איך האָב זיך דערצויגן די ערשטע ניין יאָר פון מיין לעבן, זענען צו מיר דערגאַנגען בלויז מעשיות וועגן פוילישן אויפשטאַנד, וועגן מוראַוויאָוו „ימח שמו“ און וועגן אַזעלכע, וועלכע האָבן „אין פעטערבורג געהרגעט דעם קיסר“ מיין עלטער-מומע האָט מיר אין זייער וואַרעמע ווערטער דערציילט וועגן סאָפיע פעראָווסקאַיאַ און העסיע העלפמאַן, ווען איך בין נאָך געווען

אַ קינד פֿון 6 יאָר. און הוקא דערפֿאַר, ווייל זי האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן, וואָרום איך קאָן „אונדז אַלעמען אומגליקלעך מאַכן" — האָט דאָס געריצט מיין פֿאַנטאַזיע.

אין דער זעלבער צייט איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך, וועגן וועלכער מ׳האָט גערעדט אויפֿן אויער. צו אַן עלטערן ייִדן — איך געדענק נישט זיין נאָמען — איז געקומען צו גאַסט זיין אייניקל, אַ סטודענט פֿון פּעטערבורג. אין דער ערשטער נאַכט פֿון זיין באַזוך ביים זיידן איז פֿון סלאָנים געקומען אַ בריטשקע מיט גלעקלעך און מיט... זשאַנדאַרן און מ׳האָט דעם סטודענט אַוועקגעפֿירט. אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך געזען, ווי מיין באָבע, די „מומע" ציפּע־מיניע פּינעס (די מאַמע פֿון פּינעס שפּעטערדיקן ד״ר פּינעס־בריקסמאַן, וועלכער האָט דער ערשטער פֿאַרעפֿנטלעכט אויף ייִדיש זיין דיסערטאַציע אין סאָרבאָנער אוניווערסיטעט וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור) און באַשע־חיה די קרעמערקע האָבן זיך געווישט די אויגן און געשושקעט זיך. אַז איך האָב געפֿרעגט, פֿאַרוואָס וויינען זיי, האָט מען מיר געענטפֿערט, אַז ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך פֿאַרשטיין. מ׳האָט מיך פֿונדעסטוועגן גענומען צו דער „מומען וואַרשעווער" — די עלטסטע פֿרוי אין רוזשינאָי — זי איז שוין דעמאָלט אַלט געווען העכער 90 יאָר — ווו איך האָב געטראָפֿן עטלעכע חשובֿע ייִדן, ווי למשל, פּישל פּינעס — איינער פֿון די גרינדער פֿון „חובֿבֿי ציון", זאב יעבץ — אַ העברעישער פּובליציסט און עסייאיסט, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ קאָלאָניע הינטער רוזשינאָי, מיין זיידע און דעם רבֿ שבתי וואַלאַך, צוזאַמען מיט דער זקנה „מומע וואַרשעווער" (אַזוי האָט מען זי גערופֿן, ווייל זי האָט געשטאַמט פֿון וואַרשע). וואָס מיך האָט איבערראַשט, איז געווען דאָס, וואָס אין דער געזעלשאַפֿט איז געווען דער „פּריסטאַוו" (פּאָליציי־קאָמיסאַר). אַלס אַ קינד האָט מען געלאָזט זיך מיר דרייען איבערן צימער. ביים געזעגענען זיך האָט דער „פּריסטאַוו" געזאָגט, אַז ער קאָן גאָרנישט מאַכן, ווייל עס איז אַ... „גאָסודאַרסטווענני". גיי איך צו צום זיידן און פֿרעג, וואָס איז דאָס „גאָסודאַרסטווענני" — ענטפֿערט ער מיר, „וועסט עלטער ווערן, וועסטו פֿאַרשטיין". בין איך דאָך אַ שייגעץ, גיי איך צו צום רבֿ און פֿרעג אים, וואָס איז „גאָסודאַרסטווענני", מעסט ער מיך אָפּ מיט אַ בייזן בליק און גיט אַ בורטשע מיט כעס: „אַ מורד במלכות! אַן עוכר ישׂראל! אַלע אומגליקן געמען זיך פֿון זיי".

דאָ בין איך שוין אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. געוווּסט האָב איך,

אַז יקותיאל דער וועבער איז אַן „עוכר ישראל“. דער זיידע האָט מיר אַמאָל געהאַט געזאָגט, ווען איך האָב שבת אָפּגעריסן אַן עפּל אין סאַד, אַז איך בין אַן „עוכר ישראל“. איינמאָל האָט מיך דער ראש־ישיבה רבי איטשעלע געטראָפן מיט קרישען — אַ פּויליש מיידעלע, אַ טאָכטער פון דעם אויוון־הייצער אין דער פאַבריק, מיט וועלכער איך בין געגאַנגען אַרומגענומען און געזונגען „וולאַז קאָטעק נאַ פּלאָטעק“ — האָט ער מיך אויפן קול אויסגעשייגעצט און געזאָגט מיט רוגזה, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ יידיש קינד „מחבק צו זיין“ אַ שיקסע און זינגען גויאישע לידער. אַזוי טוט אַן „עוכר ישראל“. און איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז „עוכר ישראל“ און „גאָסודאַרסטווענני“ איז דאָס זעלבע.

איך בין געווען שטאַרק צעטומלט פון דעם אַלעמען און אַוועק צו דער שטשאַרע רייסן „הושענות“.

אַזוי האָב איך דערצויגן נאָך עטלעכע יאָר אין רוזשינאָי, ביז ס'איז אָנגעקומען די מזלדיקע שעה און כ'בין אַוועקגעפאָרן צום טאַטן קיין לאָדזש. קיין נחת האָט די שטרענג רעליגיעזע משפּחה אין רוזשינאָי פון מיר נישט געהאַט. אין חדר האָב איך בשום אופן נישט געוואָלט גיין, אָבער מיט דעם אַלטן יאשקע דעם מלמד האָב איך ליב געהאַט שעהן לאַנג צו זיצן. ער פלעגט דערציילן וווּנדערשיינע אגדות, און דער חומש האָט ביי אים געהאַט דעם זיבעטן טעם. ביזן היינטיקן טאָג קלינגט מיר אין די אויערן זיין באַטעמטער ניגון פון: „האזינו—פאַרנעמט, השמים — די הימלען, ואדברה — און — און איך וועל טאָן רעדן“... ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקע פעיקייט צו פאַרפאָלקסטימלעכן די פּאָעזיע, וואָס שטעקט אין חומש. שפּילן זיך מיט קינדער האָב איך שטאַרק ליב געהאַט, אָבער נישט אין קנעפּלעך אָדער שווערדלעך. צווישן מיינע חברים זענען געווען נישט קיין יידישע קינדער אויך, און דאָס האָט שטאַרק געערגערט מיין מייערן ליבהאַרציקן זיידן. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז אויב איך וועל אַוועקפאָרן קיין לאָדזש, וועל איך ווערן אַ „גוי“, און כדי צו זיין אַ גוי איז פאַר אים געווען, למשל, צו שרייבן אום שבת. און ווען ס'איז געקומען די שעה פון געזעגענען זיך, און די בייך, וואָס האָט מיך געדאַרפט אָפּפירן צו דער סטאַציע אָזיערניצע, האָט שוין געוואַרט, האָט דער זיידע מיט ביטערע טרערן געוויינט.

אַזוי בין איך געוואָרן אוים רוזשינאָיער.

לאָדזש

אַ ניי־יאָריק קינד בין איך געקומען קיין לאָדזש. לאָדזש איז געווען מיין לעבנס־שול. לאָדזש — די ריזיקע שטאָט, אָן קאַנאַליזאַציע, מיט אירע גרויסע, מיאוסע טויערן און צעוואָרפענע גבירישע פּאַלאַצן, די שטאָט פון גרויסע קאָנטראַסטן צווישן אָרעם און רייך, ווו דער צענטער איז געווען די מערקאַנטילע פּיעטריקאָווער גאַס מיט איר האַנדל־וואַנדל, שפּעקולאַציע, ווו עס האָבן זיך געדרייט, געהאַוועט און געשמייעט מענטשן מיט האַרטע קאַפּעליושן, חסידישע היטלעך און „קאַמגאַרנע" נשמות און מע מנחם־מענדעלע מיש „שום" און „קעטע", ווו דער העכסטער יחוס איז געווען — אַ פאַבריקאַנט, און דער צווייטער יחוס לויטן ראַנג אַ קאָמיוואָיאַזשאָר אָדער קאָמיסיאָנער, ווו עס האָט געהערשט אַ מישמאַש פון פינף לשונות: רוסיש, פּויליש, דייטש, ייִדיש און... דער טיפּישער דייטשמעריש פונעם „לאָדזשער מענטש", וואָס זיין סימבאָל איז דער וויץ וועגן לאָדזשער פאַבריקאַנט פּרוסאַק, וועלכער זאָל האָבן געזאָגט זיין פרוי, ווען אַ גאַסט איז צו אים געקומען: „מיין מייערע, שוואַנגער אוועק די קישן" — און די פּעריפעריעס — באַלוט, ווידזעוו, גורני ריינעק פון פינצטערער נויט, פאַרצווייפלונג, אונטער וועלכע עס האָט געשטורעמט אַ ווולקאַן פון פּראָטעסט, מרידה, אָט די דאָזיקע שטאָט האָט מיר געגעבן דעם פּאַסיר־שיין אינעם לעבן.

קודם כל: געענדיקט האָבן זיך מיינע גליקלעכע קינדער־יאָרן. אויב אין ראָזשינאָי האָב איך געהאַט אַ צימער פאַר זיך מיט שפּילצייג: טרומייטערס, קוביקעס, פון וועלכע איך האָב געקאָנט אויסקאָמבינירן פאַרשידענע חיות און געביידעס, אפילו אַ לאָקאָמאָטיוו האָב איך געהאַט, ווו איך האָב געקאָנט גליטשן זיך פון בערגל ביים „פּאַלאַץ", שניידן הושענות פון דער שטשאַרע, קלייבן יאַגדעס אין בליזנאיער וואַלד — בין איך דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן פינצטערן צימער מיט אַ קיך, ווו ביינאַכט פלעגן מייז פּראַנק און פריי אַרומשפּאַצירן, ווייל אונטער דער דירה,

אינעם קעלער איז געווען א סקלאַד פון שפּייז־פּראָדוקטן. גלייכצייטיק האָב איך געזען די דירות פון די שכנים, דעם פאַבריקאַנט מאַגאַזאַניקס, למשל, באַקוועמע, קאָמפאָרטאַבלע. איך האָב געפרעגט מיין טאַטן „פאַרוואָס איז אַזוי?" האָט ער מיר געענטפערט, ווייל זיי זענען רייכער פון אים. און אויף דער פראַגע, ווען וועט ער ווערן „רייכער", האָט ער זיך פאַנאַנדער־געלאַכט און געענטפערט: „אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין".

ווען מיין טאַטן, וועמען איך האָב אין רוזשינאָי זעלטן געזען, בלויז אַלס גאַסט, וואָס פלעגט מיר שטענדיק ברענגען מתנות — האָב איך שוין פון לאַנג געהערט, אַז ער איז א „לא יוצלח" און געשעפטן. איך האָב אַמאָל געפרעגט דעם אַלטיטשקן יאשקע דעם מלמד, וואָס איז א „לא יוצלח". האָט ער מיר געענטפערט, אַז „עס גייט אים נישט". הגם איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָב איך אים געפרעגט: „פאַרוואָס"? — האָט ער מיר מיט זיין קלוגן שמייכל געענטפערט, אַז ער איז א „צו פיינער מענטש, און מיין פעטער, הויד צומח — דער מאַן פון דער עלטסטער טאָכ־טער פון מיין זיידן — אַ ייד אַ משכיל, אַ העברעיסט, מיט ליטעראַרישע נייגונגען, אַ גרויסער ווויצלער, אַליין אַ פלאָנטער, וואָס האָט דעמלט גע־וווינט אין קאַסאַווע און איז געקומען צו גאַסט צום זיידן — האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אויפן קול און מיר געגעבן אַ כמעט „וויסנשאַפטלעכע" אויפקלערונג: „גיע אָבמאַניעש — ניע פּראָדאַש". און דאָס קאָן דיין טאַ־טע נישט". עס איז לייכט זיך אָנצושטויסן, אַז דער ענין איז פאַר מיר אויף קיין איין האָר נישט קלאָרער געוואָרן.

קומענדיק קיין לאָהזש האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין טאַטע איז אַן... עקספּעדיטאָר און אויף דער פראַגע, וואָס דאָס הייסט, האָט ער מיך גענומען אויף אַ וואָגן — אַ פלאַטפאָרמע, איינגעשפּאַנט אין אַ פליכטוואַ־טער קליאַטשע, און מיר זענען געפאָרן איבער דער שטאָט. איך האָב גע־זען, ווי דער טאַטע מיט דעם בעל־עגלה, וואָס איז געווען זיין שותף, שלעפּן פּעק מיט סחורה און פירן עס אויף דער באַן, שטייען אין דער ריי ביי אַ פענצטערל, קריגן פאַפירן און שפּעטער פאָרן זיי ווייטער אין אַנדערע „געשעפטן" און פאַבריקן, און דאָס חזרט זיך כסדר איבער. דאָ האָב איך שוין פאַרשטאַנען דעם טייטש פון וואָרט „עקספּעדיטאָר".

מיין טאַטע איז געווען אַ פילאָזאָפירנדיקע נאַטור, אַ משכיל, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אַלע אומגליקן פון דער וועלט נעמען זיך פון „פאַנאַטיזמוס", אַז אַ מענטש מוז זיין געבילדעט, אַז נישט וועט ער זיין „בלינד" און וועט

גאָרנישט פֿאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און דערצו איז ער געווען אַ גרויסער בעל תנ״ך, און האָט געהאַט זײַנע „באַליבטע“ נביאים: ישעיה, עמוס, מיכה, חבקוק און פֿלעגט פֿאַר מיר מיט באַגײַסטערונג זיי רעציטירן צוזאַמען מיט פּושקינען, לערמאָנטאָוון און היינען. אין זכרון איז מיר פֿאַרבליבן אַ ווערטל פֿון מײַן טאַטן, „טאָמער וועט פֿון דיר אויסוואַקסן אַ פֿאַנאַטיקער, וועל איך האָבן עגמת־נפֿש, נאָר א ו מ ג ל י ק ל ע ך וועל איך זײַן, אויב פֿון דיר וועט אויסוואַקסן אַן אפּיקורס פֿון „חלב מיט טשוועקעס“ און אַן עם־הארץ. אין די ערשטע עטלעכע יאָר פֿון מײַן זײַן אין לאָדזש איז מײַן גרעסטער פֿאַרגעניגן געווען צו פֿאַרברענגען די אָוונטן און שבתים מיטן טאַטן.

אין אַ יאָר־אָנדערהאַלבן אַרום האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין עפּעס אַ בעסערער דירה. אויך אין אָרעמע, מיט אָפּגעריסענע, פֿאַרלאַטעטע ווענט, אָבער שוין צוויי צימערן — קלענערע, אָבער צוויי — מיט אַ הויף, וווּ עס איז געווען אַ גערטנדל. איך בין שוין געווען אַ שילער פֿון נײַעם האַנדלס־שול, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף וואָלטשאַנסקע גאַס, וואָרום אין דער גימנאַזיע האָב איך נישט געקאָנט אָנקומען צוליב דער „פּראָצענט־נאָרמע“ פֿאַר יידישע שילער. און דער טאַטע פֿלעגט מיר בסדר אײַנקנעלן: „דו זעסט, מײַן קינד, ווי שווער עס קומט מיר אָן דאָס שטיקל ברויט, איך וועל, אָבער, דעם לעצטן ביסן דיר אָפּגעבן, אַבי דו זאָלסט זיך לערנען. לערן זיך און טראַכט נישט וועגן קיין אַנדערע זאַכן“. און דערבײַ האָט ער מיר „ציטירט“ דעם רוזשינאָער יאָשקע דעם מלמד, וועמען אויך ער האָט ליב געהאַט, אַז „כּדי צו זײַן אַ למדן דאַרף מען האָבן נישט נאָר אַ גוטן קאָפּ, נאָר, דער עיקר, אַ גוטן... „אחור“, מע דאַרף זיצן, אַרבעטן און לערנען זיך, לערנען זיך“. אַ טײַערער מענטש איז מײַן טאַטע געווען: ער האָט דער ערשטער אין די קינדערישע יאָרן מײַנע צוגעוווינט מיך צום קריטישן, זעלבשטענדיקן דענקען. אויב איך בין שטענדיק אין שול געווען אַ „פּיאַטיאָרשטשיק“ (בלויז פֿינפֿן) פֿון מאַטעמאַטיק, האָב איך עס געהאַט אים דער עיקר צו פֿאַרדאַנקען. דעם אינטערעס צו געשיכטע האָט ער דער ערשטער בײַ מיר געוועקט. אויב בײַ מיר האָט זיך ביזן הײַנטיקן טאָג אײַנגעהיט אַ פּיעטעט צו דער אוראַלטער יידישער ליטעראַטור — האָב איך מײַן ליבן טאַטן צו פֿאַרדאַנקען, זײַן וועלטלעכן, הומאַניסטישן צוגאַנג צו איר, פֿרײַ פֿון וועלכע נישט איז רעליגיעזע זאַבאָבאָנעס. פֿון אים האָב איך אויך אין אַ גרויסער מאָס געירשנט די „הוליע־קבצנישע“ באַציונג צו לעבנס־שוועריקייטן און צרות, דעם „אָפּטימיזם אין בלוט“. און כאָטש

עס האָט זיך מיר אין לאָהזש געלעבט מאַטעריעל אַ סך ערגער ווי אין רוזשאָנע, האָב איך קיין בענקעניש נאָך מיין שטעטל נישט געהאַט.

איך האָב אין לאָהזש דערפילט דעם טעם פון „פריי זיין“. קיינער האָט מיך נישט געשלעפּט אין שול דאַווענען. קיינער האָט מיך נישט געלערנט מיט וועמען איך זאָל זיך חברן. אַ לייענשאַפט צו לייענען, אַ סך לייענען, ממש „שלינגען“ ביכלעך האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט. אַפילו אויף מיינע שקצישע שפּיק פלעגן די עלטערן גוטמוטיק רעאַגירן. צו מיין לערנען זיך און אויפפירונג האָבן זיי קיין טענות נישט געהאַט, כאָטש אין שול פלעג איך אָפט באַקומען אַ שלעכטע מיינונג דווקא פאַר „פּאָוועדעניע“ (אויפפירונג), פאַר אונטערזאָגן, פאַר אַרויסלאָזן אַ מייזל אין קלאַס, פאַר אָנשרייבן מיט קרייד אויף דער פּלייצע פון אַ לערער אַ פראַגע־צייכן, באשר בכן: ער איז אַ דאַרער און הויכער און זיין פרוי אַ נידעריקע און גראָבינקע, און ווען ער פלעגט גיין מיט איר אונטער דער האַנט, פלעגט ער אויסזען... ווי אַ פראַגע־צייכן.

געווען איז דאָס ערב 1905. די אַטמאָספער איז געווען אָנגעלאָדן מיט בונט. און דאָ איז געקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט מיך אויפגעטרייסלט. — ד ע ר ק י ש ע נ י ע ו ו ע ר פּ אָ ג ר אָ ם. איך האָב געוויינט, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און אומעטיקער. אומרואיק געשלאָפן, אויפגעהערט צו שפּילן זיך, אָנגעהויבן צו קריגן „פּיגפן“ פאַר „פּאָוועדיעניע“, געלאָפן אויף אַלע הספּדים — אַזוי אַז מ'האָט גערופן אַ דאָקטער צו מיר. „דאָס קינד איז געוואָרן אויס קינד“ — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן.

יאָ, מיין מאַמע האָט געטראָפן. איך האָב אָ נ ג ע ה ו י ב ן צו ווערן א ו י ס קינד.

אוים קינד!

דער קישעניעווער פּאָגראָם איז געווען די ערשטע געשעעניש, וואָס האָט מיך אויפגעטרייסלט ביז צו דער טיפעניש פון מיין קינדערישער נשמה. פון קאָמיוואָיאַזשאָרן, מיט וועלכע מיין משפּחה האָט זיך געפונען אין כסדרדיקן פאַרקער, האָב איך זיך דערוווּסט פיל אויסטערלישע זאַכן: אַז סטודענטן מאַכן „סכאָדקעס“ און בונטעווען זיך, אַז מע זאָגט „וויטער קאָן שוין אַזוי נישט זיין“, און אַז מען וואַרט אין גאַנץ רוסלאַנד אויף אַ... קאָנסטיטוציע (פאַר מיר האָט דאָס וואָרט געקלונגען טערקיש) און — אויף וואָס איך האָב ספּעציעל אָנגעשפּיצט די אויערן — אַז אין דעם קישעניעווער פּאָגראָם זענען שולדיק די „גאָר הויכע פענצטער“ אַזש פון פּעטערבורג. און דערביי האָב איך זיך דערוווּסט איינצלהייטן, נישט נאָר וועגן די דערהרגעטע און צעקאַליעטשעטע יידן, פאַרגוואַלטיקטע יידישע טעכטער, וועגן פוך פון צעשניטענע יידישע פּערענעס, וועלכער האָט באַדעקט די גאַסן פון קישעניעוו, נאָר אויך וועגן דעם, אַז די פּאָליציי האָט זיך נישט נאָר צוגעקוקט ווי מען מאָרדעט און ראַבעוועט יידן, נאָר האָט אַרעסטירט און מערדערלעך געשלאָגן יידישע „קצבים-יונגען“, וועלכע האָבן געפּרוּווט פאַרטרייבן די „גראָמילעס“, וואָס האָבן געטראָגן דעם פּאָרטרעט פון „צאַר-באַטיושקאַ“ און געזונגען „באָזשע צאַריאַ כראַני“.

צוריקקערנדיק זיך אַמאָל, אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג, פון דער דירה פון אַ געוויסן וואָיאַזשאָר מיטן נאָמען קאַווענאַקי, ווו מיר זענען געווען צו גאַסט און ווו איך האָב זיך אָנגעהערט מיט די אַלע מעשיות, האָב איך זיך דער עיקר אינטערעסירט מיט די קישעניעווער קצבים, וועלכע זענען מיט זייערע מעסערס אַרויס צו פאַרטרייבן די „גראָמילעס“.

אַן ערך אין דער זעלבער צייט איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט אַ פּאָר שול-חברים אונטער דער השגחה פון דער מוטער פון איינעם פון זיי, פרוי ראַטנער צו גיין אינעם דייטשישן טעאַטער אויף דזשעלנע-גאַס (היינט נאַרוטאָוויטש) אויף שילערס טראַגעדיע: „ווילהעלם טעל“. ווען

עס איז דערגאַנגען צו דער סצענע, ווען ווילהעלם טעלל הערמאָרדעט דעם טיראַן געסלער, האָט די „גאַליאָרקע“ אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן, טופּען מיט די פֿיס און שרייען: „טויט די טיראַנען! זאָל לעבן די פֿרייהייט!“ דאָס איז געווען די ערשטע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געזען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

עפּעס איז אין מיר פֿאָרגעקומען. איך בין שוין נישט געווען דער זעלבער ווי פֿריער. איך האָב אָנגעהויבן צו פֿאַרנאַכלעסיקן די לימודים אין דער שול. די ביכער פֿון מאין ריד, וואַלטער סקאָט, זשול ווערן האָבן מיך אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן. דאָס ערשטע מאָל איז מיר דעמלט אריינגעפֿאַלן „תחית המתים“ פֿון ל. נ. טאָלסטאָי, וואָס האָט אויף מיר אַ געוואַלדיקן רושם געמאַכט. מיין דרך־ארץ צו „מלכות“, צום קיסר, — איז שטאַרק געבראָכן געוואָרן. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דעמלט דערפֿילט, אַז איך האָב נישט בלויז ליבע, נאָר אויך האַס און פֿאַראַכטונג אין האַרצן. צו וועמען? צו אַזעלכע, וועלכע מאָרדן, קאַליעטשען אומשולדיקע זקנים, פֿרויען און קינדער און בלייבן אומבאַשטראָפֿט; צו דעם צאַר־באַטיושקאַ, וועלכער זיצט אין זיינע „גינגאָלדענע פּאַלאַצן“, צו יענע, וועלכע זינגען „הנותן תשועה למלכים“ און אָנשטאָט פֿאַרטיידיקן זיך, ווי די קישיעניעווער קצבים האָבן געטאָן, לויפֿן זיי צו דער פּאָליציי בעטן רחמים; צו די אַלע, וועלכע באַציען זיך מיט ביטול צו „שוסטער־יונגען“, קבצנים, בעל־עגלות און סתם „פּראָסטאַקעס“; צו די, וועלכע קומענדיק פֿון אַ הספּד נאָך די קישעניעווער הרוגים, האָבן זיך ביי זיך אין שטוב אָנגעזעצט... שפּילן אַ „פּרעפֿעראַנס“. אין מיר האָט געקאָכט און געבריזט.

אין דער זעלבער צייט איז מיר אין האַנט אריינגעפֿאַלן אַ גראָב בוך פֿון פּיסאַרעווס ווערק, וועלכן די מאַמע האָט געבראַכט פֿאַר זיך צו לייענען. בלעטערנדיק דאָס בוך האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פֿאַר־קנייטשטער זייט, ווו איך האָב דערזען דעם טיטל: „בינען“. דאָס איז אַ פּרעכטיקע אַלעגאָריע וועגן דער גרויסער מאַסע אַרבעטנדיקע און דעם קליינעם הייפֿל „טרוטניעס“, וועלכע לעבן פֿון זייער האָרעוואַניע. אָט די אוטאָפּיש־סאָציאַליסטישע אַלעגאָריע איז געווען דער ערשטער שטויס פֿאַר מיר צו פֿאַראינטערעסירן זיך מיט סאָציאַלע פֿראַגן.

אויפֿן שוועל פֿון יוגנטלעכער רייפֿקייט האָב איך געפֿילט אַן אי־נערלעכן דראַנג צו דערנעענטערן זיך צום פּשוטן אַרבעטס־מענטש, צו די „פּראָסטאַקעס“. ווי נאָר איך פֿלעג אָפּעסן מיטאָג, פֿלעג איך זיך אַרויס־

לאָזן אויף וויסבאָדניע און נאָוואָמיעיסקע גאַס און דער עיקר אויף באַלוט, ווו איך האָב שנעל געפונען צענדליקער פריינד צווישן קינדער פון מיין עלטער און עלטערע מענטשן.

צווישן אָט דעם נייעם קרייז מיינע באַקאַנטע האָב איך געפונען אַזאַ תהום פון דלות און נויט, אַז איך האָב זיך עס נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אַ וועב־שטול, וואָס פאַרנעמט דריי פערטל פונעם צימער, ביי וועלכער אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער אַרבעט און רעדט זיך אַזוי געמיטלעך צו זיך אַליין: „גליטש זיך, שיפעלע, גליטש זיך, אָט אַזוי, רעכטס—לינקס, און ווידער אַמאָל רעכטס. זאָלסט נאָר דעם פאָדים נישט צערייסן, וואָרום מיינע אויגן זענען שוין אַלט, און עס וועט ביי מיר דויערן ווער ווייס ווי לאַנג, ביז איך וועל ווידער פאַרקניפן, און קיין ברויט איז נישטאָ". און פאַרנאַכט איז געקומען זיינער אַ זון — אַ סטאָליער פון דער אַרבעט, און אַ טאָכטער, מיט אַן אייניקל — פון מאַרק, וועלכע איז געווען די „באַשפייזערין" פון דער גאַנצער משפחה, ווייל זי האָט געהאַט „אייגענע" קאַרטאָפליעס און רעטעך. דער זיידע, דער לוין־קעטניק האָט געשיקט נאָך הערינג, און דער זון, דער סטאָליער האָט „געפונדרעוועט" דישקינס „אויפ־שניט" און די גאַנצע משפחה האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן אויפן הינקע־דיקן טישל, אויף דער וועב־שטול, אויף דער איינגעפאַלענער קאַנאַפּע און „הנאה געהאַט פון דעם לעבן", ווי דער ווייציקער וועבער האָט געזאָגט. דאָס זענען געווען מיינע ערשטע באַקאַנטע אין באַלוט.

איך בין אויך געווען אַן אַריינגייער אין אַ הויז פון אַ „קאַטאַרינ־שטשיק", ווו איין ברודער איז געווען אַ שוסטער, און דערצו אַן „אַחדות־ניק" (אַזוי האָט מען דעמלט גערופן די בונדיסטן), אַ שוועסטער — אַ נייטאָרין (אין 1906 יאָר אַראָפּ פון דרך־הישר און „געדרייט זיך" אויף קאָנסטאַנטינער גאַס), אַן אַלטער טאַטע, אַ געוועזענער קצב, וועלכער האָט מיר דערציילט וועגן לאָדזשער בונט פון 1892 און וועגן דעם, ווי פּאָליציע און די פאַבריקאַנטן, די „בלוט־זויגער" האָבן געוואָלט אָנרעדן די אַרבעטער אויף צו שלאָגן יידן. אָבער די אַרבעטער האָבן מיט שטיינער באַוואָרפן די פּאָליציי און מיט אייזנס און די הענט „נישט געלאָזט משעפען" די יידן. „עס האָט אויף אונדז געציטערט די הויט, אָבער די אַרבעטער האָבן צו קיין פּאָגראָם נישט צוגעלאָזט, כאָטש עטלעכע יידן זענען, נעבעך, צעמזיקט געוואָרן". — „און די פּאָליציי און די נאַטשאַל־סטוואָ" האָט געוואָלט עס זאָל זיין אַ פּאָגראָם?" — פרעג איך בתמימות איבער. — „סאַראַ קינד דו ביסט, ווי דען זשע? און ווער, מיינסטו, האָט

געמאַכט דעם פּאָגראָם אין קישענעוו? איי, איי, דוכט מיר אַ סטודענט, מיט גאָלדענע קנעפּלעך, מיט אַ צאַצקע אויפֿן היטל — און פֿאַרשטייט גאָרנישט“. ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און שטיל אַ זונג געטאָן אין אויער אויף פּויליש: „אַ קאָלאָר יעגאָ יעסט טשערוואָני, באָ נאַ נים ראָבאָטניטשאַ קרעוו“.

צענדליקער, צענדליקער אַזעלכע באַקאַנטשאַפֿטן האָב איך געשלאָסן. אַ סך פֿריינד, קינדער פֿון מיין עלטער, און עלטערע האָב איך געקראָגן. צוויי גרופּן האָבן זיך געשאַפֿן פֿון דערוואַקסענער יוגנט, וועלכע כ'האָב געלערנט רוסיש, לייענען און שרייבן, ווי אויך אַריטמעטיק און געאָגראַפֿיע. איך פֿלעג דערציילן דעם אינהאַלט פֿון לאַנגע ראָמאַנען און נאָוועלן. איך האָב זיך פֿון די פּשוטע איינוווינער פֿון די גאַסן פֿון דער יידישער אָרעמקייט — אין באַלוט און אַנדערע מיילן פֿון שטאָט — דערוווּסט גאָר אַ סך וועגן לעבן פֿון פּשוטע מענטשן, יידן און נישט יידן, וועגן שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס אין לאָדזש און אומגעגנט מיט יאָרן צוריק, און דערציילט האָבן זיי בילדלעך, לעבעדיק, מיט פֿאַנטאַזיע, אָבער אויך מיט ברען און טיפֿער איבערצייגונג, אַז עס „מוז צו דעם אַלעם נעמען אַ סוף“, אַז „מיקאָלייקע“ וועט שוין לאַנג נישט דערציען“.

מיין ליבער טאַטע האָט געהאַט עגמת נפֿש פֿון מיין באַנעמען זיך. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט שטערן מיין „קאַריערע“. ער האָט ווידער און ווידער אַמאָל איינגעקנעלט אין מיר: אַז „וויסן, בילדונג — איז דער עיקר“. אַז קודם כל, דאַרף מען זיך לערנען. האָב איך אים געענטפֿערט וועגן בזשעזשינער, ווסכאָדניע און זגערזשער גאַס. איז ער מיט מיר אַוועק צו אונדזער הויז=פֿריינד, ד“ר באַמאַש, — וועלכער איז געווען אַ דאָקטער — אַן „אידעאַליסט“ און האָט די אָרעמע יידישע באַפֿעלקערונג געהיילט אומזיסט (געווען אַ וויציקער ייד, וועלכער האָט געקאָנט דעם לאָדזשער רב, רבי אליהו חיים מייזל אַלס זיין פּאַציענט זאָגן: „אַ ניקאַ, דרייט זיך איבער מיטן אתה הראית צום עולם“), און האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף מיר. האָט ער גענומען מיין טאַטן אין זיין קאַבינעט און מיר געלאָזט איבערקוקן פֿאַרשידענע בילדלעך. אַרויסגייענדיק איז דער טאַטע געווען אַ שיינענדיקער. ד“ר באַמאַש האָט מיר געגעבן אַ גראָב פֿריש=איינגעבונדן בוך מיט אַ שער=בלעטל, ליפּערטס „די געשיכטע פֿון קולטור“. אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אונטער דעם קאַפּל איז געווען איינגעבונדן אַ ריי אַנדערע „זאַכן“, צווישן די זייטן פֿון ליפּערטס ווערק. ער האָט מיר געוויזן אויף צוויי זייטלעך און געהייסן איבערלייענען. דאָס

איז געווען פּיאָטר קראָפּאָטקינס ווענדונג צו דער יוגנט, אין וועלכער ער קלערט אויף, אַז יעדער יונגערמאַן, וועלכער וויל זיין אַן ערלעכער דאָק־טער, אינזשיניער, לערער א.ד.ג. און דינען דעם פאָלק, מוז קעמפן פאַר פרייהייט. איך האָב זיך ממש מחיה געווען. און דער טאַטע איז אויך געווען צופרידן... נייע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן צו עפע־נען.

דער באַראָמעטער זאָגט אָן: שטורעם

ווען עס איז אין אָנהייב 1904 יאָר אויסגעבראָכן די רוסיש-יאַפּאַ-נישע מלחמה, בין איך שוין געווען כמעט אַ 15-יאָריק בחורל. די ערשטע פּאָרויסזאָגונגען, אַז דער צאַר וועט פאַרשפּילן די מלחמה מיט יאַפּאַן, האָב איך געהערט פון די באַלומער האָרעפּאַשניקעס. זיי האָבן מיר אויך דערציילט וועגן צאָלרייכע שטרייקן, און בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט קאָזאַקן, סאָלדאַטן און פּאָליציי אויף די לאָדזשער פאַבריקן. איך האָב געשלונגען זייערע ווערטער. „ס'טייטש — האָב איך געטראַכט — איך בין דאָ די גאַנצע צייט אין לאָדזש, און נישט פון טאַטן, נישט פון די קרובים, נישט דאָרטן, ווו איך בין געווען „צוגאַסט“ האָב איך דערפון נישט גע-הערט. איך האָב געהערט מכוח פּעטערבורג, קאַווקאַז סיביר אָבער וואָס דאָ, אין לאָדזש טוט זיך אונטער דער נאָז וויסן זיי נישט אָדער באַהאַלטן אויס פאַר מיר. דאָס האָט מיר געגעבן אַ סך צו טראַכטן.

איינמאָל, נאָך אַ לענגערן שמועס אויף באַלוט, קום איך אַהיים און פרעג דעם טאַטן אָן שום חכמות און דריידלעך: „איז עס אמת, אַז אויף שייבלערס פאַבריק זענען פּרויען, וואָס אַרבעטן דאָרט, באַפאַלן דעם דירעקטאָר און צעשלאָגן אים דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט באַגיין אַ געוואַלדטאַט איבער אַן אַרבעטער-מיידל; דאַן זענען געקומען קאָזאַקן און האָבן די אַרבעטער-מיידלעך צעשלאָגן און די פּרויען אַרעסטירט פאַר „בונטעווען“ זיך? איז עס אמת, אַז אויף אַנדערע פאַבריקן געפינען זיך כסדר קאָזאַקן און וואָס טוען זיי דאָרט? איז עס אמת, אַז קאָזאַקן האָבן צעטריבן אַ לוויה פון אַן אַרבעטער? פאַרוואָס? און פאַרוואָס דער-ציילט ער מיר זאַכן פון דער גאַנצער וועלט, אָבער נישט פון לאָדזש?

„מיין קינד — האָט מיר מיין טאַטע אויפריכטיק געענטפערט — וועגן אַ סך זאַכן האָב איך אַליין נישט געוווּסט, וועגן אַ טייל זאַכן האָב איך געוווּסט, — נאָר דיר דערציילן נישט געוואָלט, ווייל דו דאַרפסט זיך

נאָר לערנען, לערנען, לערנען און נישט אַריינמאָן זיך אין אַ ז ע ל כ ע זאַכן. דו וועסט נאָך צייט האָבן!“

צו יענער צייט האָב איך געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט אויך מיט נישט־ייִדישע אַרבעטער פֿון פּאָזנאַנסקיס פֿאַבריק. איך האָב אָנגעהויבן צו פֿאָרן מיטן טראַמוויי (דאָס איז דעמאָלט געווען אַ לאָדזשער יחוס, ווייל וואַרשע האָט נאָך קיין עלעקטרישן טראַמוויי נישט געהאַט, נאָר אַ טראַמוויי איינגעשפּאַנט אין פֿערד) אויף „גורני“ און „וואָדני“ רינעק, אויף ווידזעוו. און אַז מען זוכט געפֿינט מען! און איך האָב דערזען, וואָס עס הייסט צו זיין אַן „אַרבעטאָרער“ אין די גרויסע רויכערנדיקע פֿאַבריקן, אין וואָס פֿאַר אַ גיהנום זיי לעבן, ווי גרויס איז דער קאָנטראַסט צווישן זייערע לעבנס־באַדינגונגען און פֿון די „לאָדזשער מענטשן“, מיט וועלכע איך פֿלעג זיך טרעפֿן. איך האָב אָנגעהויבן צו באַגרייפֿן פֿון וואַנען עס נעמט זיך דער גייסט פֿון מריבה ביי זיי, פֿאַרוואָס זיי זענען אַזוי פֿאַרביטערט, פֿאַרוואָס האַלטן די פּאָזנאַנסקיס, שייבלערס, גייערס און זילבערשטיינס קאָזאַקן אויף די פֿאַבריקן. צום ערשטן מאָל האָב איך אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 1904 דערזען אַרויפֿוואַרפֿן אַ רויט פֿענדל מיט אַן אויפֿשריפֿט „וואָלנאָשטש“, און געזען ווי עלטערע און יונגע אַרבעטער נעמען פֿאַר דעם פֿענדל אַראָפּ די היטלען, און חזרן איבער דאָס וואָרט „וואָלנאָשטש“... צום ערשטן מאָל בין איך געקומען צו זען אויף די גאַסן מענטשן פֿאַרחלשטע פֿון הונגער .צום ער־
געקומען צו זען אויף די גאַסן מענטשן פֿאַרחלשטע פֿון הונגער. צום ער־
שטן מאָל איז מיר אין דעם זעלבן יאָר אויסגעקומען צו זען — נישט איין צופּעליקע, נאָר אַ ר יי גאַסן־מאַניפֿעסטאַציעס, ווו אויף פּויליש, ייִדיש און דייטש — האָט מען די זעלבע רופֿן געוואָרפֿן:

„נידער מיט דעם צאַר! זאָל לעבן די פֿרייהייט!

און די פּאָליציי האָט זיי מיט דער הילף פֿון מיליטער פֿאַנאַנדערגעטריבן, געשלאָגן מכות רצח און צעבלוטיקטע, צעביילטע געשלעפּט אין די „צירקלען“ אַריין.

זייענדיק אַ צופּעליקער עדות פֿון אַזעלכע גאַסן־מאַניפֿעסטאַציעס אויף ראָג צעגעלניאַנע און פּיעטריקאָווער, בין איך צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק אַנדערע פֿאַרבייגייער אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ נישע פֿון אַ טויער. נאָכן אָפּרייניקן די גאַס פֿון די דעמאָנסטראַנטן, איז אַן אָפֿיציר מיט דריי סאָלדאַטן געגאַנגען פֿון טויער צו טויער, אַריינגעקוקט אין די פּנימער פֿון די מענטשן, אַרויסגעשלעפּט יענע, וועלכע האָבן געטראָגן אַרבעטער־

בלוזעס, מיטפֿישע אַרבעטער־היטלען און מיט קלעפּ זיי אַרויסגעשטופּט אויפֿן מיטן גאַס, ווו זיי זענען אַרומגעריגלט געוואָרן דורך זעלנער. צו מיר — אַ דאַרינקן, קליינעם ייִנגעלע, אין אַ מונדירל פֿון אַ האַנדלסשול, מיט אַ געדיכטער שעוועליור שוואַרצע האָר איז בריל אויף דער נאָז, איז צוגעגאַנגען אַן אָפֿיציר און פֿרעגנדיק: „אוטשעניק, טשטאָ טי זדיעס דיעלאַיעש?" („שילער, וואָס טוסטו דאָ?"), האָט ער מיר אַזאַ זעץ געגעבן מיט אַ נאַהייקע איבערן קאָפּ, אַז דאָס היטל איז געוואָרן צעריסן, דער קאָפּ פֿאַרוווּנדעט. און אַז איך בין געקומען אַהיים זענען מיינע האָר געווען צונויפֿגעקלעפּט פֿון בלוט. דאָס איז געווען מיין ע ר ש ט ע ב אַ ג ע ג ע נ י ש מיטן צאַריזם. איך האָב אָנגעהויבן משיג צו זיין מיט מיינע רמ״ח אברים און גידים בלויז מיט מיין אָרעמענקען באַוווּסטזיין דעם טייטש פֿונעם וואָרט „סאַמאָדיערזשאַוויע".

די מלחמה מיט יאַפּאַן האָט פֿאַרכאַפּט דעם דורכשניטלעכן לאָדזשער מענטש, אפֿילו פֿון פֿיעטריקאָווער גאַס און פֿון די קאַוויאַרניעס. קודם כּל זענען די געשעפֿטן אינעם „פּוילישן מאַנטשעסטער" געגאַנגען שלעכט. די טעקסטיל־אינדוסטריע האָט שטאַרק געליטן פֿון דער מלחמה. די קאָמיוואָיאַזשאָרן האָבן נישט געקאָנט צוקומען ווו זיי ווילן, צוליב דעם, וואָס אַלע באַנען זענען פֿאַרנומען געווען מיט מיליטער און זיי האָבן געשאָלטן „פּאָניען" מיט אַלע קללות פֿון דער תּוכחה און געלויבט אין הימל אַריין די יאַפּאָנישע... קולמיר. פֿון יעדער רייזע, וואָס די וואָיאַזשאָרן פֿלעגן מאַכן, זענען זיי געקומען מיט איובֿס בשׂורות וועגן רוסישע מפּלות, וועגן וועלכע זיי פֿלעגן דערציילן מיט אויגן פֿינקלענדיקע פֿון פֿרייד. ספּעציעל האָבן זיי אָנגעקוואָלן פֿון די מעשׂיות וועגן מיסבריוכן און גנבֿות, ווי, למשל, אַז גאַנצע וואַגאָנען און אפֿילו צוגן מיט בהמות, וואָפֿן און אַמוניציע פֿלעגן פֿאַרשווינדן. אַזוי, אַז מיר, שול־קינדער, האָבן געשאַפֿן אַ ווערטל: „קוראָפּאַטקין — סקאָטאָקראַדקין". אין דעם „געשעפֿט" האָט דער „גלאַוונאָקאָמאַנדויושטשי" גענעראַל קוראָפּאַטקין בעצמו ובכבודו געהאַט אַ יד. אין שול פֿלעגט מען אונדז לערנען פּאַטריאָטישע לידער, וועלכע מאַכן חוזק פֿונעם „מיקאַדאָ" (יאַפּאַנישער מאָנאַרך) און לויבן די „גבֿורה" פֿונעם „ווייסן פּראַוואָסלאַווּנעם צאַר", וועלכער וועט פֿון די „יאַפּאָשקעס" אַ תּל מאַכן. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן די צאַרישע מפּלות און כּפּעציעל וועגן פֿאַלן פֿון פּאָרט־אַרטור — האָבן מיר אין דער שול, ווו איך האָב זיך געלערנט, געשמייכלט דעם לערער פֿון רוסישער שפּראַך און געשיכטע — אַ טעמפּן עם־הארץ אין געשיכטע, אָבער אַ געג=

צנדיקן קענער פון רוסיש, אַ מאָנאַרכיסט, אַנטיסעמיט און אַ שונא פון פאָליאַקן — דאַנילאָווסקין „תמימותדיקע" פראַגן, ווי למשל, ווען וועלן „מיר" סוף=כּל=סוף „מיט היטלען פאַרוואַרפן" („שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם") די „געלצורהדיקע „יאַפּאָשקעס". אונדזער טפּש בן פיקחאָליץ פלעגט מיט אַן ערנסטער מינע ענטפערן „בודיעט, בודיעט — ניע בעזפּאָקאָיטיעס" („ס'וועט שוין זיין — זייט רואיק").

איינמאָל האָט אַ וויציקער יידישער שילער, קאַפּראָווסקי, אַרויסגערופן אַ הילכיק געלעכטער אין קלאַס מיט אַ באַמערקונג מכּוח דער מפּלה פון פּאָרט=אַרטור: „נו, מילא (נו, טשטאָזש!), פּאָרט=אַרטור איז נישט קיין קישיניעוו". אַלע קינדער אָן אויסנאַם האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין דערפון, אַחוץ דעם חכם=עתיק, דעם לערער, וועלכער האָט, ווי דער תם פון דער הגדה געפרעגט: „פרי טשאָם טוט קישיניאָוו?" (וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט קישיניעוו?). דאָס געלעכטער איז געווען אַזאַ ברויזנדיקס, אַז די לעקציע האָט נישט געקאָנט קומען צו אַ סוף. דער אינצידענט איז באַקאַנט געוואָרן אין ברייטע קרייזן פון שטאָט.

אויף באַלוט און אויף פּיעטריקאָווער, אין די חושכדיקע פאַבריק=דירות פון פּאָזנאַנסקים אַרבעטער און אין די וווינונגען פון די סוחרים, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן איז מען געווען איבערצייגט אין דער ענדגילטיקער מפּלה פונעם צאַר, און מען האָט דאָס אים געווונטשן.

אין שטאָט איז קיין טאָג נישט אַריבער אָן קאָנפליקטן אויף די פאַבריקן, גאַסן=מאַניפעסטאַציעס, טעראָר=אַקטן קעגן פאַרהאַסטע מייסטערס אויף די גרויסע פאַבריקן, קעגן באַזונדערס אַכזריותדיקע פּאָליציי=אָפיצירן. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שטורעם...

און דאָ האָב איך פלוצעם באַקומען אַן איינלאַדונג, וואָס איז פאַר מיר געווען אַן איבעררעשונג. דער לאָדזשער רב, ר' אליהו חיים מייזל האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, באשר בכן — ער האָט באַקומען אַ בריוו פון מיין זיידן (דעם רוזשינאַיער — זיינעם אַ פערזענלעכן באַקאַנטן), ער זאָל זיך מיט מיר אַדורכשמועסן, וואָרום ער האָט מורא, אַז איך זאָל נישט אַרויס לתרבות רעה. אַן ערך אַ האַלבע שעה האָט דער פּאַטריאַרכאַלער ייד מיט אַ ווייסער באָרד מיט מיר געשמועסט. און צום סוף געעצהט, איך זאָל אויף אַ יאָר אַוועקפאָרן אַהיים, קיין רוזשינאַי, אָדער קיין בריסק — צום צווייטן זיידן, „עד יעבור זעם" („ביז דער שטורעם וועט אַריבער"), וואָ=

רום אין שטאָט איז „אומרואיק“ און „איין השם יתברך ווייסט, וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען“. האָב איך אים מיט הרך־ארצדיקן שווייגן אויסגעהערט און ביים געזעגענען אים געזאָגט: „ניין, רבי, איך וועל זיין אין לאָדזש אין וואַרטן „עד יבוא זעם“ („ביז דער שטורעם וועט קומען“). געזעגענדיק זיך מיט מאַמען האָט דער רב אים געזאָגט: „איך האָב מורא פאַרן קינד“.

אין דערוואַרטונג פון עפּעס

ווי נאָר עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען ידיעות וועגן די מפּלות פון דער צאַרישער אַרמיי אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, זענען די קאָמיוואָיאַזשאָרן געוואָרן די פּאָפּולערסטע פיגורן פון לאָדזשער „סיטי“ — פון דער פּיעטריקאָווער גאַס. אַ חוץ די פּאָר מאָגערע צייטונגען — פּעטערבורגער, וואַרשעווער און לאָדזשער — וועלכע מען פלעגט קנאַפּ וואָס גלייבן, זענען די וואָיאַזשאָרן, וועלכע פלעגן קומען פון אַ „רייזע“ אין טיף רוסלאַנד, געווען די הויפּט־אינפאָרמאַטאָרן מכוח דעם, וואָס עס הערט זיך אין „פּאָליטיקע“ און זייערע ידיעות פלעגן זיך פאַרשפּרייטן פון מויל צו מויל.

אין לאָדזש גופא איז נישט אַדורך קיין טאָג, עס זאָל נישט געשען קיין „אומרוען“ פון אַ גרעסערער און קלענערער מאָס. דאָ — האָבן פרויען צעשלאָגן אַ מייסטער, דאָרט — האָבן קאָזאַקן באַזעצט אַ פאַבריק. פאַרחלשטע פון הונגער מענטשן, דער עיקר — אַלטע לייט און פרויען — פלעגט מען טרעפן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט — (בפועל ממש אָן קיין מינדסטער גוזמא) און אָפט האָבן אַזוינע „קלייניקייטן“ אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג און צאָרנדיקע אויסגעשרייען, אימפּראָוויזירטע מאַניפעסטאַציעס. עס שטייט אַ גרופּע אַרבעטער איבן „גורניאַק“, אָדער אין ווידזעוו, אויף באַלוט אָדער ווסכאָדניע, און אין מיטן דרינען גייט זי אַרויס אין מיטן גאַס, זינגענדיק דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר“, אָדער „וואַרשאַוויאַנקאַ“. זיי גייען זיך פאַנאַנדער, איידער די פּאָליציי קומט. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי געווען, וואָס דורכגייער, הויז־וועכטער, דראָזשקאַזשעס, טרעגער פלעגן אין אַזעלכע פאַלן אָפט אַראָפּנעמען די היטלען.

אין די אָוונט־שעהן האָט פּיעטריקאָווער גאַס אָנגעהויבן צו באַקומען אַן אַנדער פּנים. אַחוץ די געוויינלעכע שפּאַציר־גייער האָבן זיך באַוויזן נייע געשטאַלטן, געקליידט ווייט נישט לויט דער לעצטער מאָדע, אָדער יונגעלייט אין פּעלערינעס און קאַפּעליושן מיט ברייטע ראַנדן, וועלכע האָבן

זיך געשושקעט. פון צייט צו צייט פלעגן פאַלן אויסגעשרייען: „נידער“ און „עס לעבע“. די „אַנשטענדיקע“ שפּאַצירער פלעגן ביסלעכווייז פאַרשווינדן, דער עיקר ווען זיי פלעגן דערהערן פון דערווייטנס דאָס קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס, וואָס עס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז אַ מיליטערישער פּאַטראָל דערנעענטערט זיך. אויף מאָרגן אין דער פרי פלעגן די געוויינלעכע „לאָדזשער מענטשן“, דערליידיקנדיק זייערע געוויינלעכע געשעפטן, זיך אויך שושקען, געוואונטשן „פאָניען“ אַ „וויסטע, פינצטערע מפּלה“ און געטענהט: „ניין, עס וועט אַזוי גלאַטיק נישט אָפּגיין. עפּעס מוז געשען“. אָט דער „עפּעס“ איז געהאָנגען אין דער לופטן. און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי געשאָטן פעך און שוועבל אויף די אַרבעטער, וועלכע ווערן אַלץ „חוצפּהדיקער“ און מאַכן כסדר שטרייקן, ווען... „די געשעפטן גייען אַזוי שלעכט“.

אין די שולן — די פּאָר האַנדלס-שולן, גימנאַזיעס, „האַנדל-אינדוסטריעלע שולע“ (אַ מין רעאַל-שול מיט אַן אינדוסטריעלער ריכטונג), אין דער האַנטווערקער-שול איז אויך פאָרגעקומען אַן איבערברוך אין דעם נאָרמאַלן גאַנג און שטייגער. אויף די פויזעס זענען פאַרשוווּנדן לודוויקאָווסקיס (אַ באַקאַנטער קופּלעטיסט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק) קופּלעטן, ווי „יעדזשע סאָביע פּאַנטאָפליע, יעדזשע טו אי טאַם“, אָדער „באָ יעסטעם סטראַזשאַק יאַקיד טו מאַלאָ“ (אַ האַלב-פּאָרנאָגראַפישער קופּלעט), ווי אויך רוסישע שול-לידער אויף דער טעמע, למשל, אַז קאָפּערניק, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געמאַטערט, כדי צו באַווייזן, אַז די ערד דרייט זיך, וואָלט דאָס געקאָנט דערווייזן אויף אַ פּשוטן אופן — נעמען און אָנשיכורן זיך, דאָס זעלבע ליד מיט אייזעק ניוטאָן, אַנשטאָט צו מאַטערן זיך, כדי צו באַגרינדן דעם פיזישן געזעץ פון גראַוויטאַציע — נעמען און... פאַרליבן זיך, וואָלט ער זיך גלייך איבערצייגט, אַז „קערפּער ציען זיך צו“, און אַנדערע שיכורים-לידלעך פון „קראַמבאַמבולי“-טיפּ און ווי גוט עס איז וויין צו טרינקען „פּשי שקלאַנצע אי קאָכאַנצע“. דאָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן און אויף זייער אָרט זענען נייע לידער געקומען: די מאַרסעליעזע, די „וואַרשאַוויאַנקע“ און בייזע קופּלעטן וועגן דער שול-מאַכט, וועגן דער קאָרופּציע און אויסגעלאַסנקייט אין די הויכע צאַרישע ספערן. עס האָבן זיך אין די שולן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פאָטאָגראַפיעס פון די פאַרמשפּטע פירער פונעם „גרויסן פּראָלעטאַריאַט“ אויף קאַטאָרגע מיט קייטן אויף די פיס, ווי אויך די בילדער פון סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ און זשעליאַבאָוו, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער דערמאָרדונג פון

דעם צאַר, אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. עס זענען שוין געווען פֿאַלן פֿון אויסשטעכן די אויגן דעם צאַרישן פּאָרטרעט, וואָס איז געהאָנגען אין די שולן, ווי, למשל, אין דער האַנטווערקער שול. אין מיין שול האָט אַ חברה עלטערע שילער געמאַכט אַזאַ מערקווירדיקן וויץ: צונויפֿגעזאַמלט פֿון צוויי קאָרידאָרן אַלע היטלען און אַוועקגעלייגט זיי אויף דער קאַטעדרע פֿונעם שוין דערמאָנטן פֿאַרהאַסטן לערער — מאָנאַרכיסט, וועלכער האָט כסדר איינגעקנעלט אין אונדז, אַז עס איז אויף דער וועלט נישטאָ אַזאַ קראַפֿט, וועלכע זאָל קאָנען באַשטיין דעם „רום און מאַכט פֿונעם ווייסן צאַר“, און דערביי געלערנט אונדז געגראַמטע שטותערייען מכּוח דעם, סאַראַ שוטה דער „מיקאַדאָ“ (יאַפּאַנישער אימפּעראַטאָר) איז. ווען דער לערער איז אַריין אין קלאַס, האָט ער געפֿרעגט, וואָס דאָס באַטייט, האָט אים אַ דייטשיש יינגל מיטן נאָמען ביטנער, געענטפֿערט תמימותדיק, אַז „מיר ווייסן אַליין נישט, נאָר אויף דער קאַטעדרע ליגט אַ בריוו“. דער לערער האָט גענומען לייענען אויפֿן קול. לאָזט זיך אויס, אַז אינעם בריוו איז געווען געשריבן, אַז די שילער פֿון דער האַנדלס־שול אַזאַ און אַזאַ, שטרעבנדיק בייצושטייערן צום נצחון איבער דעם פֿרעכן און נאַרישן מיקאַדאָ, שענקען זייערע היטלען, כּדי עס זאָל לייכטער זיין „צו פֿאַרוואַרפֿן די יאַפּאַשקעס מיט היטלען“. אַ הילכיק געלעכטער פֿון גאַנצן קלאַס האָט איבערגעריסן די לעקציע. דער גרימצאָרן פֿונעם לערער איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם טאָוול, ווו דער שפּילינקער און באַשיידענער ביטנער — אַ זון פֿון אַ פּריזירער אויף בענעדיקט־גאַס — וועלכער האָט געהאַט גרויסע פֿעיִקייטן צו מאָלעריי און צייכענונג, האָט צוגענאָגלט אַ קאַריקאַטוראַלן פּאָרטרעט פֿונעם צאַר ניקאָליי דעם צווייטן מיט קעצישע וואָנסעס און אונטערגעשריבן אַ שורה פֿון קרילאָווס משל: „סילניע קאָשקי זוועריאַ ניעט“, אַז עס איז נישטאָ קיין חיה, וואָס זאָל זיין שטאַרקער ווי אַ קאַץ.

איך האָב דעם דאָזיקן אינצידענט דעם זעלבן טאָג פּאָפּולער געמאַכט צווישן מיינע פֿריינד אויף באַלוט. אויף מאָרגן האָט מען וועגן דעם גערעדט אויף פּיעטריקאָווער גאַס. ביי די וועבער, שוסטער, פּריזירער פֿון באַלוט, ווסכאָדניע און זאַוואַדזקע גאַסן האָט דאָס אַרויסגערופֿן אַ פֿריילעכקייט, אויף פּיעטריקאָווער גאַס — אַ געלעכטער און... באַזאָרגטקייט „עס איז אַלץ זייער שיין, אָבער וואָס וועט ווערן פֿון אונדזערע קינדער“. אין אָוונט פֿלעגן טאַטעס און מאַמעס אַרויסגיין אויף פּיעטריקאָווער און שרעדניע גאַס אויף אַן „אויסשפּיר“, צו זייערע קינדער אין

שול=עלטער שפּאַצירן נישט צוזאַמען מיט די „פּאַרדעכטיקטע“ יונגעלייט
אין פּעלערינעס אָדער — אָפּגעהיט זאָל מען ווערן — מיט „פּשוטע“ אַר=
בעטער. אַפילו שרעדניע גאַס, וועגן וועלכע טאַטעס — בעלי=עברה'ניקעס
פלעגן מיט „שטאָלץ“ רעדן: מיין עלטערער זון שפּאַצירט שוין אויף שרע=
דניע (וואָרום אויף שרעדניע גאַס איז געווען די פּרויען=גימנאַזיע, נישט
ווייט פון דאָרט דער העלענאָוו, און שול=יוגנט פלעגט גיין אַהין פלירטע=
ווען מיט גימנאַזיסטקעס) — איז איצט טמא געוואָרן, וואָרום דאָרט זענען
געווען „ביירזשעס“, און... „ווער ווייסט, וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען“.
אַזוי, אַז די שילער פון די עלטערע קלאַסן, וועלכע האָבן געהאַט אין זינען
בלויז פלירט אָדער שידוכים=זוכעריי, האָבן זיך געמוזט אַריבערטראָגן אין
דעם יונגינקן „ניקאָלאַיעווסקי פּאַרק“ אויף דער דעמלטיקער ניקאָלאַיעוו=
סקער גאַס (הייגט שענקעוויטש גאַס).

מיט דעם „ניקאָלאַיעווסקי פּאַרק“ איז ביי מיר פאַרבונדן אַ דערי=
נערונג וועגן דער באַגעגעניש פון שול=קינדער מיט דעם וואַרשעווער גו=
בערנאַטאָר — טשערטקאָוו, וועלכער איז קיין לאָדזש געקומען אויף אַ באַ=
זוך אַ קורצע צייט נאָכן קעשיניעווער פּאָגראָם. מ'האָט אַלע שול=קינדער
אַרויסגעפירט אין דעם „ניקאָלאַיעווסקי פּאַרק“, אויסגעשטעלט אין מילי=
טערישער אָרדענונג לויטן וווקס און לויט דער שול און איינגעקנעלט מיט
זיי, ווי אַזוי מ'דאַרף ענטפערן אויף דעם גובערנאַטאָרס „זדראַווסטוויטיע,
דעביאַטאַ!“ דער „זדראַוויאַ זשעלאַיעם, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ!“
האָט געמוזט קלינגען מיליטעריש. דערפאַר האָבן מיר געהאַט צוויי טעג
פריי פון לערנען.

ווען דער גובערנאַטאָר איז אַדורך מיין שול בין איך געשטאַנען אין
די הינטערשטע רייען, און ווען ער איז אַדורך בין איך אַרויס פון דער
ריי, כדי אָנצוקוקן דעם אדון מיט זיין סוויטע. האָט אויף מיר איינער פון
די אָפיצירן אַ געשריי געטאָן: „אַ טי קודא פּריאָש?“ (און דו, ווו שטופּ=
סטו זיך?) בין איך שנעל אַוועק אויף מיין פּלאַץ. האָט מיר דער דירעק=
טאָר מיינער געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז איך האָב... „קאָמפּראָמיטירט“ די
שול, ווייל איינער פון די גענעראַלן האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז
אין זיין שול איז פאַראַן צו ווייניק דיסציפּלין און צופיל... יידן, מילא, זאָל
זיין אַזוי.

מיינע קרובים — אין לאָדזש גופא האָב איך געהאַט פינף פעטערס,
פון וועלכע בלויז איינער האָט געהאַט פרנסה בריווח, זייענדיק אין יענער
צייט אַ בוכהאַלטער, שפּעטער — קאָמיוואָיאַזשאָר און אין 1908 יאָר

„דעראָבערט" זיך צו אַ פֿאַבריקאַנט. די איבעריקע האָבן „מנחם־מענדל־צ־
ועט" אין ווייסע מאַנזשעטן און געקראָכמאַליעטע מאַנישקעס, און איינער
פֿון זיי איז געווען אַ דענטיסט און אַ גאַנץ היפּשער קבצן, וואָס האָט גע־
האַלטן פּאַסאָן. זיי אַלע זענען געווען באַזאָרגט מכּוח מיין באַנעמונג. זיי
האָבן מיר געזאָגט, אַז איך פֿאַרנעם זיך מיט נאַרישקייטן אַנשטאָט צו
טראַכטן וועגן באַזאָרגן מיין טאַטן מיט אַ זיכערער עלטער. זיי האָבן פֿאַר־
זיכערט, אַז מ'וועט מיך שיקן, נאָכן ענדיקן די שיל, קיין בערלין שטודירן,
אויב איך וועל „נישט קריכן ווו מען דאַרף נישט". מיין טאַטע — און דער
עיקר די שטילע גוטינקע מאַמע — זענען אויך געווען באַאומרויִקט,
כאָטש זיי האָבן קיין שלעכטס אין מיין „באַנעמונג" נישט געזען. דער
טאַטע האָט מיר אָפֿן געזאָגט: „איך האָב צו דיר גאָרנישט, איך אַליין האָב
פֿיינט קאַריעריסטן. אָבער מיטן קאָפּ קאָן מען קיין וואַנט נישט דורכ־
ברעכן. און איך וויל נישט, מיין קינד, אַז דיין קאָפּ זאָל צעבראָכן ווערן".

ערב

די לעצטע חדשים פון 1904 האָב איך זיך אַ ביסל „איינגעסטאַטקעוועט“. איך האָב זיך גענומען צום לערנען אין שול און אַ סך צו לייענען, מיינע עלטערן האָבן אָנגעהויבן אויף דאָס ניי צו האָבן אַ ביסל נחת פון מיר. נאָר נישט אויף לאַנג.

די שול־יוגנט איז שוין נישט געווען די זעלבע, וואָס מיט עטלעכע חדשים צוריק. נייע פאַראינטערעסירונגען, נייע אידעען האָבן אָנגעהויבן שטראָמענווייז זיך אַריינצורייסן אין דער שול. די מ אַ ס ע ש י ל ע ר איז עפּעס געוואָרן ווייניקער דיסציפּלינירט, מערער חוזק־מאַכעריש און חוצפּהדיק לגבי די לערער. מ'האָט אָנגעהויבן צו שושקען זיך מכוח געוויסע שילער פון דער זגערזשער האַנדלס־שול און לאָדזשער האַנדלס־אינדוסטריעלער שול, וועלכע זענען „גרויסע רעוואָלוציאָנערן“, און בכלל די גאַנצע שטאָט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן פּאָליטישן בינשטאָק, ווו עס האָט כסדר געזשומעט מיט... דיסקוסיעס. טרעפענישן, פאַראויסזאָגונגען, זאָרגן און האָפענונגען.

„מיין“ באַלוט, וואָסכאָהניע, זגערזשער, בזשעזשינער גאַסן, ווו איך האָב שוין געהאַט אַ סך באַקאַנטע — האָבן אויך אַן אַנדער פּנים באַקומען. די געשפּרעכן זענען שוין געווען אויף אַנדערע טעמעס. מיינע „מעשהלעך“ פון די ביכער — ראָמאַנען, נאָוועלן — האָבן זיי אויפגעהערט צו אינטערעסירן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאָדערן פון מיר תשובות אויף פראַגן, וועגן וועלכע איך האָב די מינדסטע השגה נישט געהאַט און אויף וועלכע איך האָב געזוכט אַ תשובה ביי זיי. נייע לידער האָבן זיך אָנגעהויבן צו הערן פון טייבעלע די מאָדיסטקע, הערשל דעם שטעפּער, סאַלטשע די שטאָפּערקע, לודוויק דעם פריזירער און אַפילו פון די עלטערע, בערדיקע וועבער. נישט נאָר די פּאָפּולער־געוואָרענע מעלאָדיעס פון די קאַמף־הימנען: „מאַרסעליעזע“, „טשערוואָני שטאַנדאַר“ און „וואַרשאַוויאַנקע“, וועלכע מע האָט שוין געברומט און געפייפט אַפילו אויף פּיעטריקאָווער

גאַס, נאָר מחיהדיקע יידישע לידער, וועלכע האָבן ממש ביים האַרצן גע־
נומען.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס זענען דוד עדעל־
שטאַטס לידער. דעמלט האָט אויף מיין כמעט קינדערישער פאַנטאַזיע
שטאַרק געווירקט די פלאַמיקע באַשולדיקונג, אַז:

„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געיאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלץ דערפאַר, וואָס מיר ליבן
דאָס אָרעמע אַרבעטער־פאָלק“.

רוזשקע די נייטערין האָט מיט איר נעימותדיק קולכל אַזוי שיין און
האַרציק פאַרזיכערט איר געליבטן — אַז מאָמער:

„טרעפט דיך אַ קויל, מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם שונא, דעם הונט,
דאַן נעם איך דיך אַרויס פון דעם פייער
און היילן דיר מיט קושן דיין וואונד“.

פאַרזאַמלונגען, צונויפגעליקע אָן אַ „טאָג־אָרדענונג“, דורך קיינעם נישט
קיין צוגעגרייטע זענען טאָג־איין טאָג־אויס פאָרגעקומען אין אַלע טיילן פון
שטאָט. אַרבעטער, בחורים און מיידלעך, פלעגן זיך צונויפקומען און רעדן
בנעימותדיק וועגן פּשוטע זאַכן, וואָס אינטערעסירן יונגע מענטשן און אינ־
טים זיך אַריינקוקן איינע די אַנדערע אין די אויגן, און אין מיטן דערינען:

„קייטן און טראָגען. אַלץ מוז פאַלן
אונטער דעם אַרבעטערס הענט.
מיט בונטע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלן
באַצירן וועלן מיר די וועלט“.

די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט בונט, מרידה, פעסטן גלויבן,
אַז עס מוז נעמען אַ סוף צו דער אומרעכט, אַז דער גורל פון די מענטשן
ליגט אין זייערע אייגענע הענט.

אין יענער צייט בין איך מיט אַ גרופּע שול־חברים אַוועק אין טעאַ־

מער זען די פּיעסע „מיעשטשאַניע“ פון מאַקסים גאָרקי אין דער אויפפירונג פון אַ גאַסטראָלירנדיקער רוסישער טרופּע. געגאַנגען זענען מיר מיט דער דערלויבעניש און פאַרן געלט, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די עלטערן. ווי באַוווּסט, ענדיקט זיך „מיעשטשאַניע“ מיט אַ סצענע, ווו עס ווערט אינטאָנירט די „מאַרסעליעזע“. און אַז עס איז געקומען צו דעם מאָמענט, האָט די „גאַליאָרקע“ אָנגעהויבן זינגען דעם הימן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע הויך אויפן קול. אַ טייל שילער — וגם אני בתוכם — האָבן זיך אַריינגעריסן אין פּאַרטער און עס האָט געהילכט די אויפמונטערנדיקע רעוואָלוציאָנערע מעלאָדיע, וועלכע האָט זיך צונויפגעמישט מיט אַנדערע קאַמפּס-לידער. אַ גרופּע גימנאַזיסטן האָט דערזעענדיק זייער לערער פון פראַנצויזיש אינעם פּאַרטער געוואָלט באַרימען זיך פאַר אים און אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע מיט זייער זינגען דעם רעפרען פון דער מאַרסעליעזע אויף פראַנצויזיש:

„אַז'אַרם סיטיאַיען,
פאָרמע וואַ באַטאַיאָן...“

— האָט געהילכט איבערן זאַל. און דער לערער, דער פראַנצויז, האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך בין געווען אַן אָנטיילנעמער און נישט בלויז — באַאָבאַכטער — פון אַ פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע.

אַז איך בין צומאָרגנס געקומען צו מיינע באַלוטער פריינד און דערציילט זיי וועגן דעם, האָבן זיי מיך געבעטן אויסלערנען זיי דעם רעפרען פון דער מאַרסעליעזע אינעם אָריגינאַל. איך האָב דאָס גערן געטאָן. אין רעזולטאַט האָט שוין אַ גרופּע פון אַ צענדליק וועבער, שטעפּער, נייטאָרינס, שוסטער און אויך לוהוויק דער פריזירער געזונגען אין פראַנצויזיש מיט יידישן ברען אין אַן איבערגעפולטער אָרעמער דירה אויף בזשעזשינער גאַס דעם הימן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אַן אַלטער וועבער האָט דערביי אויסגעשריגן, אַ קלאַפּ געבנדיק זיך איבער די קניען: „אוי, קינדער, עס איז גוט, עס גענעטט!“

1 9 0 5 ! מיט פלאַמיקע אותיות האָט זיך דאָס יאָר איינגעקריצט אינעם זכרון פון יעדן אָנטיילנעמער אָדער אָבסערוואַטאָר פון די שטורמישע געשעענישן, וועלכע האָבן ווי אַ וואַלד-שׂרפה אַרומגעכאַפּט די גאַנצע אימפּעריע פון די צאַרן.

„אין בראָנזענע יונגען
באַפֿאַלן איז דעמלט אַ ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פֿון יאָרן
וואָס זענען פֿאַרלאָרן...

היי, לאָמיר גיין,
לאָמיר גיין,
לאָמיר גיין,
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע!“

אָט די האָזיקע פֿלאַמיקע ווערטער, וועלכע דער אומפֿאַרגעסלעכער מ ש ה ק ו ל ב אַ ק האָט געשריבן מיט יאָרן שפּעטער, ווען די „גע־נעראַל־רעפּעטיציע“ פֿון 1905 האָט זיך שוין געענדיקט מיטן פֿולן נצחון פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און האָט זיך שוין מיט אַ מעכטיקן שטראָם אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן אין אַנדערע לענדער פֿון מערב און מזרח — באַצייכענען אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן די שטימונג, דעם גייסט פֿון 1905 יאָר.

אַלע, אַלע אָן אויסנאַם האָבן געוואַרט אויף דעם מעכטיקן אויפֿברויז, און דאָך האָט זיך דער יאַנואַר 1905 „אַריינגעגלימשט“ אומדערוואַרטענ. איך געדענק, ווי זייענדיק מיט מיינע עלטערן אויף אַ יום־טובדיקן ניי־יאָר־מיטאָג ביי ד״ר באַמאַש, וו עס זענען אויך געווען איינגעלאַדן דער באַקאַנטער יידישער מאָלער — פֿיליכאָווסקי, דער דעמלט פּאָפּולערער טאַלאַנטפֿולער עסייאיסט און פּוילישער פּאָעט — לעאָ בעלמאָנט און די משפּחה ווינער, מיט זייער זון אַראָן ווינער — ווי איך האָב זיך מיט צוויי יאָר שפּעטער דערוווּסט איז ער שוין דעמלט געווען אַן אַקטיווער סאָציאַל־דעמאָקראַט — האָט מען אַ סך גערעדט וועגן „פּאָליטיקע“ און ד״ר באַמאַש האָט מיט זיין מעטאַלענער שטים פֿאַרזיכערט, אַז „אין אַ יאָר־צוויי אַרום וועלן מיר ז י כ ע ר האָבן אַ רעוואָלוציע“. דערויף האָט לעאָ בעלמאָנט רעאַגירט מיט דעם אייגנטימלעכן פֿאַר אים ציניזם, אַז „אָוו־שעם“, עס זעט אַזוי אויס! אָבער איך (דאָס הייסט ער!) האָב מורא פֿאַר דער טיראַניע פֿונעם „מאָנגאָך“ (המון), וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿע רעפּליק מצד ד״ר באָמאַש, אַראָן ווינער און אַפֿילו מצד דעם רואיקן, געמיטלעכן קינסטלער — פֿיליכאָווסקי, וועלכער האָט בלויז אויס־

געדריקט זיין, מורא, אַז עס וועט זיך ענדיקן מיט אַ שחיטה און יידישע פּאָגראָמען.

דעם זעלבן אָוונט בין איך געווען אויף זגערזשער גאַס אין אַ וועבער־משפּחה. די שטוב איז פול געווען מיט יונגעלייט, וועלכע האָבן געזונגען יידישע אַרבעטער=לידער. צווישן אַנדערע דאָס מוטיקע ליד:

„ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן...“

אַן אַלטער זיידע מיט אַ קליין חסידיש היטעלע האָט זיך בשעת מעשה געווענדט צו מיר: „דו ביסט דאָך אַ „סטודענט“ (אַזוי האָט מען גערופן אין די קרייזן פון דער יידישער אָרעמקייט יעדן שילער, וואָס האָט געטראָגן אַ מונדירל)... דו לייענסט דאָך גאַזעטן... זאָג זשע „ווי לאַנג?“ עד מתי? ס'איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן, וואָס שווייגט רוסלאַנד? פּעטערבורג וואָס שווייגט? און אַז מע וועט שוין הרגענען אַ „רעוויראָווי“ אויף באַלוט און צעמזיקן אַ „סטאָיקאָווי“ אויף ווידזעוו — וועט עפּעס דערפון אַרויסקומען? און פאַר די לידלעך און געשרייען פון די אחדות=לייט און „סיציאַליסטן“ וועט זיך דער קיסר און זיינע קאַזאַקן דערשרעקן? צום קאָפּ דאַרף מען זיך נעמען, צום קאָפּ, ימח שמו וזכרו“.

אַזאַ לעקציע „פּאָליט=גראַמאָטע“ האָט מיר דער אַלטיטשקער וועבער, וואָס האָט שוין נישט געאַרבעט און געווען — אגב אורחא — אַן אַלעקסאַנדראָווער חסיד, אַריינגעקנעלט, און דאָס אָרעמע „סטודענטל“ האָט אים, נעבעך, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף זיין „עד מתי“.

דעם פרייטיקצונאַכט פאַר דעם „בלוטיקן זונטיק“, דעם 9=טן (22=טן יאַנואַר) איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף באַלוט, אין אַ פול אָנגעשטאָפּטער דירה, ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַן ערך 60 מענטשן און צו דערציילן וועגן דער קייזערלעכער משפּחה ראָמאַנאָוום אויפן סמך פון אַ בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף רוסיש דורך די סאָציאַליסטן=רעוואָלוציאָנערן, וועלכע איך האָב באַקומען פונעם אויבנדערמאָנטן אַראָן ווייזנער אויף איבערצוזעצן. געווען איז דאָס מיין ערשטע „עפנטלעכע“ אַרויסטרעטונג פאַר אַן „עולם“. די בראָשור האָט פאַרכאַפּט דעם עולם מיט דער קרימינאַליסטיק פון דעם סיפור המעשה. ס'האָט זיך באַקומען אַ קרימינעלער ראָמאַן, לויט וועלכן אַלע רוסישע קיסרים, אָנהייבנדיק פון „איוואַן דעם גרויזאַמען“, ביז ניקאָלאַי דעם צווייטן זענען געווען מערדער, גזלנים, נואפים, אידיאָטן און אַלץ וואָס אין קאָרט שטייט. אסור, צי איך וואָלט די דאָזיקע אויבערפלעכלעכע פּלוידעריי איבערגעחזרט מיט צוויי יאָר שפּעטער. אָבער דעמלט האָב איך שטאַרק אויסגענומען.

אויפן דריטן טאָג נאָך דעם איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער בלוטבאָד, וואָס דער צאַר האָט צוגעגרייט פאַר די אַרבעטער פון פעטערבורג אינעם טאָג פון 9־טן (22־טן) יאַנואַר. ווען טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן הכנעהדיק, מיט תפילות אויף די ליפן, געבעטן דאָס „פאָטערל" ברויט, זענען זיי געהרגעט און פאַרוווּנדעט געוואָרן פאַרן צאַרס פאַלאַץ, און אַז די פעטערבורגער אַרבעטער האָבן דערויף געענטפערט מיטן באַריקאַדן. בליץ שנעל האָט זיך די שוידערלעכע און גלייכצייטיק באַפליגלענדיקע ידיעה פאַרשפרייט איבער דער שטאָט און אָנגעשטעקט מיט קאַמפלוסט די פאַרביטערטע און פאַרצאָרגטע לאָדזשער אַרבעטער.

מיט עטלעכע געציילטע טעג שפעטער האָבן אַלע גרויסע פאַבריקן שוין געשטרייקט. גאַנצע טעג האָבן זיך איבער דער שטאָט געצויגן רייזיקע מאַניפעסטירנדיקע מאַסן. הונדערטער אַרבעטער און צווישן זיי אויך שילער האָבן זיך צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט, אָפגעשטעלט טראַמווייען און אַראָפגענומען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון קליינע וואַרשטאַטן און „געשעפטן" פון דער אַרבעט. קיינער האָט קיינעם נישט געפרעגט וועגן זיינע איבערצייגונגען אָדער נאַציאָנאַליטעט. אומעטום זענען די אַגיטאַטאָרן באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד. די צאָל מאַניפעסטירנדיקע איז כסדר געוואַקסן. די פאָליציי איז כמעט פאַרשוווּנדן. די סאָלדאַטן האָט מען אין יענע טעג געהאַלטן אין די קאַזאַרמעס.

„גאַש שטאַנדאַר פליניע פאָנאַד טראָני" — איז געוואָרן אַ פאַקט. דעם 30־טן יאַנואַר איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַמס־צושטאַנד אין לאָדזש און אין דער גאַנצער „פיעטראָקאָווער גובערניע".

אַזוי האָט זיך ביי אונדז אין לאָדזש אָנגעהויבן דאָס גרויסע, אומפאַרגעסלעכע יאָר — 1905.

אויפברויז

שווער איבערצוגעבן אין ווערטער די שטימונג, די קוואַליקע פרייד פון דער דערוואַכטער מענטשלעכער ווירדע, וואָס האָט אין דעם רומפּולן, אומפאַרגעסלעכן יאָר 1905 באַהערשט דעם המון, דעם פּשוטן אַרבעטס-מענטש און די מאַסע אַרבעטס-לייט. עס איז שווער אַפילו טיילווייז אויסצודריקן, וואָס איך און טויזנטער אַנדערע האָבן דעמלט געפילט.

ערשטער מאַי. עס איז האָן נישט געווען אין לאָדזש קיין דעמאָנסטראַציע אינעם געוויינלעכן זין פון וואָרט, אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט איר אָנהייב אין, איר סוף אין אַ באַשטימטער שעה. די גאַנצע שטאָט איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער נעץ פון מאַרשן פון צאָרנדיקע און באַגייסטערטע מענטשן-שטראָמען. איך בין אַרומגעלאָפן פון איין דעמאָנסטראַציע צו דער צווייטער, ביז איך בין אַ הונגעריקער און אַ טויט-מידער געקומען אַהיים פול מיט אַנטציקונג. אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די צאָלרייכע דעמאָנסטראַציעס פון די פּוילישע און דייטשישע אַרבעטער פון די גרויסע לאָדזשער פאַבריקן, וועלכע האָבן מאַרשירט ערנסט-קאָנצענטרירט אין זיך און געזונגען די „וואַרשאַוויאַנקע“ און דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר“. געוואָרפן האָבן זיך אין די אויגן עלטערע מענטשן מיט געדיכטע, אָפט גרויע, וואָנסעס, פרויען מיט גראָבע פּאַטשיילעס און קרעפּטיקע יונגעלייט, וועלכע פלעגן זיך אַרויסרופן אין פאָדערונגען, ווען מ'האָט דערזען פּאָליציי אָדער סאָלדאַטן. מיטגעגאַנגען בין איך אָבער מיט די דעמאָנסטראַציעס, וווּ עס האָבן דאָמינירט יידן, דער עיקר, יונגוואַרג, באַוואָפנט מיט פּשוטע שטעקנס, אָדער ספּיראַל-אַרטיקע דראָטענע „שטעקנס“, פאַרענדיקט מיט אַ בלייענער קויל. כאָרא הדווה איז געווען אין די האָזיקע יידישע דעמאָנסטראַציעס. אַנדערש האָבן די רעוואָלוציאָנערע לידער געקלונגען, אַנדערש האָבן די אויגן געפינקלט, אַנדערש איז געווען די שרעק און די שרעקלאָזיקייט פאַר דער מעגלעכער מאַסאַקרע. מ'האָט ממש געקאָנט „אָנטאַפּן“, ווי די גרייטקייט

צו מסירת־נפש און גובר דעם צימער פֿאַר דעם שונא. אַלע האָבן זיך אָפּ־געגעבן אַ חשבון, אַז דעם הויפּט־כּוח שטעלן מיט זיך פֿאָר די אַרבעטער פֿון פּאָזנאַנסקי, שייבלער, גייער, לעאָנאַרד, גראָמאַן און אַנדערע גרויסע פֿאַבריקן, וווּ קיין יידישע אַרבעטער זענען נישט געווען. איך האָב שוין דעמלט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפֿון — נאָר ל י ב ג ע ה אַ ט האָב איך, עס האָט מיך געצויגן צו די טומלדיקע און אַ דיסהאַרמאָנישער אומאָרדענונג מאַרשירנדיקע און טרוימעריש זינגענדיקע יידישע דעמאָנ־סטראַציעס.

דער גאַנצער מאַי איז אַדורך אין שטרייקן, כּסדרדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער און די צאַרישע באַוואָפֿנטע כּוחות — פּאָליציי, סאָל־דאַטן, דראַגונער, קאָזאַקן. און שיסערייען, מיט טויטע און פֿאַרווונדעטע און... לוויות.

צוליב דער גרויסער צאָל קרבנות און מענטשלעכע לעבנס זענען לוויות אין לאָדזש געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג. אָבער וואָס פֿאַראַ לוויות? מיט צענדליקער טויזנטער אָנטיילנעמער, פּאָליאַקן, יידן און דייטשן צו־זאַמען, מיט צאָרנדיקע אויסגעשרייען, מיט מוטיקע קאַמפּס־לידער, מיט רויטע פֿענער און מיט... נייע שיסערייען און נייע קרבנות. און יעדע נייע לוויה איז געווען מעכטיקער און קעמפֿערישער, ווי די פֿריערדיקע. עס זע־נען געווען פֿרוּוון מצד דער פּאָליציי און געווויסע פֿינצטערע (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען געווען „ענדעקעס“) עלעמענטן פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג צו העצן קעגן יידן, מאַכנדיק די יידן שולדיק אין „פּראָוואָצירן אומרוען“, אָבער זיי פֿלעגן זיך אָנשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די פּוילישע אַרבעטער, צעשלאָגן געוואָרן ביז בלוט פֿאַר זייער אַנטי־יידישער העצעריי.

פֿון יענער צייט איז מיר געבליבן אין זכּרון אַ קאָמיש און נישט גאַנץ „אַנשטענדיק“ לידל, וואָס פּוילישע אַרבעטער האָבן געזונגען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, וואָס אין וואַרשע האָבן פּוילישע אַרבעטער געכאַפּט אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ יידישער קאַפּאָטע מיט אַ חסידיש היטעלע און האָט געוואָרפֿן פּראָ־וואָקאַטאָרישע לאָזונגען. האָט מען אים געכאַפּט און... ווי דאָס לידל זאָגט: „זדיענלי מו בראָדע, זאַיזשעלי גדזיע אינדזיעי, ניע ביל אָבזשעזאַני, טאָ גאָ אָבזשעזאַלי“.

פֿאַר מיינע אויגן שטייט נאָך איצט די מערקווירדיקע סצענע, ווי כּמאַ דעם מענטשן גייען דורך דער גאַנצער לענג פֿון פּיעטריקאָווער גאַס אויף

באַלוט מיט שטעקנס און אײַזנס אין האַנט, באשר בכן, עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען גרייט דאָרטן אַ פּאָגראָם. צו קיין פּאָגראָם איז נישט געקומען. אָט שטייט ווידער אַן אַלטע ייִדישע גאַסן־הענדלערקע, וועלכע זאָגט מיט אַנטציקונג: „נישט אַנדערש, משיחס צײַטן! כּמעט מענטשן זענען אַדורך און... קיין איין בייגעלע אָדער עפּעלע נישט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן".

אין מאַי האָט זיך אויך אויסגעבריטערט דער שילער־שטרייק, וועלכער האָט צו יענער צײַט אַרומגענומען די מערהייט שולן. פּאַראַלעל מיט דער פֿאָדערונג איינצופֿירן פּויליש אַלס אונטערריכט־שפּראַך אין אַלע שולן, האָבן די שילער פֿון די האַנדלס־שולן, פֿון דער האַנטווערקער־שול, פֿון דער א. ג. האַנדלס־אינדוסטריעלער שול אַרויסגערוקט די פֿאָדערונג פֿון רעכט פֿאַר ייִדן און דײַטשן צו גרינדן אייגענע שולן מיט דעם אונטערריכט אין זייער מוטער־שפּראַכן, אָפּשאַפֿן די פּראָצענט־נאָרמע, איינפֿירן וועלטלעכקייט, פֿרייהייט פֿאַר שילער צו אָרגאַניזירן זיך א. א. וו. די עלטערן, אַפֿילו באַלעבאַטישע און ווייט נישט קיין „רעוואָלוציאָנערע", האָבן זיך נישט שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט. זיי האָבן, דער עיקר, געזאָרגט, אַז די קינדער זייערע זאָלן זיך „נישט דרייען" אין גאַס.

און דאָ איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער צעשמעטערנדיקער מפּלה פֿון דעם צאַרישן פֿלאָט בײַ צושימאַ, ד. ה., אַז רוסלאַנד האָט פֿאַרשפּילט די מלחמה מיט יאַפּאַן. געדינט האָט דאָס ווי אַ נײַע איינשפּריצונג פֿונעם קאַמפֿס־גייסט און אַלס שטופּ צו אַלץ מעכטיקערע אַרויסטרעטונגען.

אין איינעם אַ פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, אין יוני, האָט מיך מײַן פֿעטער דער דענטיסט — דער איינציקער פֿון מײַנע קרובים, וועלכער האָט געהאַט פֿאַר מיר פֿאַרשטענדעניש און אַפֿילו סימפּאַטיע — גענומען צו זיך אויף דער זומער־וווינונג, קיין אַגדזשעיוו, הינטער לאָדזש. איך בין גערן געפֿאָרן אויף אַ וואָך צײַט אָפּרוען אויף פֿרישער לופֿט, בפֿרט, אַז איך בין שוין געווען פֿון דער שול אויסגעשלאָסן פֿאַר אָנטיילנעמען אין דעם שילער־שטרייק, אַזוי, אַז איך האָב געקאָנט פֿאַרברענגען אויף דער „דאַטשע" אַזוי לאַנג, ווי איך האָב נאָר געוואָלט. איך האָב מיט זיך מיטגענומען פּיאָטר קראָפּאָטקינס בוך וועגן דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָבער שוין זונטיק אין אָוונט — מיט צוויי טעג שפּעטער — האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז קאָזאַקן און דראַגונער האָבן געמאַכט אַ שחיטה איבער פּאָליאַקן און ייִדן, ווײַל זיי האָבן אָנטיילגענומען אין אַ פֿרידלעכער דעמאָנסטראַציע. אויף מאָרגן, מאָנטיק פֿרי, האָב איך זיך געקליבן צו פֿאָרן

קיין לאָדזש. דער פעטער און די מומע האָבן זיך שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט אויף אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אין שאַנק פאַרשלאָסן מיינע שיך, די שילערישע „מונדשורקע“ און דאָס היטל. „געהאָלפן“ האָט מיר אַ געוויסער וואַיאַזשאָר (אָדער בוכהאַלטער) מיטן נאָמען פינסקער, וועמען איך האָב נישט געקענט, פאַרזיכערנדיק, אַז ער פאָרט אויך קיין לאָדזש און וועט מיך צושטעלן אַהיים.

און כך הוה. דאָס אַרבעטנדיקע לאָדזש האָט אויף דער רציחה געענטפערט מיט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. פאַרנאַכט האָבן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און לאָזונגען, אַרומגערינגלט פון אינפאַנטעריע, קאָזאַקן און דראַגונער, מיט צענדליקער רויטע און שוואַרצע טרויער־פענער באַגלייט צו זייער אייביקער רו פינף אומגעקומענע. געווען איז דאָס דעם 20־טן יוני. עטלעכע מאָל איז אויסגעקומען אַדורכצוברעכן מיליטערישע קאָרדאָנען. ביי פּאָזנאַנסקים פאַבריק איז געשען עפּעס מאַקאַברישס: בעת אַזאַ צוזאַמענשטויס זענען די טויטע קערפער, וועלכע אַרבעטער האָבן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען אַרויסגעפאַלן פון די טראָגבעטן. עס איז שיער נישט דערגאַנגען צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס, אָבער די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנגעהויבן צו שרייען: לאָזט זיך נישט פּראָוואָצירן!“ און דער לוויה־צוג האָט אונטער דעם מעכטיקן דרוק פון אַ פילטויזנטיקער מאַסע ווייטער מאַרשירט.

סארא הערלעכע, באַגייסטערנדיקע סצענע דאָס איז געווען! די לוויה־דעמאָנסטראַציע האָט זיך פאַרענדיקט אָן קרבנות, הגם בלויע צייכנס פון ביקסן־קאָלבעס האָבן פיל געהאַט, וגם אני בתוכם.

אַנדערש איז געווען אויף מאָרגן, ווען מ'האָט זיך דערוווסט, אַז די פּאָליציי האָט אַרויסגעגנבעט די קערפער פון צוויי דערמאָרדעטע יידישע יונגטלעכע און זיי שטילערהייט באַגראָבן. כאָטש מ'האָט קיין לוויה נישט געקאָנט מאַכן, איז אַ טאָפּלט גרויסע דעמאָנסטראַציע פאָרגעקומען אויף שרעדניע און פּיעטרקאָווער גאַסן. איך האָב מאַרשירט מיט יידישע אַרבעטער און מיט פאַרביסנקייט און מיט באַגייסטערונג געזונגען דאָס ליד:

„אין טאָמער וועט דיר דער שונא
אין פּנים געבן אַ שפּיי,
זאָלסטו נישט שווייגן דיינע שונאים,
שפּיי צוריק מיט בליי!“

דעמאָנסטראַציע אין לאָדזש אויף פּיעטרקאָווער גאַס אין די יאָרן 1905 — 1906

די אויפֿרעגונג איז געווען אַ געוואַלדיקע. איך בין געגאַנגען, געזונגען און... טרערן האָבן געפֿלאָסן איבער די באַקן, טרערן פֿון באַגייסטערונג, פֿון שפּראָצנדיקן געפֿיל פֿון מרידה, מענטשלעכער חשיבות און נקמה. פֿון די פֿענצטער האָט מען געוואָרפֿן בלומען. צווישן די דעמאָנסטראַנטן זענען געגאַנגען אויך סאָלדאַטן פֿון יעקאַטערינבורגער פּאָלק! דאָס האָט איבערפֿילט דאָס מעסטל פֿון באַגייסטערונג.

ווען מ'האָט זיך דערנעענטערט צו דער קאַראָל=גאַס, האָט זיך אומדערוואַרט אָנגעהויבן אַ שיסעריי. מענער, פֿרויען, זקנים און קינדער האָבן מיט זייערע קערפּערס באַדעקט די גאַסן. יידישע בחורים האָבן, ווי אמתע זעלנער, לויט אַ קאָמאַנדע, אָפֿן און פֿון באַהעלטענישן געשאָסן פֿון בראַונינגס אין די קאָזאַקן, און ווי דריי קאָזאַקן זענען פֿון זייערע פֿערד אַראָפּגעפֿאַלן, האָב איך אַליין געזען.

עס האָבן זיך דערהערט געשרייען: „נאַ באַריקאַדי!" „לאָמיר גיין צום אַרסענאַל!" „געווער, באָמבעס, אַהער!" „ס'ק=ווי סיני!" „מערדער!" מ'האָט פּרובירט גלייך אויפֿן אָרט בויען אַ באַריקאַדע פֿון ברעטער, פֿעסלעך, לייטערס און איבערגעקערטע וועגענער, אָבער די שיסעריי איז אָנגעגאַנגען פֿון אַלע זייטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיך אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון שטאָט געהערט שיסערייען. דאָסמאָל האָבן אַרבעטער געפֿייערט קוילן אויף פּאָליציי און אויף קאָזאַקן „שפּייענדיק צוריק מיט בליי".

דער גאַנצער טאָג פֿון 22 יוני איז אַדורך אונטער'ן צייכן פֿון אַרבעטער=איבערפֿאַלן אויף פּאָליציי=פּאַטראָלן, זשאַנדאַרן, שפּיצלעס. שטורמישע, ספּאָנטאַנע גאַסן=אַרויסטרעטונגען זענען פֿאָרגעקומען אין אַלע טיילן פֿון שטאָט. פֿון אַ ריי הייזער האָט מען אָנגעהויבן באַשיסן פּאַטרולירנדיקע קאָזאַקן, שטעלן אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד זעלנער, וועלכע האָבן פּרובירט צעטרייבן דעם צאָרנדיק=דעמאָנסטרירנדיקן עולם. שוין אין די פֿריע אָוונט=שעהן האָט זיך בליץ=שנעל פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אויף=ווסכאָדניע און פּאָלודניאָווע גאַסן — אין דער יידישער געגנט — קומען פֿאָר באַריקאַדן=קאַמפֿן.

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אויף פּאָלודניאָווע גאַס. איך האָב דערזען אַ מערקווירדיקע סצענע. נישט נאָר יונגע „אחדותניקעס", נאָר יידן מיט בערד, אָפֿט אין קאַפּאָטעס האָבן געשלעפּט לייטערס, געקייקלט פֿעסלעך, געריסן די פּליטעס פֿון די טראָטואַרן און געבויט באַריקאַדן. צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגטלעכע האָב איך באַקומען אַן אויפֿטראָג צו זאַמלען און שלעפּן פֿון די קעלערס פֿלעשלעך און אַנדער גלאָזוואַרג, ברעכן עס און

איינע פון לאָדזשער באַריקאַדעס אין 1905 (אַ רעפּראָדוקציע פון אַ בילד פונעם לאָדזשער פּלאַסטיקער סטאַניסלאַוו פּאָזנאַנסקי)

צעוואָרפֿן איבער דער גאַס, כּדי אומעגלעך מאַכן פֿאַר די קאָזאַקישע
פֿערד צום באַוועגן זיך. ייִדישע ייִנגלעך זענען געקראָכן אויף די טעלעגראַף־
סלופּעס, געשניטן די דראָטן. אַנדערע האָבן צוזאַמען געריסן די לאַמטער־
נעם פֿונעם באָדן. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שיסערײַ, האָבן מיר
אַלע, וועלכע האָבן קיין וואָפֿן נישט געהאַט, געקראָגן אַ באַפֿעל צו פֿאַנאַנ־
דערגיין זיך, ווי ווער עס קאָן. ווען מיר האָבן פּראָטעסטירט, האָבן מיר
דערהערט אַ תּשובֿה: „חבֿר שמאַי האָט געהייסן“. איך האָב נישט געוווּסט,
ווער דער שמאַי איז, נאָר אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די הײַפֿן און
זײַטיקע גאַסן. לאָזט זיך אויס, אַז דער שמאַי איז געווען אַן אָנגעזעענער
טוער פֿון „בונד“, וועמען די גאַנצע געגנט האָט געקענט.

איבערנעכטיקנדיק אין דער דירה פֿון אומבאַקאַנטע מענטשן, האָב
איך זיך אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי דורך צענדליקער באַריקאַדן און פֿאַרצוי־
מונגען דורכגעריסן אויף דלוגע און דאַן צו בענעדיקט און זיעלאָנע גאַסן.
אויף זיעלאָנע האָב איך געזען אַ גרופּע עלטערע פּוילישע אַרבעטער בויענ־
דיק אַ באַריקאַדע. איך בין צוגעשטאַנען צו זיי. אַן עלטערער אַרבעטער
מיט גרויע וואָנסעס, ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער זאַלפּ,
האָט אַ געשריי געטאָן: „אַ טי, סמאַרקאַטשו, צאָ טו ראָביש!“ דו מײַנסט,
עס איז אַ שפּילעכל? קאַרג קרבנות? — און האָט מיך גענומען פֿאַר דער
האַנט און אַוועקגעפֿירט צו אַ „פּראַטשקע“ אין אַ קעלער־וווינונג, וועלכע
האָט מיך דעם גאַנצן טאָג אָפּגעהאַלטן. ווען איך בין שפּעט אין אָוונט
אַרויס, איז די באַריקאַדע געווען אַ צעבראָכענע.

אין נעפּל

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1905 יאָר האָבן זיך ביי מיר אין רעוואָלוציאָנער פֿון די אויפֿטרייסלענדיקע געשעענישן — באַוויזן די ערשטע שפּורן פֿון פּאָליטישן באַוווסטזיין. איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פֿון דער רעוואָלוציע. איך האָב דערפֿילט, אַז איך האָב געפֿונען אַ זין, אַ צוועק אין לעבן, נאָר פֿאַרשטאַנען, באַגריפֿן האָב איך כמעט, ווי גאָרנישט.

נאָך דער שרעקלעכער בלוט-באָד פֿון סוף יוני האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל צוגעהערט מיט יאוש-שטימונגען צווישן די יידישע האָרעפּאַשניקעס, מיט פֿראַגן: „צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפֿט?" געפֿילט האָב איך, אַז זיי זענען אומגערעכט, אָבער אויפֿקלערן דאָס האָב איך נישט געקאָנט. און פֿון רוסלאַנד האָבן נישט אויפֿגעהערט אָנצוקומען דערמוטיקנדיקע ידיעות, אַז די רעוואָלוציע ברייטערט זיך אויס, אַז ריגע און די גאַנצע באַלטישע געגנט פֿירן העלדישע קאַמפֿן, אַז סאָלדאַטן, מאַטראָסן בונטעווען זיך, אַז אַן אויפֿשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין אָדעס, דאָס אַלץ האָט געהויבן דעם מוט, אָבער עס איז שוין געווען נישט דאָס זעלבע, וואָס פֿאַר דער מפּלה פֿון די באַריקאַדן-קאַמפֿן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן שוואַרץ-מאהדיקע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. און „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך": אין לאָדזש גופֿא אין דער עיקר אין דער פּראָווינץ האָבן געוויסע עלעמענטן פֿון דער יידישער אונטערוועלט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון כלי-קודש און חסידישער בורזשואַזיע אָנגעהויבן אַרויסטרעטן ביד חזקה קעגן שטרייקנדיקע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. עס איז דערגאַנגען צו בלוטיקע געשלעגן צווישן אַרבעטער און „אַלפֿאָנסן".

איך האָב געוואָלט פֿאַרשטיין דעם זין פֿון דעם אַלעם, וואָס עס קומט פֿאָר. איך האָב זיך מיט ברען גענומען לייענען. שטודירן אַלץ, וואָס עס איז מיר אין האַנט אַריינגעפֿאַלן מכוח רעוואָלוציע און סאָ-

ציאַליזם: מלאַטס (שמעון דיקשטיין) — „פון וואָס איינער לעבט", דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון מאַרקס־ענגעלס — פון וואָס איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען, לאַסאַלס רעדעס וועגן קאָנסטיטוציע, וועלכע זענען דעמאָלט געווען פאַר מיר אַן אמתע אַנטפּלעקונג. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן מענטשן, וועלכע קאָנען מיר העלפן פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין פראַגן, וואָס זענען פאַר מיר אַנטשטאַנען. פון מיינע דעמאָלטיקע „רביים" אין הלכות סאָציאַליזם געדענק איך אַדאַש לאַנדי (פון פּ. פּ. ס. שפּעטערדיקער קאָמוניסט), מיין מאַמעס אַ קוזינקע — מאַריאַ גינסבורג (דעמאָלט אין פּ.פּ.ס. שפּעטער אַוועק פון דער באַוועגונג, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1950 יאָר אַלס דאָקטאָר נעוראָלאָג; אַ פרוידיסטקע), באָריס פרומקין (בונדיסט, שפּעטערדיקער קאָמוניסט), גוסטאַוו וואַלפערט (ציוניסט־סאָציאַליסט, שפּעטער אַוועק פון דער באַוועגונג) און אַ ריי אַרבעטער. דער עיקר דעמאָלטיקע בונדיסטן — אַקטיוויסטן, פלאַמיקע רעוואָלוציאָנערן.

אַחוץ די אַרבעטער האָבן אַלע אויבנדערמאָנטע מיט מיר „געקנעלט" סאָציאַליזם. באַרירנדיק זעלטן די פראַגן, וועלכע האָבן מיך „געקעכערט". איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס עקזיסטירן אַזויפיל פאַרטייען, וואָס אַלע ווילן זיי פרייהייט און דעם געוואַלדיק־אומקלאָרן פאַר מיר, אָבער לאַקנדיקן און באַגייסטערנדיקן — ס אָ צ י אַ ל י ז ם. אַלע קעמפן צוזאַמען, פאַרגיסן זייער בלוט צוזאַמען און דאָך באַקעמפן זיי איינע די אַנדערע צוליב „קלייניקייטן", ווי איך האָב עס אָנגערופן. פון דער אַנדערער זייט, ווען מיין „אַלטער" באַקאַנטער, דער „עס־דעק" אראַו וויזנער, האָט צו מיר גערעדט לייטיש פאַרשטענדלעך, אַז עס דאַרף מאַקע זיין פולע איינינקייט, אָבער ער האָט מיט רוגזה גערעדט וועגן פּ. פּ. ס., הלמאי זי וויל, אַז פּוילן זאָל זיך אָפּטיילן פון רוסלאַנד, האָב איך בתמימות געשטעלט די פראַגע: „נו, איז וואָס? אויב די מערהייט פּאָליאַקן וועלן דאָס וועלן, איז וועמען אַרט דאָס?" און זיין קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע רעדן „זשאַרגאָן", האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ ווידערווילן. מלא רציחה בין איך געווען אויף די פּ. פּ. ס., וועלכע שיסן אין פּשוטע רוסישע סאָלדאַטן. פאַרוואָס שטרייכן זיי אונטער אויף יעדן טריט זייער פּוילישקייט? מיר האָט אימפּאָנירט דער ט ע ר אָ ר פון די רוסישע עסערן: הרגענען צאַרישע מיניסטאָרן, גענעראַלן.

פאַר מיר זענען אַנטשטאַנען אַ ריי „יידישע" פראַגן... פאַרוואָס זעט מען נישט קיין יידן אין די גרויסע פאַבריקן? פאַרוואָס דרייען זיך דער

עיקר, יידן און דייטשן אויף פּיעטריקאָווער גאַס מיט זייער האַנדל־וואַנדל און מע זעט ווייניק פּאָליאַקן?

דערווייל זענען אָנגעקומען אַלץ נייע ידיעות וועגן אַלץ מעכטיקערע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון דער צאַרישער אימפּעריע, און ענדלעך דער צאַרישער אָקטאָבער־מאַניפֿעסט, די „טעג פֿון פֿרייהייט", ווען מ'האָט געמיטינגעוועט אָן אַן עק, אָן אַ שיעור און איך האָב זיך דערוווּסט, פֿון די מיילער פֿון די אָנגעזעענסטע פֿאַרטרעטער פֿון אַלע פּאַרטייען, וואָס זיי ווילן. עס האָט מיר געווירבלט אין מוח פֿון אַלערליי „אויטאָנאָמיעס", „קאָנסטיטואַנטעס" און ענלעכע לאָזונגען, אַריינטראָגנדיק אַ שטאַרקן מיש־מאַש אין מיין מוח.

אָבער די געשיכטע איז געגאַנגען מיט איר וועג, לויטן פּסוק:

„צאַר איספּוגאַלסיאַ, איזדאַל מאַניפֿעסט
מיאָרטווים סוואָבאָדו, זשיווים פּאָד אַרעסט".

די צאַרישע „פֿרייהייט" האָט סיגנאַליזירט דעם אָנהייב פֿון די ווילדע אָרגיעס פֿון דער קאָנטררעוואָלוציע.

דער אידעישער באַגאַזש, מיט וועלכן איך בין אַריין אינעם 1906 יאָר, איז געווען זייער אַן באַשיידענער און, דער עיקר, אַ... וואָלונטאַריסטישער: איך בין געווען פֿעסט איבערצייגט — הגם באַגרינדן דאָס האָב איך נישט געקאָנט — אַז די רעוואָלוציע וועט אין אַ קורצער צייט אין רוסלאַנד בלי ספק זיגן, אַז די בלוטיקע „נצחונות" פֿונעם צאַר וועלן אים „באַקאָם אַרויס", איך בין גרייט געווען די אויגן אויסצודראַפּען יעדערן, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט דעם מינדעסטן ספק. צי עס איז ווערט געווען צו דערפֿירן צו די אַלע שווערע קרבנות אין לאָדזש (אין יוני), אָדער אין מאָסקווע (אין דעצעמבער), בשעת די אויפֿשטאַנדן זענען בלוטיק דערשטיקט געוואָרן. און אַזעלכע שטימען האָבן זיך שוין געלאָזט הערן! אין איינער פֿון די קאַפּעען אויף פּאָלודניאָווע גאַס האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין היגטערשטן חדר אויף אַ בונדיסטישער „מאַסאָווקע", ווו עס האָט גערעדט דער דעמאָלטיקער בונדיסטישער פֿירער, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער געשטרויכלט געוואָרן אין „זובאַטאָווטשינע", שפּעטער אַן אָנגעזעענער קאָמוניסטישער טוער אין ראַטנפֿאַרבאַנד — טשעמערינסקי („דער שאַווערער סאַשע"). ער האָט רעקאָמענדירט ערנסט צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער שטעלונג פֿון פֿלעכאַנאָוון, „אַז מ'האָט זיך נישט געדאַרפֿט

כאַפּן פּאַר געווער". דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ צאָרנדיקן אויסגעשריי: שעמען מעגט איר זיך! איר פאַרשוועכט דעם הייליקן אָנדענק פון די אומגעקומענע אויף די באַריקאַדן!" און צו מיין פרייד האָט די מערהייט אָנטיילנעמער אונטערגעשטיצט מיין רעפּליק (למען האמת מוז איך זאָגן, אַז שפּעטער האָבן מיר בונדיסטן געזאָגט, אַז טשעמערינסקי האָט זיין מיינונג געענדערט).

צו קיין שום פּאַרטיי האָב איך דעמלט נישט געהערט און אַפילו נישט געקליבן זיך צו געהערן. איך האָב נאָר אָנגעהאַלטן מיינע פאַרבינדונגען מיט דעם שילערישן „זעלבסטבילדונגס-קרייז", וואָס איז געווען אַ מין דיסקוסיע-קלוב.

אויף צו כאַראַקטעריזירן דעם דאָזיקן קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט יינגלעך פון פאַרשידענע נישט פאָרמירטע איבערצייגונגען, וויל איך דערציילן בלויז וועגן אַן אַנעקדאָטישן פאַקט. דאָרט איז געווען אַ יינגל מיטן נאָמען ראָמעק, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן... אַנאַרכיסט. האָט מען אַמאָל דריי זונטיקס נאָכאַנאַנד דיסקוטירט מכוח רעליגיע. אויפן פערטן זונטיק טרעט אַרויס ראָמעק מיט אַ „פאָרשלאַג": „אַזוי ווי מ'האָט שוין גענוג דיסקוטירט, לייגט ער פאָר אָפּצושטימען צי איז פאַראַן אַ גאָט, אָדער נישט". און אַלס די קומענדיקע טעמע האָט ער פאָרגעשלאָגן: „וואָס איז ליבע"...

אין די קרייזן פון מיין משפחה און פון מיינע עלטערנס באַקאַנטע האָט מען מיך אָנגערופן: „רעוואָלוציאָנער" — ווער מיט גיפטיקייט און ווער מיט סימפּאַטיע, געמישט מיט שרעק פאַר מיין גורל. אסור, אויב עס איז אמת געווען, איך בין שוין אָבער געווען אַנטשלאָסן צו ווערן אַ רעוואָלוציאָנער, צו באַנעמען די וועגן און מיטלען, וועלכע פירן צו דער רעוואָלוציע.

פאַר מיין „נשמה" אַזוי צו זאָגן, האָבן דעמלט געקעמפט בונדיסטן, עסדעקעס, אַנאַרכיסטן, ציוניסטן. איך האָב זיך נישט געאיילט אָנצושליסן אין קיין איינער פון די דאָזיקע ריכטונגען. אין מיין יונגן מוח איז דעמלט געווען אַ מיש-מאַש פון אידעען, און דערצו האָט מיך געעקבערט די „אייביקע" פראַגע: „ייד און מענטש", „יידן צווישן די אומות העולם", די א.ג. „לעזונג פון דער יידן-פראַגע". געווירקט האָט אויף דעם אין נישט קיין קלענער מאָס דער פאַקט, וואָס גלייך נאָך דעם צאַרישן אָקטאָבער-מאַניפעסט איז קלאָר געווען, אַז דער צאַר און זיינע קנעכט וועלן שטרעבן צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אין יידיש בלוט. אין יענער צייט האָט מיר אַ הע

ברעיִשער לערער, בערקאָוויטש, אויב איך האָב קיין טעות ניט, צוזאַמען מיט יצחק קאַצענעלסאָנען, רעקאָמענדירט איבערצולייענען דאָס ווערק פון משה העס „רוים און ירושלים“, וואָס האָט מיך ממש פאַסצינירט בשעת דעם לייענען, און פון וואָס איך האָב זיך פשוט אינסטינקטיוו, ווייט ניט קריטיש און ניט אַנאַליטיש, אָפּגעטרייסלט. אָבער אַ ויתרוצו אין די געפילן און געדאַנקען האָט דאָס ביי מיר ארויסגערופן.

דאָס יאָר 1906, דאָס יאָר ווען אין לאָדזש און אין גאַנץ קאָנגרעס־פוילן האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אָפענסיווע פון דער קאָנטררעוואָלוציע און עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסווייזן בולטע טענדענצן פונעם פאַלן פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, ווען די עגדעציע האָט אָנגעהויבן ניט אָן דערפאָלג צו געווינען אַ געוויסן אָנהאַלט ביי די אָפּגעשטאַנענע אַר־בעטער, ווען ביי דער שטודירנדיקער יוגנט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ באַמערקבאַרער אָפּגאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דער ריכטונג פון קאַר־יעריזם, פון „לעבן אַ גוטן טאָג“ — איז פאַר מיר געוואָרן דאָס יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין מער־ווייניקער באַוווסטזיניקער אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דעם דאָזיקן יאָר האָב איך איבערגע־ריסן מיט דעם גרעסטן טייל פון מיינע קרובים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו דערגייען מיר די יאָרן איך זאָל „אַוועקוואַרפן די נאַרישקייטן“ פאַר דעם פרייז פון שיקן מיך קיין אויסלאַנד שטודירן. אַפילו מיין „פּראָגרעסיווער“ פעטער, דעם דענטיסט, האָט מיך פּרובירט מיט זאַנפטע ריי־ד איבערצייגן, איך זאָל אויף דעם איינגיין, באשר בכן... אויף דעם נצחון פון דער רע־וואָלוציע וועט נאָך אויסקומען צו וואַרטן לאַנגע יאָרן און דערווייל דאַרף מען טראַכטן וועגן אַ תכלית. האָב איך אים אַריינגעהאַקט דעם ביבלישן שפּרוך: „מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו ולא ידהו את לב עמו“ (ווער עס האָט מורא און האָט אַ ווייך הערצעלע, זאָל גיין אַהיים און ניט אָפּשלאָגן דעם מוט ביי אַנדערע).

בכלל האָב איך אין יענער צייט ליב געהאַט צו אָפּערירן מיט כלערליי „פּסוקים“ פון תנ"ך, פון די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור, מיט פאָלקס־ווערטלעך, ווי למשל, וואָלפגאַנג געטעס ווערטל מכוח דעם, אַז בלויז דער פאַרדינט פריי צו לעבן, ווער עס איז גרייט יעדן טאָג צו שטאַרבן פאַר פרייהייט, אָדער טשערנישעווסקיס שפּרוך, אַז „שוואַכע כאַראַקטערן ווערן צעבראָכן, און שטאַרקע כאַראַקטערן — פאַרהאַרטעוועט אינעם קאַמף“ און דאָס גלייבן.

צי בין איך אָנהייב 1906 יאָר געווען אַ סאָציאַליסט? אוודאי. איך

וואָלט גרייט געווען אין די אייגן צו שפּרינגען יעדן, וועלכער וואָלט געוואַגט צו צווייפלען אין דעם. איך האָב זיך אַפילו געהאַלטן פאַר אַ „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליסט“. נאָר אסור צי איך האָב געהאַט דעמאָלט די מינדעסטע השגה דערפון „מיט וואָס מ'עסט“ דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. פאַר מיר האָט דאָס בלויז געהייסן, אַז דער סאָציאַליזם, ד. ה. די צייט, ווען עס וועט נישט זיין קיין האַרן און קיין קנעכט, און קיין אונטערדריקונג, און קיין מעגלעכקייט רייך צו ווערן פון פרעמדער פראַצע, מוז אומבאַדינגט קומען. מיין סאָציאַליזם פון יענער צייט איז געווען — אַ ריין־עטישער, הומאַניטאַרער, וואָס האָט זיך געשטיצט אויפן געפיל פון יושר — און דערצו מיט אַ... יי ד י ש ן „אָפּנויג“. צו יענער צייט האָט שוין פאַר מיר דער עסערישער לאָזונג: „אינעם קאַמף וועסטו דיין רעכט דערווערבן“ און דער אַנאַרכיסטישער לאָזונג: „דער צעשטערנדיקער גייסט — איז דער גייסט דער שעפערישער“, וועלכע האָבן מיך באַגייסטערט מיט זייער דרייסטער בונטאַרישקייט — פאַרלוירן זייער צויבער, ווייל איך האָב אין 1905 יאָר געזען דעם מעכטיקן כוח פונעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער דער באַגריף „אַרבעטער־קלאַס“ איז פאַר מיר געווען אַ מטושטשער: צו אַרבעטער האָב איך פאַררעכנט אַלע האָרעפּאַשניקעס, אַלע „יגיע־כפּים־ניקעס“, אַלע קבצנים און דלפנים. צו מיר האָט זיך צו יענער צייט געלאָזט צופּאַסן דאָס, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט געזאָגט וועגן די עסערן, אַז „זיי ווינטשן אַלעמען אַלדאָס גוטס“.

די עסדעקעס, וועלכע האָבן מיר צום שטאַרקסטן אימפּאָנירט — האָבן מיך אָפּגעשטויסן מיט זייער ביטול־באַציונג צו אַ ברייטער אַרבעט צווישן יידישע האָרעפּאַשניקעס, פאַרענטפערנדיק זיך דערמיט, אַז די „הויפּט־אויפגאַבע איז צו געווינען די אַרבעטער פון דער גרויס־אינדוסטריע“. ביים „בונד“ ווידער, נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסער ראָל אין די געשעענישן פון 1905, וואָס האָט מיר זייער שטאַרק אימפּאָנירט, האָט מיך אָפּגעשטויסן זיינע אַמביציעס צו זיין „דער איינציקער פאַרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט“ און זיין „קולטורעלע אויטאָנאָמיע“, וועלכע האָט נישט געגעבן קיין תשובה אויף די פראַגן פון די יידישע „צוגאָב־צרות“, וועלכע האָבן מיך צום שטאַרקסטן געעקבערט צו יענער צייט, ווי, למשל, פאַרוואָס איז דער יידישער אַרבעטער, דער עיקר, אַ האַנטווערקערישער און ער איז נישטאָ אין דער גרויס־אינדוסטריע, פאַרוואָס זעען אויס אַזוי בלאַס און אומבאַדייטנדיק די שטרייקן פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע ווערן אַדורכגעפירט מיט אַזאַ פלאַמיקן רעוואָלוציאָנערן ברען, די פּראָבלעמען פון

פּראָדוקטיוויזאַציע און איבערפירן די יידישע אָרעמקייט אויף לאַנד=אַרבעט, און, בכלל... ווי „לעזט מען די יידן=פראַגע". איך האָב דעמלט וועגן דעם געטראַכט אין אַן אויסערגעוויינלעך כאַאָטישן, מטושטשן אופן, אָבער אין איינעם בין איך געווען איבערצייגט: אַז די „קולטורעלע אויטאָנאָמיע" איז נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע תשובה אויף די פראַגן. דערצו נאָך האָב איך זיך פון אַרבעטער=בונדיסטן דערוווסט וועגן פאַקטן, וועלכע זאָגן עדות וועגן בויגונגען, וועלכע איך וואָלט איצט אָנגערופן „אָפּאָרטוניסטישע" — און דעמלט געהאַלטן פאַר פּחדנישע, ביי די פירער פונעם לאָדזשער „בונד", ווי, למשל, אַז זיי האָבן לכתחילה נישט געוואָלט דערלאָזן צו דער הערלעכער לוויה=דעמאָנסטראַציע אין פאַרבינדונג מיטן אַרויסגעבענען דורך דער פּאָליציי די קערפּערס פון די דערמאָרדעטע יידישע יוגנטלעכע פון פּאָזנאַנסקים שפּיטאָל, זיי זענען דערויף ערשט איינגעגאַנגען אונטערן דרוק פון זייער אייגענער מאַסע און הערכן שטעלן זיי פאַר אַ געשעענעם פּאַקט דורך די עסדעקעס.

און דאָ בין איך אויף דער איינלאַדונג פון גוסטאַוו וואָלפערט געקומען אויף אַ מאַסן=מיטינג, וווּ עס איז אַרויסגעטראָטן יוסף טשערניכאָוו — דאַניעלי, אַ גלענצנדיקער רעדנער מיט פיל וויסן, מיט יידישן פאָלקסטימלעכן וויץ, וועלכער האָט אַנטוויקלט אַ נייע פאַר מיר „טעאָריע": רעוואָלוציע — אדרבא, ואדרבא, אַראָפּ דעם צאַר, די מאַכט זאָלן איבערנעמען די אַרבעטער, ציוניזם — טויג נישט ווייל פּאַלעסטינע איז שוין באַזעצט דורך די אַראַבער, אָבער אַלע פעלקער שטרעבן צו זעלבשטענדיקייט (דערמאָנט גאַריבאַלדין, מאַצציני, קאָשוטן, קאָסציושקאָ). יידן האָפן זיין אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך, אַז די רעוואָלוציע וועט זיגן, וועלן אַלע פעלקער האָבן אָנערקענען און דעריבער איז די לעזונג פון דער יידן=פראַגע אין אַ געמיש פון סאָציאַליזם מיט... טעריטאָריאַליזם. דאָס האָט מיין יונגע בלאָנדזשענדיקע, זוכנדיקע פאַנטאַזיע צעפלאַקערט, בפרט האָט דאָס אַנטשפּראָכן מיינע דעמלטיקע „נאַראָדניקישע" שטימונגען, מיין האַס צו די מנחם=מענדלישע יידישע פרנסות און מיין גלאָריפיקאַציע פון דער „סאָכע, וווּ עס ליגט די מזל=ברכה", ווי עס האָט זיך געזונגען אין אליקום צונזערס אַ ליד. איך האָב אָנגעהויבן גיין אויף זייערע פאַרזאַמלונגען און דערביי באַפריינדעט זיך מיט אַ רייע מענטשן, ווי מיט אַ געוויסן יאָנאַס, שאַיע סאַפּיר, דעם אויבנדערמאָנטן וואָלפערט, זיס, אַ געוויסן יאַשקע קיטאַיעץ און אַנדערע, פון וועלכע איך האָב זיך דערוווסט אַז דער פינסקער, וועלכער האָט מיך אין אָנהייב פון די באַריקאַדן=קאַמפן געבראַכט פון דער „דאַטשע" אין

אַנדזשעיעוו קיין לאָדזש, איז געווען זייערער אַ חבר און אומגעקומען אויף די באַריקאַדן.

אָט אַזוי בין איך, אין מיין דעמלטיקן בלבול־המוח, געוואָרן אַן אָנהענגער פון סאָציאַליסטיש טעריטאָריאַליזם, זעענדיק אין אים דעם סינטעז צווישן סאָציאַליזם און דער לעזונג פון דער „יידן־פראַגע“. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין בלאָנדזשעניש אין דער יידן־פראַגע, וועלכע האָט אַדורכגעמאַכט פיל גלגולים.

מיין ערשטער קוראָרט: רוזשינאָי — בריסק

די אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען צוזאמען מיט דעם שווערן גייסטיקן אָנשטרענג ביי דער צוגרייטונג פון מיין עקסטערן-עקזאמען (נאָכן באזייטיקן מיך פון דער שול בשעת דעם שילער-שטרייק) האָבן ביי מיר אַרויסגערופן סימנים פון נעווראַלגיע, אָפּשוואַכונג פון דער ראיה און בייזוויליקער אַנעמיע. ד"ר באמאש, ווי אויך מיינע נייע — שוין פּאָליטישע — פריינד, ווי גיסמאַוו וואַלפערט, שאַיע סאַפיר, שוין נישט רעדנדיק וועגן מיינע עלטערן און קרובים, האָבן מיר געראָטן אַוועקצופאָרן אויף אַ פּאָר חדשים. דערצו איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין רוזשינאָיער זיידן, וועמען איך האָב שטאַרק ליב געהאַט, אַז ער איז אויף אַ האַלבן קערפּער פּאַראַליזירט און ווייס נישט, ווי לאַנג ער וועט „דערציען", וויל ער מיך זען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער ווייס שוין, אַז איך בין געוואָרן אַ „גוי" און שרייב אום שבת און אַז איך גיי אויף „הרכים, וואָס הלוואי זאָל זיך עס גוט ענדיקן". אויף פּסח בין איך אַוועקגעפאָרן צום זיידן.

קומענדיק קיין רוזשינאָי בין איך שטאַרק באַטריבט געוואָרן, זעענדיק דעם זיידן מיט אויסגעקרימטע ליפּן, שלעפּנדיק דעם לינקן פוס און אונטערהאַלטנדיק די לינקע האַנט. אַלץ איז געווען אויף אַן אָרט: דער סדר, דער אַפיקומן, אליהו הנביאס כוס, דאָס פעסל מחיהדיקער באָרשטש מיט צוויי שפּאָגל-נייע בלעכענע קענדלעך אויף צו טרינקען אָנשטאָט וואַסער, אָבער די „אַווירא ד'רוזשינאָי" איז שוין געווען אַן אַנדערע. דעם ערשטן טאָג פּסח האָט מען דעם זיידן געפירט אין דאהים בית-מדרש — עטלעכע טריט פון דעם זיידנס הויז אונטער די הענט, וואָרום אַליין באַוועגן זיך איז אים שוין געווען זייער שווער. איך בין, פאַרשטענדלעך, מיטגעגאַנגען. נישט קוקנדיק אויף מיינע באַמיִונגען האָב איך זיך נישט „געראַטעוועט" פון אַ... מפטיר. בלית ברירה האָב איך אָפּגעשפּילט די „ראָלע" גאָרנישט שלעכט. איך האָב אָ פּ ג ע ר ע צ י ט י ר ט דעם „צור כל העולמים" אגילדיק וואשמחדיק — „קיילעכדיק און שפּיציק", ווי שלום-עליכם זאָגט — מיט

אַלע פּיטשעווקעס און אַלע שלשלתן. דעם אמת זאָגנדיק האָט מיך מיין געוויסן אַ קאַפּעטשקע געמאַטערט: סטייטש, איך בין דאָך אַן אומגלויביקער, וואָס זשע שפּיל איך „טעאַטער" קעגן מיינע איבערצייגונגען און דערמיט גופא פאַרשוועך איך די אמונה פון אויפריכטיק־גלויביקע... נאָר ביי מיר האָט איבערגעוויגן די שטרעבונג נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש מיין גוטן קראַנקן זיידן.

אַ גאַנץ אַנדער פּנים האָט איצט געהאַט רוזשינאָי. אויפן פּרוזשאַנער שאָסיי, אין בליזנאָיער וועלדל, האָבן זיך געזאַמלט הונדערטער יידישע אַרבעטער און סתם יונגעלעכע פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. בלויז יידן! קיין נישט ייד — אין קעגנזאַץ צו לאָדזש, וו פּוילישע און דייטשישע אַרבעטער פלעגן ביי אַלערליי „מאַיעווקעס" און „מאַסאָווקעס" האָבן אַ באַדייטנדיקן איבערגעוויכט — איז פּשוט נישט געווען בנמצא, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איז כוואיניקס גאַרבעריי און אין עטלעכע טעקסטיל־פאַבריקן איז געווען אַן איבערוועגנדיקע מערהייט נישט יידישע אַרבעטער. אויב אין לאָדזש האָט זיך פיל יידישע אַרבעטער געדוכט, אַז מיט זייער אָפּפערוויליקייט און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, מיט זייער רירעוודיקייט און רעוואָלוציאָנערער פלאַמיקייט שפּילן זיי אַ גרעסערע ראָל, ווי זיי זענען אָביעקטיוו, צוליב זייער אָפּוועזנהייט אין די עיקרדיקע פּראָדוקציע־צווייגן, אין דער גרויס־אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, קאָמוניקאַציע א.אַ.גל. — פעיק צו שפּילן, איז אין רוזשינאָי אינעם פאַרלויף פון 1905 יאָר אַפילו קיין מינדעסטע פּראָבע נישט געמאַכט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די נישט יידישע אַרבעטער. דערפאַר זענען צווישן יידן געווען פאַרטראָטן כמעט אַלע אידעישע ריכטונגען, דער עיקר — דער „בונד" און פאַרשידענע מינים פון סאָציאַליסטישן ציוניזם (אָדער טעריטאָריאַליזם). דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דאָס ליד, וועגן „לאַנד פון די פּיראַמידן", וו עס דערציילט זיך וועגן דעם ווי פּרעה האָט געהייסן „קינדער צו פאַרמויערן, ווען אַ ציגל האָט געפעלט" און אָנבינדנדיק אָן דער קנעכטשאַפט אין מצרים פלעגט מען גלייך אַריבערגיין צו אַ שבועה צו „צעשמעטערן די פינצטערע ווענט פון געטאָס".

אין רוזשינאָי האָט דעמאָלט געהערשט אַן אומבאַגרענעצטע „פּאָליטישע פרייהייט". די צוויי „אוריאַדניקעס" (פּאָליציאַנטן) מיט דעם פּריסטאַוו האָט פּשוט נישט געאַרט, וואָס מען קלייבט זיך און מען דיסקוטירט וועגן פרייהייט, יאָ פּאָליטישער קאַמף, נישט פּאָליטישער קאַמף, ציון אָדער אַן אַנדער טעריטאָריע. און די דיסקוסיעס זענען געווען באמת

„פרייע“, לויט טוביה׳ דעם מילכיקנס „פרינציפ“: „אַ קיש, אַ קיש, קודי נאַ סוואָבאָדו“. יעדערער האָט אַרויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנקען, וואָס גאָט האָט אים אויפן צונג אַוועקגעלייגט... יאָ, שוין דעמאָלט זענען אַזעלכע מינים „דיסקוסיעס“ געווען פאַר אַ סך מענטשן אַן אידעאַל פון „פרייהייט“.

אויף איינער פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָט מען מיך געבעטן איך זאָל דערציילן וועגן לאָדזש, וואָס איך האָב גערן געטאָן. דער איינדרוק איז געווען אַ ... געמישטער: פון איין זייט — געוואַלדיקע באַגייסטערונג דער-פון, וואָס „אויך“ פוילישע און דייטשישע אַרבעטער קעמפן פאַר רעוואָ-לוציע און טרעטן אַרויס מיט געווער אין האַנט צו פאַרטיידיקן ייִדן קעגן אַנטיסעמיטישע העצעס, און פון דער צווייטער זייט — אַ פאַרדרוס והלמאַי עס איז אין ברעג פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן נישט געשטעלט געוואָרן אין דעם גאַנצן פאַרגעם די „לעזונג פון דער ייִדן-פראַגע“. מיינע אַרגומענטן האָבן די דאָזיקע פראַגע-שטעלער נישט איבערצייגט. זייער „אַרגומענט“ איז געווען: די ייִדישע פאָגראָמען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון אָקטאָבער 1905 נאָכן צאַרישן מאַניפעסט, די טויזנטער דערמאָרדעטע און פאַרוווּנדעטע ייִדן זענען „אַייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע“. און מיר ווילן קיין אייל נישט זיין — האָט פאַטעטיש דערקלערט איינער אַ ציוניסטישער בעל-דרשן. איך ווייס נישט מיט וואָס עס וואָלט זיך די „ברענענדיקע“ דיסקוסיע געענדיקט, ווען אַ סלאָנימער סאָציאַל-דעמאָקראַט וואָלט נישט גענומען דאָס וואָרט, און ווען אסתר בערמאַן, די טאָכטער פון געמי דער קרעמערקע — יאַגב, דאָס שענסטע מיידל אין שטעטל — פירט מיך נישט אַוועק אין אַ זייט מיט אַ באַמערקונג: „עס איז, בנאמנות, אַן עבירה מיט אָט-די-אָ צו רעדן. נעם זיך נישט צום האַרצן — זיי וועלן סיי ווי פון דער רעוואָלוציע אָפּ-פאַלן“. אסתר איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיטן „בונד“, נאָר זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי קלייבט זיך קיין פּעטערבורג און דאָרט וועט זי זיך פאַר-בינדן מיט די „איסקראַוועצעס“.

די רוזשינאָיער בונדיסטן זענען געווען מער נאַציאָנאַליסטיש גע-שטימט, ווי די לאָדזשער,ספּעציעל, ווי די אַרבעטער-מאַסע פון „בונד“. ביי די רוזשינאָווער ציוניסטישע סאָציאַליסטן זענען דעמאָלט געווען פאַר-שפּרייט „עקאָנאָמיסטישע“ שטימונגען (רובינשטיין א. א.). אָבער די אָנ-הענגער פון „פּאָליטישן קאַמף האָבן שוין געהאַלטן אין איבערנעמען די אויבערהאַנט. און אַזאַ הייסער דיסקוסיע האָב איך אָנטיילגענומען מיט אַ געוויסן דערפאָלג. אין יענער צייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל גע-

טראָפן מיט מלך עפּלטרעגער — שפּעטער: מלך עפּשטיין — וועלכער איז דעמלט געווען אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, אַן אָנהענגער פון אַקטיוון אָנטייל אינעם פּאָליטישן קאַמף. מיט יאָרן שפּעטער איז ער געוואָרן אין אַמעריקע אַ קאָמוניסט און נאָך שפּעטער... אַ רענעגאַט.

אויף מאָרגן נאָך פּסח בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין צווייטן זיידן, וועמען איך האָב כמעט נישט געקענט — קיין בריסק אויף אַ לענגערן באַזוך, כדי צו „פאַרבאָרגן" זיך, צו פאַרבעסערן מיין געזונט. אויסגעלאָזן האָט זיך עס אָבער מיט מיין באַקאַנטשאַפט מיט אַ צאַרישער תּפיסה אין מיטן מכות־רצח, נאָך וועלכער מ'האָט מיך געצוווּנגען צו וואַשן דעם קאָפּ און פּנים אין פינף שיסלען, ווייל פיר פון זיי זענען געווען רויט פון בלוט.

קומענדיק קיין בריסק האָב איך אויפן וואקזאל געהאַט אַ „הערלעכן" קבלת־פּנים פון מיין משפּחה, וועלכע איך האָב נישט געקענט. מיין זיידע, פּריץ גאָרדין, האָט געהאַט אַן עין־הרע 11 קינדער: 10 זין, וועלכע מ'האָט אין שפּאַס גערופן „עשׂרת בני פּרץ" און איין טאָכטער. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געפּראַוועט יום־טובֿ ביים זיידן. צו די קוּשעניש אין האַלדזעניש האָט קיין סוף נישט גענומען, און איך האָב זיך אַרומגעדרייט, ווי אַ פּאַריטוטער צווישן פרעמדע מענטשן. ווער אַלץ איז דאָרט נישט געווען? די יחסנים זענען געווען צוויי פעטערס — גוטע פאַרדינער, איינער אַ קאָמיסיאָנער פון כאַרקאָוו, דער צווייטער אַ וואָיאַזשאָר פון לאָדזש. דאַן אַ גרופּע מנחם־מענדלס אין „ווייסע מאַנזשעטן" — לאַ־יוצלחס, וועלכע האָבן געחלומט וועגן אַ „קאַריערע", נאָר זייערע חלומות פלעגן זיך כסדר ענדיקן מיט אַ ברכה לבטלה, קבצנים, וועלכע האָבן אָבער געהאַלטן „פאַסאָן", די יינגסטע — הניאַליקע און מענדל, וועלכע זענען אַ ביסל געווען אָנגעשטעקט מיטן „גייסט פון דער צייט", מיט וועמען איך האָב זיך באַפריינדעט.

ווי עס איז זיך לייכט אָנצושטויסן האָב איך גלייך פונעם ערשטן טאָג אָנגעהויבן זוכן באַקאַנטשאַפט מחוץ מיין צאָלרייכער משפּחה. געהאָלפן האָט מיר מיין יינגסטער פעטער, מענדל. ער האָט מיך צונויפגעפירט מיט מענטשן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר „רעוואָלוציאָנערן". קודם כּל די משפּחה זוסמאַן. אַ זון מיט צוויי טעכטער (איינע אַן אַדאָפּטירטע), וועלכע האָבן פאַרטראָטן דריי „פּאַרטייען". דאַן: דער לערער פרידמאַן — אַן אַלטער בחור, וועלכער האָט שוין אויסגעדינט אַלע פּאָליטישע עבֿודה־זרות, געווען אַ בונדיסט, אַן אַנאַרכיסט און ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן איז ער שוין געווען אַ... טאָלסטאָיאַנער. דאַן די משפּחה גורין, ווו עס זע־

נען געווען צוויי זין — גימנאַזיסטן, פֿון וועלכע איינער האָט געהאַט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע סימפּאַטיעס און דער צווייטער — עסערישע. אַ נאָענטע קרובה פֿון אָט דער משפּחה איז געווען פּ ע ס ל ק אָ ס ט ע ל י אַ נ ס־ק אַ — די שפּעטער גוט באַקאַנטע אין פּוילן בונדיסטישע טוערין ש ר ה ש וו ע ב ע ר — וועגן וועלכער עס זענען אין בריסק געווען פֿאַרשפּרייט לע־גענדעס וועגן איר אַרעסט און העלדישער אויפֿפֿירונג אין תּפֿיסה. פּעסלען האָב איך צו יענער צייט נישט געטראָפֿן, ווייל זי איז שוין געווען אויף „רעוואָלוציאָנערער אַרבעט" אין... ווויסאָקע־ליטעווסק, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט... איר נאָמען איז אָבער בײַ די יידישע אַרבעטער פֿון בריסק געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פֿון דרך־ארץ.

דעמלט איז אין בריסק געווען אַ גאַנץ צאָלרייכע בונדיסטישע אָרגאַני־זאַציע, אַן „עסעסישע" (סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע) אָרגאַניזאַ־ציע, און גרופּקעס „איסקראָווצעס", עסערן, עסערן־מאַקסימאַליסטן, אַנאַר־כיסטן און אפֿילו פּפּס, צווישן וועלכע עס איז נישט געווען קיין איין פּוילי־שער אַרבעטער. צווישן די פּוילישע און ווייסרוסישע אַרבעטער אויף דער אייזנבאַן, אין די וואַרשטאַטן איז קיין שום אַרבעט נישט געפֿירט געוואָרן. ווען איך האָב געפֿרעגט איינעם אַ פּלאַמיקן עס־ער, צי האָבן זיי פֿאַרבינ־דונגען מיטן דאָרף, ווו עס זענען שוין פֿאָרגעקומען ערנסטע אַגראַרן אומרוען, האָט ער מיר בתמימות געענטפֿערט: „ליידער, דערווייל נאָך נישט". ווען איך האָב מיט זיבן יאָר שפּעטער וועגן דעם קוריאָז דערציילט ד"ר חיים זשיטלאָווסקין, האָט ער מיט זיין קלוגן געלעכטער געענטפֿערט: „וואָט אימיענגאָ, אַו נ י ד זעמליאַ, אַ או נ אַ ס אַגראַרני וואָפּראָס" (בײַ ז יי איז פֿאַראַן ע ר ד, און בײַ א ו נ ד ז — די אַגראַר־פֿראַגע).

בײַ מיר אין זכּרון איז פֿאַרבליבן אַן אָנגענעמע דערינערונג פֿון אַ משפּחה: די מאַמע — אַן אַקושערקע, צוויי זין, פּעיקע, בראַווע יונגע־לייט. אַלע דריי — עס־ערן־מאַקסימאַליסטן, אַלע דריי צוזאַמען אַרעסטירט געוואָרן. די זין זענען פֿאַרשיקט געוואָרן אין נאַרימער געגנט, די מאַמע איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן נאָך פֿיר חדשים.

די פּאָליטישע טעטיקייט אין בריסק האָט געטראָגן בײַ אַלעמען אַ קריוולדיקן כאַראַקטער. דער „בונד" פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אָרגאַניזירן עקאָנאָמישע שטרייקן בײַ פֿאַרשידענע בעלי־מלאָכות. זיי האָבן אָבער קיין מאַסן־כאַראַקטער — און בפֿרט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער נישט געטראָגן.

אַנדערע ריכטונגען פלעגן דאָס זעלבע טאָן. דער איינפלוס פון דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע איז אָפט געווען אָפּהענגיק פון דער צאָל געוווּנענע שטרייקן. וואָס אַנבאַלאַנגט פּאָליטישע פראַגן האָט מען... דיסקוטירט. די בריסקער בונדיסטן האָבן שוין צו יענער צייט פאַרנומען אַ בפירוש־מענשעוויסטישע שטעלונג, אַחוץ אין יידישע פראַגן, וווּ זיי האָבן שאַרף באַקעמפט אַלע בירזשואַזע יידישע אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען, און האָבן בכלל געהאַלטן פון דעם כלל, אַז „יידישע אַרבעטער און „בונד" — חד הוא", גאָר אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן אין די ענגע ראַמען פון דער „יידישער גאַס" — איז די פּאָליטישע באַדייטונג פון זייער טעטיקייט געווען אַ מינימאַלע. די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, ווידער, האָבן זיך דערלויבט דעם לוקסוס צו זיין מער רעוואָלוציאָנער אין אַלגעמיינע פראַגן, אָבער צווישן זיך האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט דיסקוסיע מכוח דער „אומנאָרמאַלער לאַגע" פון די יידן, מכוח דער „נישט פּראָלעטאַריזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט", מכוח דער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע און טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אין דער פּראַקטיק האָבן זיי אויך אָרגאַניזירט שטרייקן ביי די בעלי־מלאכות און אין די פירמעס, וווּ זיי האָבן געהאַט זייערע סימפּאַטיקער. אַרום און אַרום איז עס געווען „אַ שטויסעניש פון וואַסער אין אַ שטייסל". אין דער דאָזיקער אַטמאָספער האָבן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אַנאַרכיסטישע שטימונגען.

איך געדענק די באַגייסטערונג, מיט וועלכע הונדערטער אַרבעטער און יונגע לייט האָבן אויסגעהערט אַ רעפעראַט פון דעם דעמלט פּאָפּולערן אַנאַרכיסטישן טוער יהודה גאָלדבלאַט — איצט סאָוויעטישער פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע און ליטעראַטור־קענטעניש ראָסטשין — וועגן „אַנאַרכיע — די מוטער פון אָרדענונג". מיט פלאַמיקע אויגן זענען מענטשן אַרויס, ווישנדיק זיך די פּנימער פון שווייס נאָכן אויסהערן דעם 2—3 שעהדיקן רעפעראַט פון דעם באמת גלענצנדיקן רעדנער. דאָס האָט מיר געגעבן אויף אַ פּאָר וואָכן אַרבעט צו קנעלן און שטאָט־גאָרטן מיט גרופּקעס אַרבעטער, אַז נישט אַלץ, וואָס שיינט — איז גאָלד. אגב, האָב איך צו יענער צייט אויך פון לאָדזש באַקומען בריוו, אַז די אַנאַרכיסטישע שטימונגען פאַרשפּרייטן זיך צווישן די יידישע אַרבעטער. דעמלט האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז די אַנאַרכיסטישע שטימונגען זענען אַ סימן מובהק פונעם פאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. איך האָב דעמלט געהאַלטן, אַז די אַנאַרכיסטן האַלטן אונטער דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, הגם זיי גייען אויף פאַלשע וועגן.

אָבער ווידערַאמאָל. מיינע דעמאָלטיקע פּאָליטישע איבערצייגונגען האָבן מיך געהאַלטן אין סדום-בעטל פון דער אָפּגעזונדערטער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. אויף פאַרזאַמלונגען פון יידישע אַרבעטער פלעג איך גיין, דיסקוסיעס פירן, אָבער נאָך אַקטיווער אַרבעט האָט מיין נשמה גענאַרט. געפונען האָב איך זי: אין אָרגאַניזירן זעלבשוץ קעגן דער כוואַליע פון פּאָגראָמען און אין די פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אויך נישט-יידישע אַרבעטס-לייט.

איין פּראָבע צו אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם אין בריסק איז דער יידישער זעלבשוץ — אַגב אַ צווישן-פּאַרטייאישער — געלונגען פאַרהעלטנישמעסיק לייכט צו ליקווידירן, מיט דער הילף פון פּוילישע און רוסישע באַן-אַרבעטער. ווען מיר האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז פון וואַרשע דאַרף אָנקומען געווער פאַר דער ביאַליסטאָקער זעלבשוץ, האָט מען מיך געשיקט אויפן וואָקזאַל צו באַגעגענען מיין „מומען", וועלכע דאַרף קומען מיט צוויי „טשעמאָדאַנעס". איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין מיין יום-טובדיקן שילער-מונדיר, וועלכן איך האָב שוין, אַגב, קיין רעכט נישט געהאַט צו טראָגן, אַוועק אויפן וואָקזאַל, געכאַפּט אַ פּאָר קושן פון אַ שיינער, אויסגעפּוצטער דאַמע, און געהאָלפן אַרויסטראָגן דעם שווערן טשעמאָדאַן, איבערלאָזנדיק פאַרן טרעגער דעם לייכטערן (ווי עס האָט די „מומע" געהייסן). אַזוי ווי עס איז געווען שווער פאַר מיר, האָט אַ העפלעכער אָפיציר, וואָס איז מיט דער „מומען" געפאָרן, געהאָלפן מיר אַרויסטראָגן דעם טשעמאָדאַן צו דער דראָזשקע. און דער זשאַנדאַרם האָט סאַלוטירט. זי איז פאַרפאָרן אין האָטעל. אין אַ קורצער צייט האָבן אַ האַלב טוץ „יאַטן" און „יאַטעכעס" דעם באַגאַזש אַרויסגעטראָגן. דעם זעלבן אָוונט האָב איך די „מומע" אַוועקגעפירט קיין טערעספּאָל, פון וואַנען זי איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין וואַרשע. האָס געווער איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק דריי וואָכן פאַרן פּאָגראָם, ד. ה. אין מאַי 1906. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז עס שטאַרק צונוץ געקומען. אין 1916 יאָר האָב איך די „מומע" באַגעגנט אין ניו-יאָרק.

נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם

די ידיעה וועגן שוידערלעכן יידן־פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק, בעת וועלכן עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן העכער 70 און פאַרוואונדעט געוואָרן העכער 80 יידן און הונדערטער יידישע הייזער און געוועלבער זענען צעגראָמירט געוואָרן — האָט אַ געוואַלדיקן רושם געמאַכט אין דער, בדרך כלל, שטילער, געמיטלעכער פּראָווינץ־שטאָט בריסק. די יידישע בירגערלעך־באַלעבאַטישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן דאָס אויסגענוצט צום שטאַרקן די ציוניסטישע שטימונגען, וועלכע זענען צווישן די אַרבעטנדיקע און בכלל אָרעמע שיכטן געווען זייער שוואַכע. די אַרבעטנדיקע עלעמענטן און די מערהייט פון דער יידישער יוגנט ווידער, האָבן דאָס אויסגענוצט צום שטאַרקן דעם דראַנג צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. דעמאָלט איז אין בריסק שטאַרק פּאָפּולער געווען דער נאָמען פון דעם סטודענט עס־ער בלינאָוו, וועלכער איז אומגעקומען אין זשיטאָמירער פּאָגראָם, פאַרטיידיקנדיק יידן. זיי האָבן שטאַרק פּאָפּולאַריזירט די ממש לעגענדאַרישע העלדישקייט פון דער ביאַליסטאָקער זעלבשוץ, וועלכע האָט די פּאָגראָמשטשיקעס נישט דערלאָזן צו דעם ראַיאָן פון דער יידישער אָרעמקייט — כאַנאַיקעס. באַזונדערס האָבן דאָס שטאַרק אויסגענוצט די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן, מגזם זייענדיק די ראָל פון די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן בראש מיט דעם דעמאָלט באַרימטן זיידל (מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער נאָך געלעבט אין איינעם פון די ניו־יאָרקער מושב־זקנים). דער קאַמף צווישן שתדלנות און רעוואָלוציאָנערע טאַט האָט זיך פאַרשטאַרקט.

אויפן הספד לכבוד די אומגעקומענע יידן אין ישראל־וואָלפס בית־מדרש איז אַרויסגעטראָטן איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אינעם דעמאָלטיקן בריסק: דער עטלעכע און אַכציק יאָריקער ד"ר שטיינבערג, אַ גענעראַל, און אָנטיילנעמער אין דער קרימער קאַמפּאַניע (1854—1856) ביי דער פאַרטיידיקונג פון סעוואַסטאָפּאָל, אַ פּולשטענ־

דיק אַסימילירטער ייד און גלייכצייטיק אַ ציוניסט — הערצליסט. ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען אין זיין רעדע (געהאַלטן אין רוסיש) האָט ער געשטאַרלט די „פּאָלאָטשיע טשערווי״ (קריכנדיקע ווערעם), וועלכע ווילן הורד „וזשיאַטקי״ (כאַכאַר) זיך אויסקויפן פון פּאָגראָמען און געלויבט די העלדישקייט פון „אונדזער יוגנט, אין וועלכער עס לעבט אויף דער גייסט פון מכבייער״. נאָך דעם הספּד איז אויף דער גאַס צוגעגאַנגען צום אַלטן דאָקטער אין געגעראַלישן מונדיר שרהקע לעדערהענדלער און האָט אים הארציק אַרומגענומען און געקושט (די ליבע, אומעליגעגטע, קלוגע שרהקע איז דעמלט געווען אַ גימנאַזיסטקע און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן „איס־קראָווקע״. זי איז אומגעקומען אין טראַווניקע, אין דעם טאָג פון „רויטן רעגן״, ווען די היטלעריסטן האָבן אויסגעקוילעט כמעט די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג פון שטאָט. אַזוי ווי עס איז דעמלט געפאַלן אַ רעגן, זענען די קאַלוזשעס געווען רויט).

בכלל איז בריסק דעמלט געווען אַ גאַנץ נודנע פּראָווינץ־שטאָט. יע־דער טאָג איז געווען ענלעך צום פריערדיקן. אַז איינער פלעגט פרעגן דעם אַנדערן, וואָס הערט זיך, פלעגט מען אָפט הערן די תשובה: „וואָס קאָן זיך הערן אין בריסק?״ דער טרעף־פּונקט פאַר אַלעמען — אַרבעטער, שטודירנדיקע יוגנט, באַלעבאַטישע יידן — איז געווען דער א. ג. „נעווסקי פּראָספּעקט״ — שמאָלע קוואַרטאַלן אויף דער צענטראַלער אַרטעריע פון בריסק, די שאָסעי־גאַס און דער שטאָט־גאָרטן. די פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן געהאַט זייער ראָמאַנטישע „אַלייע פון קרעכצן און זיפצן״ (אַלעיאַ אָכאָוו אי וווזדאָכאָוו״). דאָ האָט מען געפירט פּאָליטיק, געפלירטעוועט, דערציילט „פּליאָטקעס״, פילאָזאָפירט מכוח דעם „זין פון לעבן״, וועגן דער „געשלעכט־פראַגע״, וועגן דעם צי איז פאַראַן „אמתע ליבע״ און וועגן... פאַרן קיין אָדעס, פּעטערבורג, וואַרשע אָדער ערגעץ אַנדערש. פּונקט אַנט־קעגן דעם „ריאַד״ קראָמען האָט געהאַט זיין מויער דער ראש־הקהל פון בריסק, אַ געוויסער ירוחמקע שאַץ, אַ ייד — אַ פּראָצענטניק, מיט אַ ווייַסער באָרד, אַ „שוואַרצער כאַראַקטער״, וועלכן מ׳האָט צוגעשריבן, אַז זיצנדיק אויפן באַלקאָן און טרינקענדיק טיי מיט אַ האַנטעך (אויף צו ווישן דעם שווייס), זאָל ער האָבן געזאָגט: „איי, עס איז גוט צו זיצן אויפן באַל־קאָן אין קוקן, ווי יידעלעך, נעבעך, מוטשען זיך״. די שנאה פון דער יידי־שער אָרעמקייט צו אים איז געווען גרויס.

געווען אין בריסק אַן אַלטיטשקע יידישע פרוי, וועלכע מ׳האָט גערופן (נעמט זיך אָן מיט געדולד!) — ציפּע איידל שאַשעס נחמן גיטעלע יאַ־

בעס: פיר דורות אין איין נאָמען. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, וואָס האָט זיך, אגב, אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַלשן — אַז איר אייניקל, אַ מיידל, וואָס האָט שטודירט אין פעטערבורג, האָט זיך געשמדט. זענען שפּעטע טעג נאָכאַנאַנד ווייבער געשטאַנען ביי דעם רב סאָלאָווייטשיקס שול און געווישט די אויגן פון מיטגעפיל צו דער אָרעמער באָבע, נעבעך, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן אַזעלכע בזיונות.

די יוגנט איז געווען ממש פאַרליבט אין דיסקוסיעס. רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אַרבעטער און יוגנט פלעגן גיין אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פון אַלע ריכטונגען. פון צייט צו צייט פלעגן אויסברעכן סקאַנדאַלע מאַניפעסטאַציעס פון צופעליק אַנוועזנדיקע יוגנטלעכע. אַזוי האָט זיך, למשל, דער אויבנדערמאָנטער הספד אין פאַרבינדונג מיטן ביאַליסטאָקער פאָגראָם, פאַרענדיקט מיט אַ צאָלרייכער שטורמישער מאַניפעסטאַציע קעגן דער פאָגראָם־פאָליטיק פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. עס איז צו יענער צייט קיין בריסק געקומען דער דעמאָלט פאָפּולערער „וולאַדעק" — טשאַרני — דער ברודער פון דעם קריטיקער ניגער — וועלכן מ'האָט צוליב זיין גרויסער רעדנער־קראַפט גערופן „דער יידישער לאַסאַל". האָט זיך זיין רעפעראַט אין איינעם פון די בתי־מדרשים פון בריסק — וועלכער איז דורך די אַרבעטער פאַרכאַפּט געוואָרן קעגן ווילן פון די גבאים — אויך פאַרענדיקט מיט אַ מאַניפעסטאַציע. אַלע די מאַניפעסטאַציעס האָבן געטראָגן, ווי מיר וואָלטן דאָס היינט אָנגערופן, אַן „איינהייטלעך־פראָנטישן" כאַראַקטער. אָפט פלעגן זיך פּשוטע שמועסן אין שטאָט־גאָרטן — אייגנטלעך אויף דער „לאַנקע" הינטער דעם שטאָט־גאָרטן — פאַרוואַנדלען אין מאַסאָווקעס און זיך ענדיקן מיט רעוואָלוציאָנערן געזאַנג און לאָזונגען. איך געדענק אַ שמועס, אַ שבת אין דער פרי, וואָס איך האָב אָנגעהויבן ביי צען אַנטיילנעמער, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע הונדערט מענטשן. ער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַזאַ גוואַלדיקער מאַניפעסטאַציע, אַז פאָליציי איז געקומען, און חברים האָבן מיך איבערן פּאַרקאַן אַריבערגעוואָרפן אויפן שאָסעי, וואָס פירט קיין טערעספאָל. געקומען בין איך צום שבתדיקן מיטאָג מיט צוויי שעה שפּעטער און מיט... צעריסענע הויזן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר בריסק זענען געווען די שפּאַצירן צו דער טורמע, ווי די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע זענען געזעסן פון דער הינטערשטער זייט, האָבן געקאָנט פראַנק און פריי שעהן לאַנג שמועסן מיט זייערע קרובים און באַקאַנטע. דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון „אַמקריגאַיאַ

טיורמאַ" (אָפענע תפיסה), ווו אַ גאַנצן טאָג האָבן די פּאָליטישע אַרעס=טירטע געקאָנט שפּאַצירן איבערן הויף, באַזוכן איינער דעם צווייטן און די קאַמערן, וואָרום דער צאַריזם האָט זיך נאָך נישט געפילט זיכער אין זאַטל נאָכן 1905 יאָר און די טורמע=אויפזעער האָבן געציטערט פאַר זייער הויט און באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסצומיידן טעראָר=אַקטן.

אַ „באַליבט" אָרט פאַר „מאַסאָוויקעס" איז געווען... דער בית=עולם. ספּעציעל אין די „דריי וואָכן" און „ניין טעג" (פאַר תשעה=באב). איך געדענק אַזאַ מאַסאָווקע, ווו איך בין אַרויסגעטראָטן אין פאַרבינדונג מיטן פאַנאַנדערלאָזן די ערשטע דומע. פונקט אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי, וועלכע פלעגט טראָגן צו מיין באָבען היינער, פיש, גרינוואַרג און אַנדערע שפּייז=פּראָדוקטן. איז זי געשטאַנען און די גאַנצע צייט געוויינט. געמיינט האָב איך, אַז זי איז אַזוי גערירט פון מיינע שילדערונגען פון דער פאָלקס=נויט און רציחות פון דער צאַרישער רעגירונג. נאָך דעם, ווי איך האָב געענדיקט רעדן, איז צו מיר צוגעגאַנגען יאָסל דער טמאָליער און שרעקלעך צעטראָגן און קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז איך זאָל אַוועק פונעם בית=עולם, וואָרום „מאָלע וואָס קאָן געשען". איך בין פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צו דער אַלטיטשקער און געפרעגט: „באָבעניו, וואָס האָט איר אַזוי שטאַרק געוויינט?" ווי גרויס איז געווען מיין איבעררעשונג, ווען איך האָב באַקומען די תשובה: „ווי זאָל איך נישט וויינען, מיין קינד, אַז דאָ נישט ווייט פון דאַנען ליגט דיין עלטער=זיידע, זכרונו לברכה, און מוז, נעבעך, אויסהערן אַזעלכע רייד פון זיין אוראייניקל". אויף מאָרגן איז די ידיעה געקומען צו מיין באָבען און איר געזאָגט: „שאָשקעלע קרוין, ווען איר זאָלט וויסן סאַראַ געשליפן צינגל אייער אייניקל האָט. פייער שפּריצט פון זיין מויל, ווי איז מיר! עס האָט זיך אַזוי געשמאַק געוויינט". הייסט גיי רעד וועגן „קאָנספּיראַציע"!

און דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט געצוווּנגען מיין זיידן און באָבען אַ טראַכט צו טאָן, ווי אַזוי אַרויסצופּעקלען מיך פון בריסק. עס איז געווען אין דער שטאָט אַ טאַרטאַק. דער באַלעבאָס — אַ ייד. די אַרבעטער — אַלע ווייסרוסן. האָט מיר מיין אידען=חבר, יאָסל דער סטאָליער, פאָרגעלייגט, אַז אין פאַרבינדונג מיט אַן עקאָנאָמישן סכסוך צווישן די סטאָליאַרעס, זאָל איך גיין אויפן טאַרטאַק און אָרגאַניזירן אַ שטרייק פון די נישט ייִדישע אַרבעטער. איך האָב זיך גערן אונטערגענומען. נאָך אַ פירשעהדיק געשפּרעך מיט די אַרבעטער, האָב איך זיי אין נאָמען פון דער „אָרגאַניזאַציע" (קיינעם האָט נישט געאַרט וועל=

בע) — דאָס איז געווען אַ צוויבער־וואָרט! — אַראָפּגענומען פון דער אַר־
בעט. דערנאָך בין איך און צוויי ווייסרוסישע דרייסטערע אַרבעטער אַוועק
צום באַלעבאָס אַלס „שטרייק־קאָמיטעט“ און אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען,
וועלכע זענען, אגב, אין צוויי טעג אַרום באַפרידיקט געוואָרן. דער חברה־
מאַן, אָבער, האָט פאַרשפרייט אַ קלאַנג איבערן שטעטל, אַז „פּרץ גאָר־
דינס אייניקל“ בונטעוועט „גוישע“ אַרבעטער קעגן יידן, איינרעדנדיק זיי,
אַז ער, אַ חשובער ייד, איז אַן עקספּלאָאַטאַטאָר און אַ „בורזשוי“. עס
איז דערגאַנגען צו מיין זיידן. די באָבע האָט געוויינט. „בזיונות האָב איך
פון דיר“ — האָט זי געטענהט. און דאָ קומט אַ סדרה... אליקום געצל.

ווער איז ער? וואָס איז ער?

דער סוף פון מיין רייזע אויפן שוים פון דער נאַטור

געווען איז ער אַ מגיד. אַ דאַרער, היימוווקסיקער ייִד, אַ בלאַסער, נערוועזער, מיט אַ פּנים פון אַ... טאָרקוועמאַדאָ. אַ רעליגיעזער פאַנאַטיקער, אַן אָבסקוראַנט פון זיין ליבן נאָמען, אַז אָפּגעהיט זאָל מען ווערן. ווען ער פלעגט נעמען שילדערן ווי דער גיהנום זעט אויס, פלעגן ווייבער כליפּען אויפן קול, געווען זענען אַפילו פאַלן פון חלשות. אַלע זיינע דונערן און בליצן האָט ער געוואָרפן אויף פיר קאַטעגאָריעס ייִדן: „ציוציליסטן" (ימח שמם וזכרם), ציוניסטן (עוכרים און פושעים, וועלכע ווילן מקרב זיין דעם קץ), די וואָס זענען מחלל שבת בפרהסיא (ווי איז צו אונדז!) און... חצופות, וועלכע גייען נישט אין מקווה, טראָגן נאָך דער חתונה אייגענע האָר און זינגען גוישע לידלעך (בפרהסיא, אָן שום בושה!). אָפט פלעגט ער ערב שבת באַווייזן זיך אויפן בולוואַר און דער באַגלייטונג פון זיינע „יוצר משרתים", וועלכע פלעגן פּראָוואָצירן געשלעגן מיט יונגעלייט, וואָס האָבן גערויכערט.

האָט זיך דער אַליקום געצל דערוווסט וועגן דעם שטרייק, וואָס איך האָב אָרגאַניזירט אויפן טאַרטאַק. מער האָט מיר נישט געפעלט. אין איינער פון זיינע גאָענגסטע דרשות איז ער מיך, — אָנרופנדיק מיך ביים נאָמען און אונטערשטרייכנדיק וועמענס אייניקל איך בין — באַפאַלן מיט אַלע קללות און חרמות, אויף וועלכע ער איז פעיק געווען און פאַטעטיש אויסגעשריגן, אַז אַזעלכע „ימח־שמוניקעס", „מחרסים ומחריבים" (צעשטערער און פאַרוויסטער) מיינט די הייליקע תורה, אַז „לא יבוא בקהל אהיני" (ער זאָל נישט אַריינקומען אין גאָטס קהל), „אין חרם דאַרף מען אַזעלכע לייגן, ווייל אַלע אומגליקן, אַלע צרות, אַלע פּאָגראָמען נעמען זיך פון אָט אַזעלכענע, וואָס זענען ערגער פון משומדים!" — האָט ער געשטורעמט, רייסנדיק זיך ביי די פּאות, ווי מען האָט מיר דערציילט.

צו מיין אומגליק איז די באָבע מיינע, שאָשקעלע, געווען אויף אָט דער דרשה. אַז איך בין געקומען דעם זעלבן שבת צו מיטאָג, איז אין

שטוב געווען חושך: די באָבע האָט געוויינט, דער זיידע האָט פֿער און שוועבל געשאָטן אויף דעם „ווילדן פּאַנאַטיקער", דעם „שאַרלאַטאַן", דעם „עם־הארץ", וואָס קען זיך אויף דער הייליקער תּורה, ווי אַ קאָזאַק אויף קבלה און זי באַרואיקט. איך האָב אָפּגעגעסן אין אַ צווייטן צימער און דערקלערט, אַז איך פֿאָר צוריק קיין לאָדזש. דאָס האָט דער באָבען אַ ביסל אויסגעניכטערט, ווייל פֿאַר דעם האָבן זיי צומינדסטן מורא געהאַט — און האָט זיך באַרואיקט.

אַז ערד אין אַ וואָך אַרום איז מען צו מיר געקומען מיט אַ נייעם פּלאַן: איך פֿאָר מיט דער מומען און איר מעכטערל קיין דאָמאַטשעווע אויף אַ „דאַטשע" (זומער־וווינונג). איך בין דערויף גערן איינגעגאַנגען, ווייל מיך האָט גאָרנישט פֿאַרבונדן מיט בריסק, איז אַלץ, וואָס איך האָב אין בריסק געטאָן, איז געווען כּלאַחר־יד. מיינער אַן אידעען־חבר, מיט וועלכן איך בין דעמאָלט געווען באַפֿריינדעט — אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער געהייסן לייזעראָוויטש — אַן אינטעליגענטער מיושבֿדיקער יאַט (איך האָב זיך שפּעטער עטלעכע מאָל געטראָפֿן מיט אים אין אַמעריקע) און די קלוגע שׂרהקע לערערהענדלער האָבן מיר אויך געראַטן אָננעמען דעם פֿאָרשלאַג, צוזאָגנדיק צושיקן מיר וואָסערע ביכער איך וועל נאָר וועלן.

בינו לבינו האָב איך געוואַרט אויף מיין פֿאָרן אין דאָרף, כּדי צו זיין אַ ביסל „אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור", ווי מיינע יונגע פּאָעטערס, הניאַלקע און מענדל, האָבן גערייצט מיין פֿאַנטאַזיע. דאָס לעבן איז זיך געפֿלאָסן אַזוי ווי געוויינלעך: איינטאָניק און נודנע, איין טאָג ענלעך צום צווייטן: שפּאַצירן צום וואָקזאַל, באָדן זיך נישט ווייט פֿון דעם אָרט, ווו דער מוכאַוויעץ פֿאַלט אַריין אינעם בוג, מאַכן שפּאַצירן קיין בריסק און ביאַלע פֿאָלע און צוריק, דרייען זיך איבערן שטאָט־גאָרטן, ווו מ'האָט געפֿירט דיסקוסיעס מיט אַרבעטער און... געפֿלירטעוועט מיט מיידלעך. יעדן אָוונט געדרייט זיך אויף „נעווסקע" און אומבאַדינגט פֿאַרהאַלטן זיך ביים מערקישן בעקער, ווו מ'האָט זיך געפֿונדעוועט זיס־זויערע ברויטלעך מיט ראַזשינקעס, געטרונקען „בוזא" און פֿאַרביסן מיט כאַלוועס. און אַזוי כּסדר.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פֿון מיין פֿאָרן קיין דאָמאַטשעווע אויף „דאַטשע". מיט דער זעלבער באַן איז דעמאָלט אויך געפֿאָרן דער אַלגעמיין־געשעצטער אַלטמישקער גענעראַל און דאָקטער שטיינבערג. אַז איך האָב אים באַמערקט אויפֿן וואָקזאַל, האָב איך זיך פֿון דער ווייטנס פֿאַרנייגט פֿאַר אים. ער האָט מיך צוגערופֿן צו זיך און געזאָגט:

„איך האָב געהערט וועגן דער אומאַנגענעמלעכקייט, וואָס איר האָט געהאַט. — „ניע בעספּאַקאָיטיעס, מאָלאָדאָי טשעלאָוויעק, עטאָ זשע מראַקאָביעס!“ (באַאומרואיקט זיך נישט, יונגערמאַן, דאָס איז דאָך (ער האָט געמיינט אַליקום געצלען) אַן אָבסקוראַנט!), און דערנאָך צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער: „ווי שייגעץ, אַ יאַ ליובליו שייגעצאָוו“ (איר זייט אַ שייגעץ און איך האָב ליב שקצים).

געקומען קיין דאָמאַטשעווע מיט אַ גאַנץ קוישל ביכער, גראָבע זשורנאַלן, האָב איך זיך גענומען צום לייענען, געלעגן אין וואַלד און געלייענט. אין אַ וואָך אַרום האָבן אָנגעהויבן דערגיין ידיעות וועגן „אַגראַרע אומרוען“ אין דער געגנט. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דרייען איבערן מאַרק און זוכן באַקאַנטשאַפט מיט פּויערים.

נאָך געשפּרעכן מיט עטלעכע צענדליק פּויערים, אַלטע און יונגע, אין עטלעכע אַרומיקע דערפער, האָב איך זיך דערלויבט איינמאָל אַריינצומישן אין אַ געשפּרעך צווישן פּויערים, בשעת וועלכן איך האָב זיי דערציילט וואָס עס טוען פּויערים אין אַנדערע טיילן רוסלאַנד. מיט ברייט געעפנטע אויגן און מיילער האָבן זיי מיך אויסגעהערט וועגן דער ברייטער כוואַליע אַגראַר־אומרוען, וואָס האָט אַרומגענומען פאַרשידענע טיילן פון דער צאַרישער אימפּעריע.

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז צו מיר צוגעקומען אַ ווייסרים — אַ לערער, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס „טרודאָוויק“ און דערציילט גענויער, וועגן דער אומרואיקער שטימונג פון די פּויערים אין דער גאַנצער געגנט. און דאָ איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן פאַנאַנדערלאָזן די ערשטע דומע, וועגן דער אומלעגאַלער זיצונג פון דער פאַנאַנדערגעלאָזטער דומע אין פינלאַנד און וועגן דער כוואַליע פון צאָרן, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן אין גאַנץ רוסלאַנד. איך האָב אים געראָטן עפנטלעך פאָרלייענען די אַנטי־צאַרישע רעדעס וועגן דער לאַגע און פאָדערונגען פון די פּויערים, וועלכע זענען געהאַלטן געוואָרן דורך אַלאַדינען, דעם דעפּוטאַט פון די „טרודאָוויקעס“ אין דער ערשטער דומע. און מיר האָבן זיך געזעגנט, אָפּרעדנדיק צו טרעפן זיך אין עטלעכע טעג אַרום. ער איז נישט געקומען, ווייל מ'האָט אים אין איינעם פון די דערפער אַרעסטירט.

אין איינעם שיינעם פרימאָרגן קומט צו מיר אַ באַקאַנטער יידישער אַרבעטער פון ביאַלע פּאָדלאַסק, אַ זייגערמאַכערס אַ זון, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט אין בריסק, צוזאַמען מיט אַן אומבאַקאַנטן ווייסרום, אַ הויך־געוויקסיקן פיל עלטערן פאַר מיר מענטשן, וועמען ער האָט פאָר=

געשטעלט אַלס רעפּוטאַט פֿון דער פּאַנאַנדערגעלאָזטער דומע, אַ „טרודאָוויק“. און דאָ איז שוין נישט פֿאָרגעקומען קיין געשפּרעך, נאָר אַ גאַנצע... „באַראַטונג“ וואָס צו טאָן? מ'איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף עטלעכע מענטשן שיקן אין דאָרף אַריין. עטלעכע באַקאַנטע בריסקער, ביאַלער און שעדלעצער, — ווייסרוסן, יידן און איין פּאָליאַק, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר איז אויסגעקומען צו פֿאָרן אין אַ גרויס דאָרף — דעם נאָמען געדענק איך נישט — צווישן דאָמאַטשעווע און וולאָדאַווע. דאָרט בין איך אַרויסגעטראָטן אויף אַ גרויסן „סבאָר“ און געהאַלטן אַ פּלאַמיקע רעדע, רופֿנדיק נישט צו צאָלן קיין שטייערן. נישט צו גיין אין דער צאַרישער אַרמיי און קיינעם נישט פֿרעגנדיק האַקן די פּריצישע וועלדער, אָרגאַניזירנדיק אַ זעלבשוץ פֿאַר די, וואָס וועלן דאָס טאָן. אָפּגעדרשנט, בין איך צוריקגעקומען קיין דאָמאַטשעווע און דערקלערט, אַז איך בין געווען אויף אַ ווייטן שפּאַציר.

מעשה שטשן מאַכט זיך, אַז איך באַקום אַן איינלאַדונג פֿון מיין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין כּלם, אַז איך זאָל קומען אויף עטלעכע פֿאָרלעזונגען, וואָרום... „דער „בונד“ פֿאַרשטאַרקט זיך“. כאָטש איך האָב קיין קאָפּ — אין פֿאַרבינדונג מיט די אַגראַרע אומרוען — נישט געהאַט נישט פֿאַרן „בונד“ און נישט פֿאַרן טעריטאָריאַליזם — האָב איך באַשלאָסן די איינלאַדונג אָנצונעמען. אַזוי ווי איך האָב קיין פּאַספּאָרט בכלל נאָך נישט געהאַט — מיין איינציקער דאָקומענט איז געווען אַ מאַטריקולע פֿון דער שול — האָט מיר אַ געוויסער חבר גרינשפּאַן, אַ שוסטער, געגעבן זיין פּאַספּאָרט. דעמלט זענען די צאַרישע פּאַספּאָרטן געווען אָן פֿאָטאָגראַפֿיעס — ווייס פּאַפּיר מיט אַ רויטן אָנגעקלעפּטן שטעמפּל. האָב איך עס גענומען, אַוועקגעפֿאָרן קיין בריסק, באַנוצנדיק זיך מיט דעם תּירוץ, אַז עס רעגנט אין דאָמאַטשעווע, און מיט עטלעכע טעג שפּעטער, כּלומרשט צוריקגעפֿאָרן קיין דאָמאַטשעווע — פּאַקטיש אָבער קיין כּלם.

אויפֿן וועג קיין כּלם גייט אַריין אַ גרויסער גראָבער זשאַנדאַר מיט אַ געלער באָרד און בעט מיר זייער העפֿלעך — אָן איראָניע — איך זאָל מיט אים „אויף אַ מינוטיטשקע“ אַרויסגיין. אויפֿן פּעראָן דערקלערט ער מיר, אַז איך בין אַרעסטירט און זאָל נישט פּרובירן אַנטלויפֿן, וואָרום ער קאָן מיר נאָשיקן אַ „פּיגעלע“, וואָס וועט מיך דעריאָגן און... אַוועקגעפֿירט צום „איספּראַווניק“ (צאַרישער פּאָוויאַטאָווער פּאָליציי־באַ-

אַמטער). געווען איז דאָס סוף אויגוסט 1906. מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט מלחמה, מיט „פאַרהערן“, ביי וועלכע מ׳שפּייט אַרויס ציינער, מיט „עטאַפּן“ און אַנדערע פאַרגעניגנס פון תפיסה־לעבן.
אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין דאַטשע אין דאָמאַטשעווע.

אַן אורלויב הינטער קראַטן

מיט מיין אַרעסט אויף דער סטאַציע וואָלאָדאַווע האָט זיך אָנגעהויבן מיין נישט־פריווילעגירטער „אורלויב“, וועלכער האָט געדויערט העכער ניין חדשים. ווי נאָר איך בין דורך אַ זשאַנדאַר און אַ „ציווילן“, וועלכע האָבן זייער „פריינדלעך“ געשמועסט מיט מיר דעם גאַנצן וועג — אַן ערך דריי קילאָמעטער — געבראַכט געוואָרן צום „איספּראַווניק“, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ רויט־צורהדיקער, ברייטביינעקער, הויכגעוואַקסיקער גפש (דאָס איז טאַקע געווען דער „איספּראַווניק“ בעצמו ובכבודו) און האָט מיך, אָן איין איינציקער פראַגע צו שטעלן, אָנגעהויבן מוטשען, לכתחילה מיט די פויסטן, וועלכע זענען, ווי האַמערס, געפאַלן אויף מיין קאָפּ, קאַרק און פּנים, שפּעטער מיט די פיס אין בויך און צום סוף מיט אַ גרויסן, שווערן רעוואָלווער, זידלענדיק זיך אויף אַזאַ אופן, אַז איך האָב נישט געוווסט, צי זאָל איך שרייען פון יסורים, אָדער... לאַכן. ביז דעם מאָמענט האָב איך נישט געוווסט, אַז מ׳קאָן פון דעם רוסישן דריי־גאָרנדיקן מי־שברך מאַכן אַ דריי־און־דרייסיק־גאָרנדיקן. דאָס איז געווען אַ מין גאַרניר צו „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ“, „קראַמאָלניק“, בונטאָווששיק“, און צו דראָונגען נישט מער און נישט ווייניקער ווי מיט דער... תליה.

געדויערט האָט די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט אַן ערך אַ האַלבע שעה, ווייל כ׳האָב פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ווען מען האָט מיך דערמונטערט — בין איך געווען אַ נאַסער, די פענסטער איז געווען צעבראָכן, די מאַרינאַרקע און די פעלערינע — פאַרבלוטיקט, איין צאָן האָב איך אויסגעשפּיגן, אַ צווייטן מיט דער האַנט אַרויסגענומען, ווייל ער האָט זיך געטרייסלט. דער „איספּראַווניק“ איז שוין נישט געווען, נאָר צוויי אַנדערע באַאַמטע האָבן מיר כסדר געגאָסן פריש, קאַלט וואַסער אין אַ גרויסער שיסל. אין פיר שיסלען איז דאָס וואַסער נאָך געווען רויט. די באַאַמטע האָבן דעמלט פאַר מיר „אַנטשולדיקט“ זיך, וואָס זיי האָבן קיין האַנטעך נישט, און איך האָב זיך אָפּגעווישט מיט מיין אייגענער „גימנאַסטיאָרקע“.

מען האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן הויף, וווּ עס האָבן אויף מיר שוין געוואַרט אַזש פיר פּאָליציי=לייט. ווען איך בין אַרויס אויף דער גאַס האָבן צו אונדזער גרופּע זיך אָנגעשלאָסן צוויי דראַגונער אויף פערד, און איך האָב, ווישנדיק די נאָך בלוטנדיקע נאָז און מויל, געלאָזט זיך איבער דעם כרך וולאָדאַווע.

עס איז געווען אַ שיין וועטער און דערצו אַ מאַרק=טאָג. יידענעס און פּויערטעס האָבן די אויגן געווישט. פינצטערע קללות זענען אין דריי שפּראַכן — יידיש, פּויליש און אוקראַיניש — געפאַלן אויף „זייערע קעפּ“. מיט אַזאַ „טריומפאַלן מאַרש“ בין איך דערגאַנגען צו דער וולאָדאַווער „קאָזע“, וועלכע האָט געהאַט צוויי קאַמערן און צוויי קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטער. איך בין געווען איין=איינציקער אַרעסטאַנט אין דער גאַנצער „קאָזע“.

איך האָב נישט באַוויזן אָפּצורוען פון דעם קבלת=פּנים, וואָס איך האָב געהאַט, טראָגט מען מיר אַריין אַ „וואַלוועקע“ געשמאַקע „באָבעלעך מיט קליסקעלעך“, פיר קאָטלעטן מיט „יידישן טעם“, ברויט, פּוטער, יאָ, אויך גענדזענע גריוון! איך האָב זיך גענומען צו דער אכילה, אָבער קיין גרויס הנאה האָב איך הערפון נישט געהאַט: טיילעכע ציין האָבן זיך געטרייסלט, דער געזאַלצטער טעם פון בלוט איז נאָך געווען אין מויל און אַלע גלידער האָבן מיר ווי געטאָן. דער מלאך, וואָס האָט אַזוי געזאָרגט וועגן מיר אין משך פון די פינף טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין וולאָדאַווער „קאָזע“, איז געווען אַ חברטע, מיט וועלכער איך האָב זיך ערשט מיט יאָרן שפּעטער געטראָפן — כ ו מ ט ש ע ק ר אַ ו ט ש י נ ס ק אַ (געפינט זיך איצט אין ראַנטפאַרבאַנד).

נאָך אַ גרעסערע איבערראַשונג האָב איך געהאַט אויף מאָרגן, ווען איך האָב דערהאַלטן אַ זעקל — אָן שפּאַסן בפועל ממש — אַ זעקל פון צעמלעבע קילאָגראַם די וואָג מיט פּויערישע „פּיראָגעס“, מיט אַ גרויס שטיק „באָמשעק“, מיט אַ טוץ אויף האַרט געקאָכטע אייער און אַ מחיהדיק=שמעקנדיקן פּויערישן שוואַרצן ברויט, אין וועלכן עס איז געווען אַריינגעשטעקט אַ צעטל מיט אַן אויפשריפט: „גאָלאָוו ווישע, טאָוואַרישטש!“ (דעם קאָפּ אין דער הייך, חבר!). כ'בין געווען דערפון אויסער זיך פון פרייד.

שפּעטער האָט מען אין דער „קאָזע“ געבראַכט דריי פּויערים, באַשולדיקטע אין גנבענען אַ חזיר, און איינעם אַ פערד=גנב. האָב איך געהאַט מיט וועמען צו טיילן זיך מיט מיין עסן. אין אַ געוויסער קילער, שטערנדיקער נאַכט האָט מען אונדז אַלעמען אַרויסגעפירט — די פיר גנ=

בים צוגעשמידט מיט האַנט=קייטלעך איינעם צום צווייטן, און מיר אַרויפֿגעלייגט קייטלעך אויף די הענט, אַריינגעזעצט אין אַ וואָגן און אין דער באַגלייטונג פֿון 6 דראַגונער אַוועקגעפֿירט צום וואָקזאַל. אויפֿן וועג זענען געשטאַנען עטלעכע צענדליק יונגעלייט, כאָטש עס איז שוין געווען זייער שפּעט, און געפֿאָכעט מיט די הענט.

אינעם אַרעסטאַנטן=וואַגאָן בין איך געפֿאָרן ווי אַ פּריץ: איינער אַליין אויף אַ באַנק. איך האָב גלייך געכאַפּט אַ דרימל. אויפֿגעוועקט האָט מיך דער עלטסטער פֿון דעם קאָנוואָי, ער האָט מיך מכבד געווען מיט „קיפּיאַטאָק“ און אַ גרויס שטיקל צוקער. דערביי האָט ער מיר געשטעלט אַ „פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגע: „קאָגדאַ וויסיאָ עטאָ בליאַדסטוואָ קאָנטשיטסיאַ?“ (ווען וועט זיך אָט די גאַנצע מיאוסע שפּיל ענדיקן?) און צוגעגעבן: „איר מיינט, אַז אונדז איז זיס?“ — אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק. צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז אין אַ 20 מינוט אַרום וועלן מיר אויסשטייגן אין בריסק.

אין אַ ליכטיקן זוניקן שבת אין דער פֿרי האָט מען אונדז — מיך פֿון פֿאָרנט, מיט צוויי קאָנוואָיערן מיט אַנטבלויזטע שאַבליעס, און מיינע פֿיר אחים לצרה אָפּגערוקט עטלעכע טריט, אַדורכגעפֿירט דורך דער גאַנצער שטאָט ביז צו דער טורמע אויף פּיוואָוואַרנע גאַס, הינטער דעם „ריאַד“ קראָמען און דעם פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער. מעשה שטן מאַכט זיך, אַז גראָד ווען מע האָט מיך געפֿירט דורך פּאָליצייסקע גאַס, זענען ייִדן געגאַנגען פֿון שול, און צווישן זיי איז געווען מיין באָבע, שאָשקעלע. „ווי איז מיר, שאָשקעלע!“ — דערהער איך אַ געשריי. דאָס האָט אַ ייִדענע אויסגעשריגן, ווייזנדיק דער באָבען אויף מיר. עטלעכע צענדליק יונגעלייט האָבן אויף אַ דיסטאַנץ באַגלייט מיך אין דער טורמע.

אין בריסקער טורמע האָב איך קיין באַקאַנטע נישט געטראָפֿן. אינטערעסאַנטע מענטשן אויך נישט. ערשט אויפֿן דריטן טאָג נאָך מיין קומען האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַקאַנט פּנים. דאָס איז געווען דער דומע=דעפּוטאַט דער „טרודאָוויק“. די טורמע איז געווען אַן „אָפֿענע“. שפּאַצירן האָבן מיר געקאָנט אַ גאַנצן טאָג, גיין פֿון קאַמער אין קאַמער — וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט. זען זיך מיט באַקאַנטע דורך די פֿענצטער — האָט קיין שום שוועריקייטן נישט פֿאַרשאַפֿט. פֿאַר אַ „מתנת=יד“ האָט מען געקאָנט באַקומען זעונגען מיט וויפֿל „כלות“, „מומעס“ און „קוזינען“ מע האָט נאָר געוואָלט. לייענען האָט מען דערלויבט, זינגען אויך. דיסקוסיעס

— אומאויפהערלעכע, נאָר זאָל אונדז צו קיין גנאי נישט זיין — אויף אַ נישט גאָר הויכן ניוואָ. מ'האָט געלעבט „ווי גאָט אין אָדעס“.

אַ צוועלף טעג בין איך געווען אין בריסקער טורמע און גלויבט מיר בנאמנות — איך האָב באמת אָפּגערוט. געהאַט אַ גלענצנדיקן אַפּעטיט, געשמאַק געשלאָפן. דעם טאָג, איידער מ'האָט מיך אַוועקגעפירט קיין שעדלעץ, האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ טראַנזיט־קאַמער („פּערעסילנאַיאַ קאָמנאַטאַ“), ווייל מיר זענען געווען דריי פּאָליטישע. און אָט פאַלט אַריין אַ כאַליאַסטרע אַרעסטירטע גנבים, באַנדיטן מכל המינים. איינער פון זיי שלעפּט מיך אַראָפּ פון דער נאַרע און לייגט זיך אויף מיין אָרט. אַ כעסן בין איך שוין דעמלט געווען אַ גאָר נישקשהדיקער (כאָטש איך בין אַ לוי נישט קיין כוהן), בין איך צוגעלאָפן צו דער „פּאַראַשע“, אַראָפּגעשלעפּט דאָס בלעכענע דעקל און גענומען דעם גפּש האַקן איבער דער צורה, אַז די „יושקע“ האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו גיסן, באַגלייטנדיק דאָס מיט דעם רעפּערטואַר פון דרייסיק־גאַרנדיקע מי־שברכס, וואָס איך האָב מיט אַ וואָך צוריק געהערט פון וולאָדאַוועך „איספּראַווניק“. איך האָב זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן תלמיד: איינער פון דער גנבישער כאַליאַסטרע — אַן ערך 20 מענטשן זענען זיי געווען — האָט געזאָגט צו דעם חוצפּהדיקן „אורקע“: הער אויף, מ'זעט דאָך, אַז דאָס איז אַן א ו נ ד ז ע ר י ק ע ר אין נ י ש ט ק י י ן פּ אָ ל י ט י ש ע ר? „ס'ראַזו ווידנאָ, שטאָ עטאָ נאַש, אַ ניע פּאָליטיק“).

מען האָט מיך אַרויסגעפירט אין אַן איינצל־קאַמער און אַן ערך דעם 10 סעפּטעמבער אַוועקגעפירט צוזאַמען מיט מיינע שוין באַקאַנטע וולאָדאַווער גנבים אין שעדלעצער טורמע. געווען איז דאָס אַ פּאָר טעג נאָך דעם יידן־פּאָגראָם, וואָס דער טויעריק־באַרימטער פּולקאָווניק טיכאָנאָווסקי האָט מיט זיינע סאָלדאַטן אָרגאַניזירט אין שעדלעץ. גייענדיק איבער דער גאַס, האָב איך געזען אַ וואַנט דורכגעלעכערט דורך אַ האַרמאַטן־שאָס.

געווען איז דאָס אַן ערך דעם 11־טן אָדער 12־טן סעפּטעמבער, אין מיטן אלול 1906. פאַרוואָס האָב איך פּליצים אָנגעהויבן ציילן לויט דעם יידישן לוח, וועט קלאָר ווערן ווייטער.

ווען מען האָט אונדז — פיר גנבים און מיך — אַריינגעפירט דורך דריי שווערע טויערן אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע, האָט אונדז באַגעגנט דער „נאַטשאַלניק“ בעצמו ובכבודו, אַ דאַרינקער זקן מיט אַ ווייסער באָרד, גוטמוטיקן פּנים און... אָנגעהויבן אויף אונדז צו שרייען: „איר גנבים! איך וועל אייך ווייזן! איר וועט ביי מיר פאַרפוילט ווערן!... „אַז מ'האָט

מיך צוגעפירט און אַראָפּגענומען די קיטלען פון די הענט, האָט ער אַ קוק געטאָן און געזאָגט מיט פאַרלעגנהייט: „איר זייט אַ פּאָליטישער? אַ קראָמאָלניק? און צו וואָס האָרפט איר עס?" „לבאָם סטענו ניע פּראָביאָש" („מיטן שטערן וועסטו די וואַנט נישט דורכברעכן").

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט די סיבה פון אָט דעם געמיש פון פּאַטריאַרכאַלער שטרענגקייט און כמעט פרײַנדלעכקייט: ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ גימנאַזיסטקע, וועלכע איז געווען אַנטיצאַריש געשטימט.

מ'האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער „נייער טורמע" דורכן הויף פון דעם אַלטן „טורמע־שלאָס", וואָס האָט מיט זיין אויסזען — אַ ריזיקע גרינע געביידע מיט שמאָלע פענצטערלעך — אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכקייט. אין דער „נייער טורמע" מיט גרויסע פאַרקראַטעוועטע פענצטער, גרויסע קאַמערן און טירן, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי אַ גרויסע קראַטע — האָט מען מיך צעשיידט מיט מיינע גנבישע אחים לצרה. אין מיין קאַמער האָב איך געטראָפן פינף פּאָליטישע: צוויי ליטווער, אַרעסטירטע פאַר אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע פּוילישע שול, איין שילער פון אָט דער שול און צוויי פּויערים, פון וועלכע איך האָב קיין טאָלק נישט געקאָנט דערגיין פאַרוואָס זיי זיצן. אַלע פון גאַרוואָלינער געגנט. מילא, זיץ איך. איך מאַך צורעכט מיין „בעט" — אַ הילצערנ'ע ראַם אַרומגעצויגן מיט אַ גראָבן לייווונט, פון וועלכן מע מאַכט זעגלען אָדער געצעלטן, מיט אַ שטרויען קישעלע און אַ קאָלדערקע דין, ווי אַ מצה — און פאַרטראַכט זיך. חופּט זיך אָפּ איינער פון זיי: „פאַרוואָס גייט איר נישט צו אייערע?" פרעג איך: „בין איך דען נישט צווישן פּאָליטישע?" זאָגט ער: „יאָ, אָבער די טורמע איז פול מיט יידן..."

איך האָב נישט גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. די טורמע איז געווען אַ „האַלב־אָפּענע". אַזאַ פרייהייט, ווי אין בריסק, איז נישט געווען, אָבער דריי שעה אַ טאָג האָט מען געמעגט שפּאַצירן און פון קאַמער אין אַנדערע קאַמערן „גיין צו גאַסט" האָט מען אויך געקאָנט. איך האָב אָפּגעגעסן פרישטיק און אַרויס אויפן הויף. און אַ מערקווירדיק בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן: צענדליקער יידן מיט בערד און פאות דרייען זיך אַרום, שטייען אין קופּקעלעך, זשעסטיקולירן, זיפצן, „לאַכן מיט יאַשטשערקעס" און זיפצן ווייטער. איך גיי צו, שטעק אָפּ אַ „שלום עליכם" און פרעג: „ווי קומט איר אַהער?" באַקום איך אַן עכט יידישע תשובה,

ד. ה. מיט אַ פֿראַגע: „און איר ווייסט פֿון גאָר נישט? פֿון וואַנען איז אַ ייד?“

בקיצור, אין אַ צען מינוט צייט האָב איך זיך אַלץ דערוווסט. דער פּאָגראָם אין ישעדלעץ, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן ט"ז אלול איז געווען אַ ריין מיליטערישער, אָן דער הילף פֿון שוואַרץ־מאהדיקע ציווילע „עלע־מענטן“. אַלס תירוץ אויף צו „באַגריגדן“ און „באַרעכטיקן“ די דאָזיקע יידן־שחיטה האָבן דעם צאַרישן פּאָלקאָווניק מיכאָנאָווסקי, וועלכער האָט אַזש פֿון פּעטערבורג באַקומען דעם אויפֿטראָג הורכצופֿירן דעם פּאָגראָם, געדינט פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען, אַז יידן האָבן פֿון די פֿענצטער גע־שאָסן און זודיק וואַסער געגאָסן אויף דורכפֿאָרנדיקע דראַגונער. און אַלס באַשולדיקטע אין די דאָזיקע „פֿאַרברעכערישע איבערפֿאַלן“ אויף זעלנער האָט מען אַרעסטירט עטלעכע הונדערט יידן: קרעמער, באַלמעלאָכעס, כּלי־קודש, אַלטע לייט, יונגטלעכע אָן אויסנאַם, און מ'האָט זיי אַריינגעזעצט אין טורמע אַלס „פּאָליטישע“. אַז די יידן האָבן דערהערט, אַז איך בין אַ... מורד במלכות, האָט דער גרעסטער טייל פֿון זיי נישט געוואָלט רעדן מיט מיר, אַחוץ עטלעכע יונגעלייט, איין העברעישער לערער און איין... דיין.

איך אַן אָריגינעלן אופֿן האָב איך געשלאָסן מיין פֿריינדשאַפֿט מיט אָט דעם דיין. אויפֿן צווייטן טאָג פֿאַרנאַכט, ווען אָט די „פּאָליטישע“ פֿון איין גרויסער קאַמער האָבן בציבור געדאַוונט מנחה, גיי איך פֿאַרביי — און די טירן, ווי געזאָגט, זענען געווען איין גרויסע קראַטע, אַזוי, אַז מע האָט אַלץ געזען און כאַפּ אַ קוק אינעווייניק— נאָכן דאַווענען גיי איך צו צו דעם דיין און, זעענדיק אויף זיין בענקל אַ פּאָר ספרים, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן זיין „חיי אדם“ איבערצולייענען. פֿרעגט ער מיך, צו וואָס איך דאַרף עס. זאָג איך, אַז איך וויל אַריינקוקן... „מ'טאָר דען נישט?“ זאָגט ער: „אדרבא, פֿאַרקערט, עס איז אַ מצווה“, און גיט עס מיר.

מיט דריי טעג שפּעטער גייט דער דיין „דאָ וויעטראַ“, פּראָסט יידי־שע גערעדט — אויף נקיות, פֿאַרביי מיין קאַמער און זעט ווי איך ליג אויף מיין „קאָיקע“ און לייען דעם „חיי אדם“. רופֿט ער מיך צו און זאָגט מיט אַ פֿאָרוווּרף: „אַז אַ ייד קוקט שוין יאָ אַריין אין אַ ספר, איז פֿאַרוואָס אָן אַ היטל?“ און האָט ביי מיר דעם ספר צוגענומען. אָבער אויפֿן „שפּאַציר“ האָבן מיר שעהן־לאַנג געשמועסט און גערעדט... תורה. איינמאָל זאָגט ער מיר: „איר זייט אַן א מ ת ע ר אפּיקורס“, מיט אַ קנייטש אויפֿן וואָרט „אמתער“. פֿרעג איך: „פֿאַרוואָס?“ ענטפֿערט ער: „ווייל איר קאָנט



שיעדלעצער טורמע — די א. ג. אַלטע תפיסה
מיט X באַצייכנט די קאַמער וווּ איך בין געזעסן אין 1906.

לערנען" און גיט צו: „מהיום והלאה וועל איך מיט אייך רעדן נאָר וועגן... וועלט־זאַכן". און פון די וועלט־זאַכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז שמואל הנביא איז געווען אַ... אַנאַרכיסט, וואָרום ער האָט נישט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן האָבן אַ קעניג, אַז ישעיה הנביא איז געווען דער „גרעסטער סאָציאַליסט אויף דער וועלט", אַז דער תנא רבי יוחנן איז געווען אַ סנדלר, אַ „פּראָסטער שוסטער" און אַז אַלע אומגליקן אויף ייִדן נעמען זיך פון די היינטיקע סאָציאַליסטן. אַז אַלע מלכים זענען „מלך אביונים", אָבער... בישקשה... „מיר האָבן אַ מלך מלכי המלכים". און אַז איך האָב, שמייכלענדיק, מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט, וואָס ער האָט גערעדט און... געשוויגן, איז ער אויף מיר אָנגעפאַלן מיט רוגזה און אויסגעשריגן: „אָט זעט איר, אַז איר האָט מיר נישט וואָס צו ענטפערן".

אַז ערך צוועלף טעג בין איך אָפּגעזעסן אין דער „נייער תפיסה". איך בין געווען פאַרגליווערט ביז גאָר. נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן. קיין איין איינציקער סאָציאַליסט איז צווישן די אַלע פּאָליטישע נישט געווען, דער רוב בנין און רוב מנין זענען געווען די אומגליקלעכע קרבנות פונעם שטרענגער פּאָגראָם. צווישן די אַן ערך צוואַנציק איבעריקע זענען געווען עטלעכע — פון וועלכע איינער האָט פון מיר גענומען אַ פּאַטש פאַר איבערקרימען, ווי די ייִדן רעדן. געווען עטלעכע פּוילישע קולטור־טוער, עטלעכע דערשראָקענע פּוילישע פּויערים, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט עפענען, און איינער, וואָס זיין גאַנץ האָט עדות געזאָגט, אַז אַ גלעזל משקה איז זיין בעסטער לעבנס־פריינד, וואָס האָט געהאַלטן כסדר אין בורטשען אַ ליד: „אידזשמי, ביימי מאָסקאַלי, שוויאַט נאַם זאַ טאָ פּאַכוואַלי" (לאָמיר גיין און שלאָגן די מאָסקאַלעס, די וועלט וועט אונדז הערפאַר לויבן).

איך האָב געבעטן די חברים פון דער „אַלטער טורמע", זיי זאָלן מיך איבערנעמען צו זיך, און עס איז ענדלעך געלונגען. די „אַלטע טורמע" איז געווען אַ שווערלעכער בנין: כמעט אויסשליסלעך איינצל־קאַמערן, יעדנפאַלס אויף די ערשטע שטאָקן. עס איז געווען פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז דער אַרכיטעקט, וואָס האָט געבויט די תפיסה אין אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס צייטן, איז געשוואָרבן אין זיין טורמע, ווייל ווען דער קיסר איז בלומרשט געקומען קיין שעדלעץ און דערזען די תפיסה מיט דיקע, פייכטע ווענט, פינצטערע שמאָלע פענצטער, שווערלעכע אונטערערדישע קאַמערן, האָט ער געהייסן אַריינזעצן דעם אַרכיטעקט אויף איין חודש אין

יעדער קאַמער. זאָל ער וויסן, אַז מ׳טאָר נישט אַזעלכע בנינים בויען פאַר מענטשן.

דאָרט אין דער „אַלטער טורמע“ האָב איך שוין געטראָפן עטלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַ גרופּע חברים באַשולדיקטע אין פירן רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אינעם מיליטער — צווישן זיי אַ ייִד, באָיאַרסקי, פון סלאָנים, אַ פּפּסישן טוער זאַריעמבאַ — אַ ברודער פונעם באַקאַנטן פירער פון פּפּס... — וועלכער האָט דעמלט געהאַט אַן איבערגעהאַקטע ליפּ דורך אַ קאָזאַקישער שאַבליע. בונדיסטן פון שעדלעץ, לוקאָוו, סאָקאָלאָוו, קאַלושין, צוויי מײַנע פּאַרטיי־חברים, אַ פּאָר אַנאַרכיסטן און באַגעגנט צו הונדערטן קרבנות פון שעדלעצער פּאָגראָם, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען ציוניסטן, ליבעראַלן פון „קאַדעטישן“ שניט און פאַרברענטע אַסימילאַטאָרן; דאָ האָב איך שוין געהאַט מיט וועמען צו רעדן. דאָ איז שוין געווען אַ מין שפּײַז־קאָמונע (אגב, אַדאַנק די פּאָגראָם־„פּאָליטישע“, איז בכלל געווען צו עסן, און דערצו געשמאַקע ייִדישע מאכלים עד בלי די והותר). דאָ איז שוין געווען אַ ביבליאָטעק און פרישע ביכער צוגעשיקטע דורך קרובים און טורמע־„כלות“. דאָ האָב איך געקאָנט לייענען דעם פולן טעקסט פון אַדאַם מיצקעוויטשעס „דזיאַדי“ אין אַ גאַליציאַנער אויסגאַבע, אײַנגעבונדן צוזאַמען מיט אַ... פּותר־חלומות פון פּראַגע און אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו פאַרהיטן זיך פון שוואַנגערשאַפט — פון דער צווייטער זײַט. דאָ איז מיר אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל צו לייענען אַרציבאַשעווס דעקאַדענטישן ראָמאַן „סאַנין“.

אַדאַנק מײַן ליבער פרײַנדין פון בריסק, שרהקע לעדערהענדלער, וועלכע איז געווען אַ שול־חברטע פון מײַן טורמע־נאַטשאַלניקס טאָכטער, איז מיר געלונגען צו קריגן אַ מעגלעכקייט אַרויסצושיקן „גריפּסן“, באַקומען די „גראָבע“ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע זשורנאַלן, שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט צוויי בריסקער יונגעלײַט, וועלכע האָבן זיך דעמלט געלערנט אין שעדלעצער גימנאַזיע — פּעסל קאַסטאַלאַנסקעס, קרובים — און פילן זיך... אַגילדיק ואשמחדיק. פון צײַט צו צײַט פלעגט מיר אַ קאַנצעלאַריע־באַאַמטער פון תפיסה ברענגען צוקערקעס אָדער אַ פלימקע שאָקאָלאַד „גאַלאַ פּעטער“, זאָגנדיק: „באַרישניאַ פּראָסילאַ פּערעדאַט“ (דאָס פרײַלין האָט געבעטן איבערגעבן), דאָס „פרײַלין“ איז געווען דעם טורמע־נאַטשאַלניקס טאָכטער.

ערב יום־כיפּור האָט מען מיטאַמאָל אַלע פּאָגראָם־אַרעסטירטע —

„שיכער אויף דראַנוג׳ער“, — באַפרייט און ס׳האָבן אָנגעהויבן ציען „וואָ=בעדיקע“ טעג, וואָכן, חדשים — אין די דעמלטיקע אונדזערע „אוניווערסי=טעטן“ הינטער קראַטן.

ס—לו—ש—אַ—י!!! דאָס ליד פון די „נאַראָדאָוואָלצעס“ איז דעמלט געווען אונדזער קריאת=שמע פאַרן לייגן זיך שלאָפן.

גרויע טעג

די טורמע איז געווען אַ פֿילבאַרער באַראָמעטער פֿון דער פּאָליטישער סיטואַציע אין דער צאַרישער אימפּעריע. סוף 1906 *האָט זיך שוין בולט געפֿילט דאָס צאַנקעניש פֿון דער רעוואָלוציע*.

אין אָנהייב 1907 יאָר האָט זיך שוין אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פֿון די לעצטע סימנים פֿון „אָפֿענער טורמע": מ'האָט אָנגעהויבן צו סעגרעגירן: די פּויערים, די „אַגראַרניקעס", ד. ה. די אַרעסטירטע פֿאַר „סאַמאָוואָלנע" אויסהאַקן פּריצישע וועלדער, פֿאַר פֿאַרכאַפּן פּריציש פֿאַרמעגן און ענלעכע „אַגראַרע" אומרוען האָט מען אָנגעהויבן אָפּצוזונדערן פֿון אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע. שפּאַצירן האָט מען אָנגעהויבן לויט „אָפּטיילונגען", ד. ה. קאָרידאָרן, אין וועלכע מ'איז געזעסן. מ'האָט באַגרענעצט דאָס גיין פֿון קאַמער צו קאַמער. די באַציונג איז געוואָרן אַ גראָבע. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער געהילף פֿון דעם אַלטישקן, גוטמוטיקן „נאַטשאַלניק": אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט אַ שיטער בערדל און בייזע, שלאַנגישע אויגן. עס האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין קאָנפֿליקטן, איינצלנע, אָפּגעזונדערטע — צוליב דעם ספּעציפֿישן באַשטאַנד פֿון די דעמאָלטיקע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין שעדלעץ: אַ הייפֿל סאָציאַליסטן, אַ גרויסע גרופּע פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע זענען געווען ווייט פֿון רעוואָלוציע כרחוק מזרח ממערב און אַ מאַסע „אַגראַרניקעס", וועלכע האָט *געהאַנדלט* רעוואָלוציאָנער, אָבער די מדרגה פֿון *פּאָליטישן באַוווסטזיין* איז ביי זיי געווען אַ נידעריקע ביז גאָר. און דערצו האָט מען אַ פּאָר מאָל אַרויסגעשיקט גרעסערע גרופּן אַרעסטירטע אין די „ווייטע גובערניעס" אויף אַדמיניסטראַטיווער פֿאַרשיקונג, און אין באַצוג צו ניי־אָנגעקומענע האָט מען שוין אָנגעווענדט דעם שאַרפֿערן רעזשים.

אין דער מאָס, ווי די קאָנטררעוואָלוציאָנערע, סטאָליפּינישע רעאַקציע איז געוואַקסן אין לאַנד, איז די חוצפּה און ברוטאַליטעט געוואַקסן אין



די שױדלעצער טורמע פֿון אינעװײניק. די דריטע טיר פֿון רעכטס דעם אַרײַנגאַנג אין קאַמער,
װוּ איך בין געזעסן אין 1906.

טירמע. ווען אין דער שטדלעצער טורמע איז אַדורך די ידיעה, אַז אין איר געפינט זיך אײנער, וואָס איז פאַרמשפּט צום טויט פאַר עפּעס אַ קלײנעם טעראָר־אַקט — האָט די אַדמיניסטראַציע נישט נאָר פּרובירט לײקענען, נאָר פאַרקערט, געדראָט, אַז „מ'וועט זיך צו אונדז אַלעמען נעמען“.

קיין „קאָמונע“, ד. ה. אַן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, איז דעמלט נישט געווען. דאָס האָט געהייסן, אַז בשעת אַ קאָנפליקט האָט אײנער דעם אַנדערן אונטערגעשטיצט בלויז מאָראַליש, געשטויסן דורך דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט, ווי יעדערער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק און מעגלעך, די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן האָבן געהאַלטן, אַז עס איז... גוט אַזוי. איך האָב זיך שוין דעמלט שטאַרק געקריגט מיט זיי אויך אויפן פונקט פון שטעלן אַן אָרגאַניזירטן און דיסציפּלינירטן ווידערשטאַנד דער פאַרשאַרפונג פון רעזשים.

דערווײַל איז אין טערץ (דוכט זיך) אײנע נאָך דער אַנדערער פאַרגעקומען צוויי געשעענישן. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ געשריי: „זשעגנאַיציע, טאָוואַזשישע, פּראָוואָדזאָן מניע נאַ שמיערטש!“ (זײַט געזונט, חברים, מע פירט מיך צום טויט!). עס האָט זיך גלײַך אויפגעהויבן אַ מוראדיקער, ספּאָנטאַנישער „ראַבאַן“, אין וועלכן עס האָבן אָנטײלגענומען אַלע אַרעסטירטע: פּאָליטישע און קרימינעלע. גלײַך אויפן אָרט האָט די אַדמיניסטראַציע גענומען שלעפּן אין קאַרצער אַריין די קרימינעלע, מײנענדיק, אַז דאָס וועט אָפּגיין גלאַטיק. אָבער די פּאָליטישע האָבן אונטערגעשטיצט די קרימינעלע און געפאָדערט, אַז מ'זאָל זיי פון קאַרצער אַרויסלאָזן. אַ נצחון האָבן מיר, הייסט דאָס, אָפּגעהאַלטן, אָבער אַ גאָר, גאָר צײַטווײַליקן.

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער, שפּאַציר איך מיט זאַרעמבאַן און אַ לערער, אַן אַנאַרכיסט און דיסקוטיר לײַדנשאַפטלעך. זאַרעמבאַ האָט אונדז געוואָלט אײַנרעדן, אַז יעדע מאַסן־אַקציע, דעמאָנסטראַציע, שטרײַק אאַז״וו. הייסט אויסשטעלן מענטשן אויף די קוילן פון די „טאָטקאַליעס“, און אַז נאָר באַוואָפנטע אַקציעס קאָנען זײַן „רעוואָלוציאָנערע“. דער אַנאַרכיסט האָט אויך פאַרשפּרייט אַ „טעאָריע“, אַז דער ווערט פון דעמאָנסטראַציעס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען פאַרבאָטן. איז אַ דעמאָנסטראַציע דערלויבט, אָדער טאָלערירט דורך דער מאַכט, איז עס אַ פּוסטער ווערטלאָזער ענין.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען מײַן „צעשמעטערנדיקע

קאָנטר־אַקציע" קעגן דער דאָזיקער אַוואַנטוריסט'שער אַרגומענטאַציע — רופט מען זיי ביידע אַריין אין דער קאַנצעלאַריע און אין עטלעכע מינוט אַרום טראָגט מען אַרויס זייערע זאַכן און זיי זעגן „אַוועק" אין די „מיעסנע ניע סטאָל אָטראַליאָנגיע" (נישט זייער ווייטע ערטער) אָן אַ זיי־געזונט. די דיסקוסיע איז איבערגעריסן געוואָרן.

אין אַ טורמע, אַז מען געוויינט זיך צו צו געוויסע מענטשן און מען צעשיידט זיך מיט זיי, פילט מען זיך אַזוי ווי פאַריתומט. בלויז עטלעכע פון די, מיט וועלכע איך האָב זיך צונויפגעלעבט פאַר די חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ישעדליעץ, זענען געבליבן, געווען איז נאָך באָיאַרסקי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען גרויע טעג אין שלאָפלאָזיע, געדאַנקען־און בענקעניש־פולע נעכט, אַלץ, וואָס עס איז אין דער טורמע געווען צו לייענען, האָב איך שוין געהאַט דורכגעלייענט. האָב איך זיך גענומען צו... קריסטלעכער טעאָלאָגיע. איך בין געוואָרן אַן אמתער בקי אינעם נייעם טעסטאַמענט, איך האָב איבערגעלייענט אַ ריי אַנדערע טעאָלאָגישע חי־בורים. באָיאַרסקי איז געווען דער איינציקער, מיט וועמען איך האָב געהאַט פיל וועגן וואָס צו רעדן און מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ געמיינזאַמע שפראַך. קודם־כל האָט אונדז פאַרבונדן דאָס, וואָס ביידע זענען מיר געווען סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן לויט די איבערצייגונגען, און ביידע זענען מיר „אַריינגעפאַלן"... נישט פאַר אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן. אַ סך האָבן מיר אויף דער טעמע גערעדט. די יידן־פראַגע האָט אַ גרויס אָרט פאַרנומען אין אונדזערע דיקוסיעס.

און נאָך אַ לאַנג־שעהדיקער דיסקוסיע פלעגן מיר זיך פאַנאַנדערגיין „אַזוי קלוג ווי פריער", ציטירנדיק ביי געזעגענען זיך און שפאַס געטעס ווערטער: „גאַן שמעה איך היער, איך אַרמע טאָר, אונד בין זאָ קלוג אַלס ווי צופאָר".

און די שלאָפלאָזע נעכט? אָ, וואָס מ'האָט אַלץ נישט דורכגעטראַכט! דעם גורל פון דער רעוואָלוציע און די „פּראָבלעמען פון רעגולירונג פון דער יידישער עמיגראַציע"; אויסנוצן די צאַרישע „דומעס" אָדער נישט; „באָיקאָטירן" און... „זאָל דער צאַר וויסן, אַז מיר גיבן זיך נישט אונטער"; „אַסימילאַציע, נאַציאָנאַלע זעלבסטדערהאַלטונג אָדער נייטראַליזם" — ס'הייסט, זאָל דער „היסטאָרישער פּראָצעס מאַכן וואָס ער וויל"... און „ווער בין איך און וואָס טו איך אייגנטלעך"; און וואָס וועט זיין דער תכ־לית פון אַ באַזונדערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג?; און וואָס קאָנען מיר ממשותדיקס טאָן פאַרן סאָציאַליזם, פאַר „לעזן די יידן־פראַגע"...

שווער, זייער שווער איז געווען דער חשבון הנפש אין דריקנדיקע שלאָפֿלאָזע תּפֿיסה־נעכט, בפֿרט אַז מ'איז געווען יונג און נישט הערפֿאַרן, און וויסן האָט מען געהאַט בלויז ברעקלעך.

די לעצטע פֿאָר חדשים אין טורמע זענען געווען זייער ביטערע. אין די ערשטע חדשים פֿון 1907 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַנאַנדערלאָזונג פֿון דער טורמע: ווער — אויף פֿאַרשיקונג, דער עיקר אין אַרכאַנגעלסקער און וואָלאָגדער גובערניע, ווער — אונטער פּאָליציי־אויפֿזיכט אין זיין געבורט־אָדער וווין־אָרט. ווער — אַריבערגעוואָרפֿן אין אַנדערע טורמעס און ווער — באַפֿרייט. און פֿאַר די ניי־אָנגעקומענע —דער עיקר „אַגראַרניקעס“ איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נייער רעזשים.

עס איז געקומען דער סוף פֿון דער „אָפֿענער טורמע“. די באַציונג פֿון דער אַדמיניסטראַציע צו די פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געוואָרן נישט גאָר אַ ברוטאַלע, נאָר פּשוט אַ פּראָוואָצירנדיקע. אַנשטאָט דריי שעה שפּאַציר, איז געוואָרן צוויי שעה. אין די קאַמערן איז מען אַ גאַנצן טאָג געזעסן פֿאַרשפּאַרט. דער צופֿלוס פֿון ביכער פֿון דער „פֿריי“ איז שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן. אַלץ זעלטענער האָט זיך צו די אַרעסטירטע באַוויזן דער אַלטער, גוטמוטיקער נאַטשאַלניק און אַלץ אָפֿטער זיין שוואַרץ־מאָהאַדיקער געהילף — וועלכער האָט זיך צו יעדער קלייניקייט געטשעפּעט.

איינמאָל איז דער דאָזיקער נפֿש אַריינגעקומען צו מיר אין קאַמער, ווען איך בין געלעגן און געלייענט. האָט ער אָנגעהויבן אויף מיר צו גוואַלדעווען און קווטשען. האָב איך אים ציטערנדיק פֿון כעס אָבער שטיל און געלאַסן געזאָגט, אַז ער זאָל מיך לאָזן צו רו. שרייט ער ווייטער. שטעל איך אים ווייטער רואיק און געלאַסן אַ פֿראַגע: „טשטאָ ווי, ביעלעני אָביעליס?“ (אויף פּראָסט יידיש הייסט עס: „וואָס, איר זייט משוגע געוואָרן?“), פֿאַלט ער אַריין אין אַ ווילדער רוגזה. האַלט איך נישט אויס און זאָג אים: „אובירייטעס וואָן!“ („טראָגט זיך אַרויס פֿון דאַנען!“). רופֿט ער אַריין צוויי „נאַדזיראַטעלעס“ (וועכטער) און הייסט מיך אַרויספֿירן פֿון דער קאַמער. כאַפּ איך אַ שוועבעלע און צינד אונטער דעם מאַטראַץ. ווערט אַ מהומה! אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿאַלט אַריין דער אַלטיטשקער נאַטשאַלניק, טרייבט זיי אַלעמען אַרויס, און אין דער קאַמער — אַ פֿאַרגאָסענער מיט וואַסער, מיט אַ האַלב־פֿאַרברענטן, צעטראָטענעם מאַטראַץ אויפֿן דיל, קנעלט ער מיט מיר אַריין: „מע טאָר דאָך נישט אַזוי, יונגערמאַן“, און בעט מיך — בפֿועל ממש געבעטן: „טוט דאָס פֿאַר מיר, פֿאַרן סטאַריק (דעם

אַלטן), גייט רואיק אַריבער אין אַן אַנדער קאַמער". און פֿליסטערט מיר אויפֿן אויער, אַז אין קאַרצער וועל איך נישט גיין.

מילא, בין איך אַריבער אין אַן אַנדער קאַמער, אויף אַן אַנדער שטאָק. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויף דעם שטאָק בין איך... איין איינציקער פּאָליטישער. בין איך מיר אַזוי פֿינף־זעקס וואָכן אָפּגעזעסן איינער אַליין אין דער קאַמער, שפּאַצירן געגאַנגען אַליין אין די גאָר פֿריע, אָדער גאָר שפּעטע שעהן. וואָס צו לייענען האָב איך נישט געהאַט, אַחוץ מעשיות וועגן קריסטלעכע הייליקע, די עוואַנגעליע, און וועלכער איך בין געוואָרן אַ גאַנצער למדן אין קאַראַמזינס רוסישע געשיכטע. די איינציקע טרייסט מײַנע זענען געווען די פּרעכטיקע „בילינעס" פֿונעם אַלט־סלאַווישן עפּאָס, וועלכע איך האָב מיט גרויס הנאה געלייענט.

דערווײַל רופֿט מען מיך אַרויס אויף אַ „קאָנפֿראָנטאַציע" („אָטשנאַיאַ סטאַווקאַ") מיט אַכט פּויערים, וועלכע האָבן געדאַרפֿט מיך „דערקענען", ד. ה. באַשטעטיקן, אַז איך בין דאָס דער, וואָס האָט זיי גערופֿן אין דעם דאָרף הינטער דאָמאַטשעווע נישט צו צאָלן קיין שטייערן און איינגעוויליק צו האַקן פּריצישע וועלדער. קיין איינער פֿון זיי האָט מיך נישט „דערקענט", כאָטש איך האָב איינעם פֿון זיי — אַ פּויער אַ זקן מיט אַ ווײַסער באָרד — בפּירוש דערקענט. אָ, די אַטמאָספֿער פֿון דער רעוואָלוציע, די הויכע מאָראַל פֿון דער רעוואָלוציע האָט נאָך געווירקט. אַ האָפֿערדיקער, איבערגליקלעכער און שטאָלצער מיט דער מענטשלעכער ווירדע, וואָס די פּשוטע פּויערים האָבן אַרויסגעוויזן, האָב איך זיך צוריקגעקערט אין קאַמער.

דער זשאַנדאַרמישער ראָטמיסטער פּיעטוכאָוו — אַ זשאַנדאַרם פֿון זובאַטאָווס חדר, האָט מיך עטלעכע טעג נאָך דער קאָנפֿראָנטאַציע אַרויסגערופֿן אין דער אָנוועזנהייט פֿון געהילפֿס־פּראָקוראָר יעוודאָקימאָוו און געזאָגט, אַז איך קאָן באַפֿרײַט ווערן אויף קויציע. איך האָב אָנגעשריבן וועגן דעם צו מײַן בריסקער זיידן.

און איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין דער ספּעציפֿיש־פֿיבערהאַפֿטער שטימונג, וואָס יעדן, וועלכער איז געזעסן אין תּפֿיסה, איז דאָס באַקאַנט. ווען מ'זעט די מעגלעכקייט פֿון שנעלער באַפֿרײַונג און מען וואַרט „בכל יום ליום שיבוא".

איינמאָל שטיי איך אויפֿן טיש און קוק אַרויס אויף דעם הויף פֿון דער פֿרויען־תּפֿיסה, און עס דערגייען צו מיר אויפֿגערעגטע קולות. לאָזט זיך אַרויס, אַז דער מנוול, דער געהילף־נאַטשאַלניק, האָט גראָב־יונגיש

באַליידיקט אַ חברטע, משיזש האָט זי געהייסן, פון דער מיליטער-אָרגאַניזאַציע. האָט ער געכאַפּט פון איר אַ כשר-פאַרדינטן פּאַטש, און מ'האָט זי אַוועקגעשלעפּט אין קאַרצער. כאָטש ווייניק פון די „אַלטע" אַרעסטירטע זענען שוין פאַרבליבן אין תפיסה, האָט זיך האָד אויפגעהויבן אַ „ראַבאַן", אַז הימל עפן זיך! אויך די קרימינעלע האָבן זיך פאַראייניקט צו אונדז. „תלינים, הינטישע זין!" און ענלעכע אויסגעשרייען האָבן אָפּגעהילכט אין דער תפיסה. אַ באַפעל איז געקומען פון „דרויסן", ד. ה. פון דער העכערער מאַכט די תפיסה צו „באַרואיקן".

די, וואָס זענען אין תפיסה געזעסן, ווייסן דעם טייטש פון דעם וואָרט „באַרואיקונג". די הענט זענען ביי מיר געווען פאַרבלוטיקט, ווייל איך האָב מיט די פויסטן די שויבן פון פענצטערל אויסגעהאַקט. הייזעריק בין איך געווען פון שרייען, קיין כוח האָב איך שוין נישט געהאַט פון קלאַפּן מיטן רעקל פון דער „פּאַראַשע" אין דער טיר. און אין סאַמע מיטן פון אָט דער מלאכה עפנט זיך די טיר און קעגן מיין ווילן גיב איך אַ זעץ אַנשטאָט אין דער טיר — אין די פּנים — טרעפט וועמען?! — פון דעם פּאַסקודניאַק, דעם געהילף-נאַטשאַלניק.

דריי געזונטע יונגאַטשעס האָבן מיך אַרויסגעשטופּט פון דער קאַמער און גענומען שלעפּן אין קאַרצער אַריין מיט די הענט אויסגעדרייט אויף הינטן. איך האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט און אַרויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענט אויף אַ ווייל און אַנידערגעלייגט זיך אויף דעם דיל. האָט מען מיך גענומען פאַר די פיס און צוויי שטאָק געשלעפּט אונטן און אין קעלער אַריין. מיין קאָפּ האָט זיך דערביי געקלאַפּט אָן יעדן טרעפּל ביז מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער אַריין.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אין דעם קאַרצער געלעגן. איך געדענק בלויז, אַז אַ טעמפּער ווייטיק האָט מיין גאַנצן קערפּער אַרומגענומען. מיין קאָפּ איז ווי אַ שווערע מאַסע געלעגן אויף מיינע פּלייצעס. פון די אויגן און נאָז האָט כסדר גערונען. און אין קאַרצער בין איך נישט געווען אַליין: אַחוץ מיר זענען דאָרט אויך געווען עטלעכע שטשורעס, וועלכע האָבן זיך גאַנץ היימיש געפילט מיט מיר און אָן שום צערעמאָניעס געשפּאַצירט איבער מיין קערפּער.

פּלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער אַלטער נאַטשאַלניק. דריי מאָל האָט מען אָנגעצונדן אַ ליכט אין דער לאַמטערנע, וואָס איינער פון די וועכטער האָט געהאַלטן אין האַנט און דריי מאָל האָט עס זיך פאַרלאָשן: פאַרן ליכט איז צו ווייניק לופט געווען, אַזוי אַז מיין גע-

שפּרעך מיט דעם נאַטשאַלניק איז פאָרגעקומען אויפן עיפּושדיקן, פינצטערן קאָרידאָר. ער האָט מיר געגעבן אַ פאָרציע מוסר. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען מיך פון קאַרצער אַרויסגעפירט. דערוויסט האָב איך זיך, אַז איך בין 30 שעה אָפּגעווען אין קאַרצער. גייענדיק אין קאַמער האָב איך געטראָפן נאָך עטלעכע, וועלכע זענען פון קאַרצער אַרויסגעלאָזן געוואָרן. אַנדערע האָט מען נאָך עטלעכע שעה באַפרייט.

דער פעלדשער האָט מיר פאַרשריבן מילך מיט ווייס ברויט. אַ דאָקטער פון שטאָט האָט מיר באַקוקט דעם קאָפּ און געזאָגט, אַז איך בין אַ „העלד" און אַ „מאָלאָדיעץ" און אַז מיט אַזאַ אָרגאַניזם וועל איך זיי אַלעמען איבערלעבן. פון דער „באַרישניע" (דעם נאַטשאַלניקס טאָכטער) האָב איך באַקומען אַ פלימקע שאָקאָלאַד אויך מיטן אויפשריפט „מאָלאָדיעץ" (אַגב האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דעם נאַטשאַלניקס טאָכטער איז אַוועק פון שטוב און געדראָט, אַז ביז אַלע וועלן נישט אַרויס פון קאַרצער, וועט זי זיך נישט צוריקקערן אַהיים).

אין אַן ערך אַ וואָך אַרום בין איך געקומען צו זיך און נאָך אַ וואָך שפּעטער רופט מען מיך אין קאַנצעלאַריע, וווּ איך טרעף מיין זיידן, וועלכער האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן יידיש, וואָרום עס איז אַ... „פּריסוטסטוויענאָיע מיעסטאָ" (אַ רעגירונגס-אַמט) און פירט מיך אַוועק קיין בריסק.

געווען איז דאָס אַ זוניקער, זומערדיקער טאָג. אָ, אַ מחיה! עס אָטעמט זיך אַזוי לייכט! דער וועג פון שעדלעץ קיין בריסק האָב איך אַדורכגעמאַכט מורמלענדיק לענסקיס ליד פון „יעווגעני אָניעגין": „וואָס ברענגט מיר דער קומענדיקער טאָג?".

נייע ווינטן, נייע לידער

איך בין געקומען קיין בריסק. עס איז שוין געווען אַן אַנדער מין בריסק. אין דער לופֿט האָבן זיך שוין געפֿילט אַ נ ד ע ר ע צייטן, אַ נ ד ע ר ע שטימונגען. די „בירזשע“ אויף נעווסקי איז שוין געווען אַ סך אַ שיטערע. אין שטאָט־גאָרטן זענען ווייטער אָנגעגאַנגען הייסע דיסקוסיעס, נאָר אויף גאַנץ אַנדערע טעמעס. דער עיקר וועגן דעם... געשלעכטס־פּראָבלעם. די פּאָפּולערסטע ביכער ביי דער שטודירנדיקער און סתם אינטעליגענטער יוגנט זענען געווען: פֿאָרעלס — „געשלעכטס־פֿראַגע“ און אָטטאָ ווייניגערס „געשלעכט און כאַראַקטער“. צווישן דער בעלעטריסטיק האָט דעם אויבן אָן פֿאַרנומען אַרציבאַשעווס „סאַנין“ מיט זיין סופּער־עראָטאָמאַניע, פֿאַראַכטנדיקער באַציונג צו פֿרויען, ווי צו „ראָזע, אָנעקיקע מאַלפּעס“ און מיט זיין אַנטיסאָציאַלן ציניזם, אָדער געוויסע קופּרינס דערציילונגען, וווּ מענטשן, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון נודעניש און לעבנס־פּוסטקייט, באַגייען סאַדיסטישע מעשׂים לגבי... קעץ.

צוזאַמען דערמיט האָבן זיך ביי אַ טייל פֿון דער אינטעליגענטער יוגנט פֿאַרשפּרייט אַ הבֿל־הבֿלימדיקע לעבנס־פֿילאָזאָפֿיע און מיסטיש־גורלדיקע שטימונגען. אַ טייל פֿון אָט די „אַנטוישטע“ אין דער רעוואָלוציע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום העכסטן מין קאַריעריזם, צו געלט־יאָגעניש. אַ טייל האָט אָנגעהויבן זוכן אַ טרייסט אין „גאָט־זוכעניש“ מכּל המינים. אַ טייל ווידער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ נייעם קוואַל פֿון „התלהבֿות“ אין „ליגעס פֿון פֿרייער ליבע“ און פּשוטע... שאַנד־הייזלעך.

אַ סך פֿון מיינע באַקאַנטע האָב איך שוין נישט געטראָפֿן אין בריסק.

אייניקע זענען געווען פֿאַרשיקט, אין נאַרימער געגנט, אַנדערע אַרויסגעשיקט אָדער אַוועקגעפֿאָרן אין גרויסע שטעט שטודירן אָדער „איינאָרדענען זיך“. אַ טייל ווידער האָט זיך געגרייט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

אין שטאָט גאָרטן פֿלעגט די אַרבעטער־יוגנט אין וואַרעמע אָוונטן און שבתדיקע פֿרימאָרגנס נאָך זאַמלען זיך און זינגען לידער. איך האָב

האָרט אויך געטראָפן די גייטערקע מירעלע מיט איר פרעכטיקן מעצאָ-סאָפּראַן. זי האָט געזונגען אַ ליד, וואָס איך האָב דעמלט דאָס ערשטן מאָל געהערט:

„ער וועט שיקן צוואַנציק דאָלאַר
און זיין פאָרטרעט דערצו,
און ער וועט נעמען, לעבן זאָל ער
אונדז אַהינצו צו.

חלות עסט מען אין הינער וואָכן
דאָרטן, זונעניו.
יאַיכלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכן,
שלאָף-זשע, שלאָף, ליו-ליו".

געווען איז דאָס שלום-עליכמס אַ ליד. דאָס גופא איז פאַר מיר געווען אַן איבערראַשונג: ביז דעמלט האָב איך בלויז געהערט עטלעכע מאָנאָלאָגן פון אונדזער אומפאַרגלייכלעכן מייסטער פון „לאַכן דורך טרערן". דאָ איז מיר געפעלן געוואָרן הן דאָס ליד, הן די מעלאָדיע, הן מירעלעס זינגען. אָבער איר זינגען האָט ביי מיר אַרויסגערופן געוויסע רעפלעקסיעס. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי פאַר מיין אַרעסט האָט די זעלבע חנעוודיקע מירע-לע געזונגען מיט פינקלדיקע אייגעלעך „ווען היין מעכטיק אָרעם וויל, בלייבן אַלע רעדער שטיל". דאָס האָט דעמלט ביי מיר אַרויסגערופן אַ הילכיק געלעכטער און שפּאַסיקע פראַגע: „צי זענען טאַקע דייטש זיסע הענטלעך אַזוי מעכטיק, אַז זיי קאָנען אַלע רעדער שטיל מאַכן? (געווען איז זי אַ ניי-טאָרין). מירעלע האָט זיך דעמלט פאַרדרייט. איצט האָט דער פאַקט וואָס זי זינגט „נייע לידער, און מ'הערט שוין נישט די קאַמפס-לידער, מיך אַריינגעטריבן אין אַן אומעטיקער שטימונג. מירעלע, זעענדיק אַז איך בין עפּעס באַטריבט, איז צוגעגאַנגען לאַכנדיק צו מיר און קאָקעטיש אַ זונג געטאָן:

„יאָמע, יאָמע, זינג מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל..."

אָן אַ ווײַ-געזונט בין איך פון גאָרטן אַרויס, אַוועק אויף דער פּאָסט,

אָנגעשריבן אַ פּאַרצווייפלטן בריוו קיין לאָדזש, צו חברים. צוריקגעקערט זיך אין גאָרטן און זיך מתייחד געווען אין דער „אַלייע פון אָכעניש און זיפצערײ“, דערזען אויף אַ ווייטער באַנק אַן אײנזאַמע יונגע און זייער שיינע קלויסטער=פרוי, צוגעגאַנגען, זיך העפלעך פאַרנויגט, און עס האָט זיך פאַרבונדן... אַ פלירט. מיינט ניט, אַז איך בין געוואָרן אַ קלעריקאַל און זי איז געווען אַ „צדקניות“...

ערשט אין אַ וואָך אַרום האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע מיינע פּאַרטײ=חברים און עטלעכע אַנאַרכיסטן, מיט וועמען איך האָב געקאַנט רעדן וועגן ענינים, וואָס האָבן מיך צומיטשטאַרקסטן אינטערעסירט. דערוווסט האָב איך זיך פון זיי אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. אַז צווישן די אַרבעטער הערשט אַ גרויסער דראַנג צו עמיגראַציע קיין אַמעריקע אָדער צו ווערן זעלבשטענדיקע באַלמעלאָכעס, חתונה האָבן און... קומען צו אַ „תכלית“. אַז אַ חוץ די „פּראָלעטאַרישע“ פּאַרטייען זענען צוגעקומען צוויי יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען: די א. ג. דערגרייכער בראש מיט די פּעטערבורגער אַדוואָקאַטן סליאָזבערג און ווינאַווער, וועלכע פירן אַ פּאָליטיק אין הסכם מיט דער ליבעראַל=קאָנסטיטוציאָנעלער קאַדעטישער פּאַרטײ פון מיליוקאָוו — ראָדישטשעוו — מוראָמצעוו, און אַז אַ טייל ציוניסטן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער „שלילת=הגלות“=פּרינציפּ (פאַרלייקענונג פון גלות) און האָבן אין העלסינגפאָרס (פינלאַנד) באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּאַרטײ מיט אַן אייגענער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם, וועלכע איז געווען הן „נאַציאָנאַל“, הן „דעמאָקראַטיש“.

איך האָב זיך דערוווסט, אַז אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זעגען באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז די בונדיסטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף קולטור=טעטיקייט, די „עס=עס“ (אונטער דעם נאָמען איז געווען באַקאַנט די פּאַרטײ סאָציאַליסטן=טעריטאָריאַליסטן) האַלטן, אַז די וויכטיקסטע זאַך איז איצט „רעגולירונג פון דער עמיגראַציע“, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע פּאַרטײ: „סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער=פּאַרטײ פּועלי=ציון“ און זייער טעאָרעטיקער איז בער באָראָכאָוו, נאָר אין בריסק איז זיי ניט געלונגען צו שאַפן קיין אָרגאַניזאַציע. אַז אין דרום=רוסלאַנד זענען טעטיק די „וואָזראָזשדענצעס“, אָדער „סיימיסטן“, אָדער פּשוט „יידישע סאָציאַליסטן“, וועלכע ווילן ניט קיין שמאָלע, נאָר „ברייטע“ אויטאָנאָמיע מיט אַ יידישן סיים בראש — און דערצו אַ טעריטאָריע.

דערוווסט האָב איך זיך אויך, אַז יעדע פון די יידישע פּאַרטייען האָט אַרויסגעגעבן אירע ליטעראַטור=קריטיקער: דער „בונד“ — וויטערן, די

סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — ניגערן און ד״ר מוקדוני, די סיימיסטן, דוכט מיר — נחום שטיף, די ציוניסטן — בעל־מחשבות. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אָנהענגער פון יעדער פּאָליטישער ריכטונג זענען טיילווייז געוואָרן חסידים בלויז פון „ז יי ע ר ע“ ליטעראַטור־קריטיקער. איך האָב נישט מיט קיין איבעריקן דערפאָלג פּרובירט באַקעמפן הן דעם קולטוריזם, הן דעם עמיגראַציאָניזם. נאָר כּדי קיין צייט נישט צו פאַרלירן, האָב איך זיך גענומען סיסטעמאַטיש און פלייסיק צום שטודירן די יידישע ליטעראַטור. „עס איז נישטאָ דאָס שלעכטע, וואָס זאָל צום גוטן נישט אַרויס“ — זאָגט אַ שפּריכוואָרט. אָט דער אָנהייב פון דער פינצטערער סטאָליפּין־צייט איז פאַר מיר געווען דער אָנהייב פון ערנסטער פאַראינטערעסירונג מיט דער יידישער ליטעראַטור, וואָס עס איז מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן שטאַרק צונויץ געקומען אין מיין אַרבעט צווישן די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן און אין דעם קאַמף קעגן רעאַקציאָנערע השפּעות אין דער יידישער סביבה.

קיין לאָדזש דורך... סלאַוואַטיטש

אין בריסק האָב איך מער נישט געקאָנט זיין. איך בין פאַרנודיעט געוואָרן „צום טויט". איך האָב נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. איך האָב זיך געדרייט, ווי אַ זינדיקע נשמה אין כּף הקלע. איך האָב זיך ממש געריסן קיין לאָדזש צו מיינע עלטערן, צו די חברים און פריינד, צו די זאַבעטער-קוואַרטאַלן, מיט וועלכע איך האָב זיך אַזוי שטאַרק צונויפגעלעבט.

קרובים האָבן מיך צוריקגעהאַלטן. נאָר דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר „געהאָלפן" אַרויסצורייסן זיך פון מיין בריסקער „פאַרשיקונג", ווי איך האָב עס דאַן אָנגערופן. אין בריסק איז דעמאָלט געווען אַ „פּריסטאַוו" אַגאַנעסאָוו, אַ כּלב שבכּלבים, ער פלעגט שלאָגן מכּות רצח אַלעמען, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר „קראַמאָלניקעס": אַרבעטער, סטודענטן, באַלעבאַטישע פריילינס, וועלכע האָבן שפּאַצירט מיט אַרבעטער אדגל. די פּפּס און די עסערן האָבן זיך געקליבן „אָפּצוראַמען" אים, נאָר עס איז נישט געלונגען, ווייל ער פלעגט זיך שטענדיק באַווייזן נאָר אין באַגלייטונג פון דריי פּאָליציאַנטן.

אין אַ שיינעם שבתדיקן פרימאָרגן, אַזייגער 6 אין דער פרי, בין איך מיר אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די בולוואַרן. דערזע איך אַ באַקאַנטן ייִדישן סטאָליער, אַן אַנאַרכיסט איך האָב באַמערקט, אַז ער באַנעמט זיך אויסטערליש: מאַכט מאָדנע מינעס, מיידט אויס צו טרעפן זיך מיט די פּאָר געציילטע דורכגייער, וועלכע זענען אין אָט דער פריער שעה אַדורכגעגאַנגען דעם בולוואַר (צווישן ישראל-וואָלפס בית-מדרש און פּאָליציי-גאַס). גיי איך מיר מיט מיין וועג אין דער ריכטונג פונעם „יאַריד קראַמען". פלוצלונג באַווייזט זיך דער כּלב אַגאַנעסאָוו, שפּאַצירנדיק מיט געמיטלעכע טריט איינער אַליין. געקומען איז ער פון דער זייט וווהין איך בין געגאַנגען — פון ביאַלאָסטאָצקע און טאָפּאָליאָווער גאַס און געהאַט האָט ער, ווי איך האָב באַמערקט אַ געמיטלעך, צופרידן פּנים. עס דויערט נישט קיין פּאָר מינוט און... עס דערהערט זיך אַ קנאַל פון

דריי רעוואָלווער־שאָסן, איין קורצער אויסגעשריי און דער סאַדיסטישער צאַרישער כלב ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אינטערעסאַנט איז אָט וואָס געווען. אויף אַגאַנעסאָוון האָבן אַרויס־געגעבן אַ טויט־אורטייל די „קאַמפּס־אָפּטיילונגען“ (באָיאָווקעס) פון צוויי אָרגאַניזאַציעס: עסערן און פּפּס. אויסגעפירט האָט דאָס אַן אַנאַרכיסט אויף אַן אינדיווידועלן אופן און — ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט — ריין־צופעליק, טרעפנדיק אים איינעם אַליין, אָן אַ שמירה פון מינימום צוויי פּאָליציאַנטן, ווי געוויינלעך. דער קוריאָז באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס נאָך דעם געלונגענעם אַטענטאַט האָבן סיי די עסערן, סיי די פּפּס אַרויסגע־לאָזן בלעטלעך, אַז דאָס האָבן ז יי אויסגעפירט דעם אורטייל. ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך דערוווסט וועגן זייער טעות. אינטערעסאַנט פאַר יענער צייט איז אויך דאָס, וואָס וועגן דעם אַלעם — אַחוץ דעם אַטענטאַט גופא — האָב איך זיך דערוווסט פון אַ בריוו געשריבן בלשון בני־נוח אַזש פון... באַרימער געגנט, וווּ עס וווינט אַ פריינד אַ בריסקער עסער־מאַקסימאַליסט איז געווען פאַרשיקט.

ווען כ׳האָב ביים זיידן אין שטוב, ביים שבתדיקן מיטאָג דערציילט, אַז איך האָב דאָס מיט מיינע אויגן געזען, איז גלייך געפאַלן אַ באַשלוס: „היינט נאָך הבדלה פאָרסטו קיין לאָדזש, ווייל איז צו אונדז!“ איך בין גע־ווען אימער גליקלעך סיי פון דעם סוף פון מיין גלות־בריסק און סיי פון... אַגאַנעסאָווס סוף.

אין אָונט בין איך אין דער באַגלייטונג פון צוויי ייִנגסטע פעטערס מיינע — דניאלקע און מענדל, אַוועקגעפאָרן קיין טערעספּאָליע, וואָס איז שוין געלעגן אין שעדלעצער גובערניע, וווּ די בריסקער פּאָליציי האָט קיין שליטה נישט געהאַט. איינער פון מיינע פעטערס האָט מיר געקויפט אַ ביי־לעט און די שפּעטע אָוונט־שעהן האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין וואַרשע, געקומען בין איך קיין וואַרשע און גלייך אַוועק צו מיינעם אַ חבר, בערלין, אַ סטודענט. געלט האָב איך געהאַט אויפן וועג, אָבער קיין פּאַספּאָרט האָב איך נישט געהאַט. אַזייגער צוויי ביי טאָג גיי איך מיט בערלינען צו אַ חבר, שלמהקע זיכמאַן, וועמען איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געקענט (ער איז דאָך געווען מיינער אַ פּאַרטיי־חבר, אַ סאָציאַ־ליסט־טעריטאָריאַליסט, אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַ בונ־דיסט, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע). אַדורכגייענדיק דעם באַנק־פּלאַץ האָבן מיר פון פאַרשידע־נע זייטן דערהערט אויסגעשרייען: „סטאָי!“ לאָזט זיך אַרויס. אַז עס איז

געווען אַן „אָבלאַווע“, וואָס עס האָבן געמאַכט די „וואָלינצעס“, ד. ה. די סאָלדאַטן פון וואָלינער פּאָלק, וועלכער איז אײַנגעשטאַנען אין די קאַזאַרמעס אויף פּשעיאַזד פּונקט אַנטקעגן טלאָמאַצקע, און דער געבײַדע וואָס איז אין וואַרשע באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַרסענאַל“. דאָס וואָרט „וואָלינצעס“ האָט דעמאָלט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע וואַרשעווער אײַנוווינער. זיי פלעגן אַרומרינגלען גאַסן, פּלעצער אין אַרויסציען יעדן, וואָס איז פאַר זיי געווען „פאַרדעכטיקט“, כדי צו לעגיטימירן. „טאָם ראַזביערוטסיאַ“ (דאָרטן וועט מען זיך פאַנאַנדערקלײַבן) — האָבן זיי געטענהט. בערלין האָט געהאַט די דאָקומענטן אין אָרדענונג — האָט מען אים גלײַך אַרויסגעלאָזן נאָך אַ פינף מינוטן פאַרהער. מיך, אַלס „בעזפּאַספּאָרטני“ האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַ טראַנזיט-טורמע אויף פּראַגע און גלײַך געזאָגט, אַז מ'וועט מיך שיקן אין מײַן געבורטס-אָרט צום באַשטעטיקן, צי בין איך טאַקע דער, פאַר וועמען איך גיב זיך אָן. איידער בערלין איז אַרויס, האָב איך באַוויזן אים אָנצוגעבן, ווי איך „הייס“ און פון וואַנען „איך שטאַם“ (און שטאַמען האָב איך געדאַרפט פון... סלאַוואַטיטש). בערלין האָט מיר אַרײַנגעשטעקט צען רובל און געזאָגט: „לאַדנאָ, אוסטראָים“ (גוט, מיר וועלן דאָס מאַכן).

אין צוויי שעה אַרום באַקום איך אַ „וואַלוקע“ און אויפן פּאַפּיר האָב איך איבערגעלייענט צוויי ווערטער: „ניע מוזשי“ (דאָס הייסט, גען זיך נישט צום האַרצן).

— אָבער ווילאַנג וועט עס דויערן און מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? האָט מיר געקלערט אין מוח. צום גליק פאַר מיר האָט דאָס לאַנג נישט געדויערט. עס איז דעמאָלט געווען אַ „הויכער סעזאָן“ אויף עטאַפּן. מ'האָט זיך געאײַלט וואָס שנעלער אָפּצורײַניקן די „פּערעסילנע“ טורמע, כדי צו פאַרפילן זי מיט נײַע קליענטן. אין אַ 10 טעג אַרום באַקום איך די ידיעה, אַז איך „גיי שוין“, דעם זעלבן טאָג אָבער באַקום איך אַ גריפּס, אַז איך זאָל צוריקהאַלטן מײַן עטאַפּ ביז אַ צווייטע ידיעה וועט אָנקומען. לאָזט זיך אויס, אַז דער „מאַכער“ האָט שאַנטאַזשירט: געוואָלט נאָך 25 רובל פאַר „מאַכן“, אַז מײַן „מאַמע“ זאָל מיך „דערקענען“ און נאָך אַן „עדות“.

איך האָב קיין אַנדערע עצה נישט געהאַט ווי מאַכן זיך קראַנק. אָבער ווי אַזוי? געהאָלפן האָט מיר אַ פּפּסאָוויעץ, וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 45 און וועלכער איז געווען די געשיצטסטע פּערזענלעכקייט אין טורמע, ווײַל ער איז שוין צוויי מאָל אַנטלאָפן פון סיביר און איז איצט „געגאַנגען“ דאָס דריטע מאָל. ער איז גאָר פּשוט אין אָוונט —

ער איז געווען אויף דער „פּרימשע“ און איך אויף דער פּאָדלאָגע האַרט לעבן דער „פּאַראַשע“ — צוגעגאַנגען צו מיר און אונטערגעטראָגן אַ גרויסן הילצערנעם לעפל מיט... הזיר־שמאַלץ און געהייסן מיר דאָס גלייך אַראָפּשלינגען. עס האָט מיר מאָמענטאַל אָנגעהויבן צו קערן די גרינע גאַל — אין אַ צוויי מינוט האָב איך פאַרלוירן די כוחות, שטייענדיק איבער דער „פּאַראַשע“ און... פאָרגדיק קיין „ריגע“ אָן אַ בילעט. וואָימעק משאַרני — אַזוי האָט דער אַלטער „סיביראַק“ געהייסן — האָט אָנגעהויבן טומלען, אַז אַ „מענטש שטאַרבט“. אַ קלייגער, אָבער טומלדיקער „ראַבאַן“ האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז געקומען אַ שיכורער פעלדשער און מיר געגעבן טראָפּנס. איינער האָט מיר אָפּגעגעבן אַן אָרט אויף דער נאַרע לעבן פענצטער. און איך בין מיט דעם נאָעטסטן עטאַפּ נישט גע־גאַנגען.

געבראַכט מיך קיין בריסק. אָבער נישט אין דער טורמע, וווּ פּאָליטישע זיצן. נאָר אין דעם „אַרעסט־הויז“. דאָרט האָב איך בלויז צוויי נעכט פאַרבראַכט. מהדיע זיין האָב איך נישט געוואָלט קיינעם, כּדי זיך נישט צו „פּאַרשיטן“. אויפן דריטן טאָג רופט מען מיך אַרויס און איך זע צוויי פּוי־ערים, איינער מיט אַ בלעך אויף דער ברוסט, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען אַ „סאָטניק“. דאָס איז אַזאַ מין ציווילע, פּויערישע פּאָליציי, און זיי פירן מיך אַרויס צופוס. פרעג איך: „וווּהין?“, זאָגן זיי: „ווו מ'דאַרף“. שטעק איך אַריין אַ פינפערל אין דער האַנט, זאָגן זיי מיר, אַז קיין סלאָוואַטיטש. בעט איך מ'זאָל מיך נעמען אויף אַ דראָזשקע, כאָטש ביז הינטער דער שטאָט. זענען זיי מסכים. פאָרן מיר אַדורך די שטאָט מיט די הינטערשטע געסלעך. איך פאַרבינד די באַק, טענהנדיק, אַז איך האָב שטאַרקן ציין־ווייטיק. הינטער דער שטאָט לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין צופוס. אַהרכגייענדיק דורך אַ וועלדל פאַרגלוסט זיך זיי בינדן מיר די הענט, כּדי איך זאָל נישט אַנטלויפן. עס האָט זיך אויסגעלאָזן צו נאָך אַ פּאָר קערבלעך מיט אַ גלעזל משקה אין אַ יידישער שענק. ביינאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַ גרויס דאָרף, וווּ מ'האָט מיך מכבד געווען מיט געשמאַקן ברויט און זויער־מילך. איך האָב זיך גוט אויסגעשלאָפן אויף פרישן היי צוזאַמען מיט מיינע שומרים און אין דער פרי געלאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. בינדן האָבן זיי מיך שוין נישט געוואָלט, נאָר כסדר געבעטן, איך זאָל זיי זינגען אוקראַאינישע פאָלקס־לידער, וואָס איך האָב גערן געטאָן. און אונטער דער מע־לאָדיע „טאַי קאַזאַלאַ מעני מאַטי, טאַי נאַקאַזיוואַלאַ“ בין איך אַריין אין „כרך“ סלאָוואַטיטש.

אַוועקגעפירט האָט מען מיך אין אַ גרויס הויז מיט אַ וועראַנדע. דאָרט האָט מיך באַגעגנט אַ „קאַזיאָנער רב“ מיט אַ קליין פורקאַנטיק בערדל. אין אַ פאָר מינוט אַרום פאַלט אַריין אַ יידענע און נעמט מיך קושן. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען מיין „מאַמע“. הינטער איר האָט זיך באַוויזן אַ 16־יאָריק מיידעלע מיט צעשראָקן־פאַרשעמטע אויגן און צוויי באַטעמטע צעפלעך. דער „קאַזיאָנע ראַבין“ האָט מיר געגעבן עפעס אונטערצושרייבן. אַן עלטערער ייד מיט עטלעכע פוסטע זעק אונטערן אָרעם האָט אויך עפעס אונטערגעשריבן. און אין אַ צען מינוט אַרום בין איך אַרויס אַ פרייער.

געקומען „אַהיים“, ווו איך האָב אָפגעגעסן „וואַרעמס“, וואָס האָט גע־האַט דעם אמת־יידישן טעם (באַבלעך מיט קליסקעלעך. אַ קלייניקייט נאָך די טורמע־זשורקעס!), האָב איך אָפגערעדט מיט אַ בעל־עגלה, וועלכער וועט מיך אַוועקפירן צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע צום צוג, וואָס גייט קיין וואַרשע איינס ביינאַכט.

מיין ניי־געבוירן שוועסטערל, האָט זיך אויסגעלאָזן, איז נישט נאָר אַ שיינינקע, נאָר האָט אויך אַ שיינע שטימע און זינגט מחיהדיק יידישע פאָלקס־לידער. אויפן וועג צו דער באַן האָט דער בעל־עגלה, פינטלענדיק מיט די אויגן געפרעגט מיך: „ווען וועט ער שוין די מיתה־משונה איינעמען“. פרעג איך: „ווער?“ זאָגט ער: „וואָס הייסט ווער? ניקאָלייקע!“ זאָג איך: „פאַר מיר איז רעכט, אַז אַפילו מאָרגן“, זאָגט ער: „און פאַר מיר איז רעכט, אַז כאָטש היינט!“ האָב איך זיך מיט אים צוליב אַזאַ קלייניקייט נישט געקריגט.

ווען ער האָט מיך „אַריינגעזעצט“ אין וואַגאָן, האָט ער אויסגעשריגן מיט זיין אומדייטלעכן לשון (עס האָבן אים געפעלט די פאָדערשטע ציין): „פאָרטש געזונטערהייט און זייט מאַטשליאַך!“ טייערע מענטשן זענען געווען אונדזערע האַרעפאַשניקעס!

אַזוי בין איך בשלום געקומען קיין לאָדזש, נאָך אַן ערך דריי וואָכנ־דיקער נסיעה אויף דער טראַסע בריסק — לאָדזש.

ווידער אין דער היים

דער אויסזען פון דעם „פּוילישן מאַנטשעסטער“ — לאָדזש האָט פאַר די אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס איך בין דאָ נישט געווען אויף קיין האָר זיך נישט געענדערט. די אַטמאָספער איז שוין אָבער געווען אַ גאָר אַנדערע. איבער דער שטאָט האָט שוין געוועלטיקט דער אָפּטויטנדיקער גייסט פון דעם „סטאָליפּינישן קראַוואַט“ (אַזוי האָט מען דעמלט גערופן די ממשלה פון טעראָר און מאַסן־תליות, וואָס דער צאַרישער אויבער־תלין סטאָליפּין האָט איינגעפירט, כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע). דער דירעקטער דורכפירער פון דער מאָרד־פּאָליטיק, פון דער „סטאָליפּינישער רעאַקציע“ איז געווען דער גענעראַל קאַזנאַקאָוו — אַ תלין פון באַרוף, אַ סאַדיסט און אויסוואורף, וועלכער האָט לויט זיין אייגענעם ווילקיר באַפוילן צו שיסן „פאַרדעכטיקטע“ אין די גאַסן. צענדליקער אַרבעטער זענען געפאַלן קרבנות פון דעם דאָזיקן ווילדן טעראָר. אויפן הויף פון דער טורמע אויף דלוגע גאַס (היינט — גדאַנסקע) מיט אַ נידעריקן פּאַרקאַן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ תליה, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון לאָדזש אין קאַזנאַקאָווס צייטן. פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז האָט מען פון די העכערע שטאָקן גע־קאָנט זען, ווי מ'הענגט מענטשן. דער דאָזיקער תלין האָט טעראָריזירט אויך די ריכטער. ער פלעגט זיצן אויף די פּראָצעסן קעגן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אומגעזעצלעך, ברוטאַל אַריינשפּאַנען אין די באַראַטונגס־צימערן פון די ריכטער און פלעגט אַרויס אַ שמייכלענדיקער, ווען אים איז געלונגען אויפצוצווינגען דעם אורטייל „טויט דורך הענגען“. עס זענען געווען פאַלן, ווען דעלעגאַציעס פון די אינדוסטריע־מאַגנאַטן צוזאַמען מיט גלחים פלעגן קומען צו אים מיט בקשות אַ ביסל צו מילדערן זיין רציחה. פלעגט ער די בקשות צערייסן און גראָביאַנעריש זיי משלח זיין. איין מאָל האָט ער אַפילו ביי אַ באַזונדערס איינפלוסרייכער דעלעגאַציע צוגענומען די געשריבענע בקשה צו „באַגנעדיקן“ עטלעכע צום טויט־פאַרמשפּטע אומשולדיקע אַרבעטער, אָבער גלייך אויפן אָרט דערקלערט, אַז ער וועט האַנדלען

אין קעגנזאַץ צו דער בקשה און אַז ער וואָרנט, זיי זאָלן צו אים מער ניט קומען זיך אײַנשטעלן פֿאַר „מערדער און פֿאַרברעכער“, ווײַל ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר „זײַן מאַיעסטעט דעם צאַר“ און נישט פֿאַר דער „געזעלשאַפֿטלעכקייט“.

די טורמעס זענען געווען איבערפֿולט. פּריוואַטע הײַזער זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין תּפֿיסות: פֿריער אויף נאָוואָ-ציעגעלניאַנאַ און שפּעטער אויף מילשאַ-גאַס (הײַנט — קאָפּערניקאַ. די תּפֿיסה שטייט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג). אַלע פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטן און אַ טייל קאַזאַרמעס זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין תּפֿיסות. טויזנטער לאָדזשער האָבן געליטן „באַזעצט“ די טורמעס אין לענטשיץ, שעראַדז, פּיעטריקאָוו און אַנדערע שטעט. גייענדיק אין די שפּעטע אָונט-שעהן איבער די גאַסן, וווּ די קאָמיסאַריאַטן זענען געווען — ספּעציעל אויף דלוגע-גאַס צווישן זאַוואַדזקאַ און דעם שולץ-פּאַסאַזש, וווּ עס איז געווען די קרימינאַל-פּאָליציי און דעם פּאָליצמייסטערס קאַנצעלאַריע, האָט מען געקאָנט הערן ווי-געשרייען פֿון געפּייניקטע אַרעסטירטע. איבער די גאַסן פֿלעגן זיך אָפֿט באַווײַזן פֿריער נישט געזעענע „פּראָצעסיעס“: פֿאָרויס — אַ פּאָר רייען מיט די קייטן-קלינגענדיקע קאַטאָרזשניקעס און הינטער זיי — הונדערטער און הונדערטער מענער און פֿרויען מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס, אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן. זיי זענען געגאַנגען שווײַגנדיק, מיט די אויגן בלויז האָבן זיי באַגריסט זייערע נאָענטסטע, וועלכע האָבן זיך אויף די גאַסן צונויפֿגעזאַמלט און זיי באַגלייט צו די וואָקזאַלן, וווּ מ'האָט זיי פֿאַרלאָדן אין וואַגאָנען און געפֿירט העט-העט...

איך האָב זיך דערוווּסט פֿון געשפּרעכן מיט חברים און פֿרײַנד, וואָס עס איז געשען אין לאָדזש פֿאַר דער צײַט פֿון מײַן אָפּוועזנהייט. אַ באַזונדערס דערשיטערנדיקן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די אײַנצלהייטן פֿון דעם גרויסן לאָקאַוט, וואָס האָט געדויערט פֿון סוף 1906 ביז אַפּריל 1907. די מאַגנאַטן פֿון דער לאָדזשער טעקסטיל-אינדוסטריע — די שײַבלערס, פּאָזנאַנסקיס, גראָהמאַנס און אַנדערע האָבן העכער הונדערט טויזנט אַרבעטער פֿאַרמשפּט צום הונגער-טויט, שליסנדיק די פֿאַבריקן, צוריבנדיק בײַ זיי דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער קראַנקן-קאַסע, אַרויסוואַרפֿנדיק אַ סך פֿון זיי פֿון די דירות. דאַנטעישע גיהנום-סצענעס האָבן זיך דעמלט אָפּגעשפּילט אין לאָדזש: מענטשן זענען פֿון הונגער געפֿאַלן אויף די גאַסן. פּראָסטיטוציע איז געוואָרן אַ מאַסן-דערשײַנונג. צו הילף דעם בלוטיקן צאַר מיט זײַנע תּליות, קאַטאָרגעס און מאַסן-מאָרדן האָבן די פֿאַבריקאַנטן,


פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער פון שײבלערס פאַבריק בעתן לאָקאַוט פון דעצעמבער 1906.

כּדי צו פֿאַרטיידיקן זייער „רעכט“ אויף אומבאַגרענעצטער עקספּלאָאַטאַציע אַרויסגערוקט דעם „מלך הונגער“. דאָס מאָל האָבן זיי געווונען: די שטרייקכוואַליע האָט זיך איינגעבראָכן. די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך העלדיש און מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט די קאָזאַקישע נאַהייקעס און דראַגונישע קוילן, די מכות־רצח אין די פּאָליציי־צירקלען, האָבן זעענדיק, ווי זייערע פֿרויען און קינדער גייען אויס פֿון הונגער און קעלט — די שייבלערס און פּאָזנאַנסקיס האָבן עקסטרא זוינטער־צייט מיט די באַזונדערס שווערע פֿרעסט אויסגעקליבן פֿאַר זייער לאָקאַוט — זענען איינגעגאַנגען אויף די דערנידעריקע און שווערע באַדינגונגען פֿון די פֿאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן מיט אַרויסוואַרפֿן די אַקטיוויסטע אַרבעטער פֿון די פֿאַבריקן און מיט דיקטירן ביד חזקה זייערע עקספּלאָאַטאַרישע באַדינגונגען.

איך בין דעמלט געווען טעטיק בלויז צווישן יידישע אַרבעטער. הגם זיי האָבן פֿון דעם לאָקאַוט דירעקט נישט געליטן, וואָרום אויף די גרויסע פֿאַבריקן זענען קיין יידישע אַרבעטער נישט געווען, בין איך פֿיל מאָל אַרויסגעטראָטן פֿאַר זיי מיט אַ רעפֿעראַט: „וואָס לערנט אונדז דער לאָקאַוט“. שאַיע סאַפּיר און יאָנאַס — צוויי מיינע דעמלטיקע פּאַרטיי־חברים, עלטערע פֿאַר מיר — האָבן מיך דעמלט געפֿרעגט: „וואָס ביסטו געוואָרן אַזאַ האַס־פּרעדיקער?“.

אין פֿאַרבינדונג דערמיט דערמאָן איך זיך אַן עפּיזאָד, וואָס עס איז כּדאי צו דערציילן. אין אַ פּראָסטיקן טאָג אָנהייב 1908 יאָר האָב איך אויף פּיעטריקאָווער גאַס באַגעגנט דעם ליטעראַט לעאָ בעלמאָנט, מיט וועמען איך האָב זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק, ביי־יאָר 1905 באַקענט ביי ד״ר באָמאַש אין שטוב. עס האָט זיך פֿאַרבונדן אַ געשפּרעך צווישן אונדז. ער האָט שוין געוווסט, אַז איך בין געזעסן אין טורמע. האָט ער מיר געמאַכט אַ „קאָמפּלימענט“, אַז איך זע גוט אויס, אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּלייצע און אַ זאָג געטאָן: „אַ טשי ניע טשאַס יוזש שיען אוסטאַטקאָוואַטש?“ (צי איז שוין נישט צייט צו ווערן לייטיש?). וואָלט ער נישט געווען אַ הויך־געאַכטעטער און פֿיל־פֿיל עלטערער פֿאַר מיר, וואָלט איך אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ. אים האָב איך אָבער געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע, צי האַלט אַזאַ שיין־געייסט, ווי ער, אַז עס איז „סטאַטעטשנע“ צו בויגן דעם קאָפּ פֿאַר קאַזנאַקאָוון אָדער פֿאַר די שייבלערס און פּאָזנאַנסקיס. ענטפֿערט ער מיר, אַז „טאָלערירן דאָס, וואָס די אַרבעטער האָבן זיך דערלויבט קאָן מען אויך נישט“ און אַז די שייבלערס און פּאָזנאַנסקיס האַנדלען לויט דער לערע פֿון... קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט

פאַרויסגעזען... די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, וואָס דאַרף — „ווי איך איז אַוודאי באַוווּסט, יונגערמאַן!“ — דערפירן צום סאָציאַליזם. דאָ האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און געענטפערט אים: „שעמען מעגט איר זיך! אונטערן שאָטן פון קאָזאַקאָנים תליה פראַוועט איר אַזעלכע ציניִשע שפּאַסן“. לאַכט ער זיך פאַנאַנדער און גיט מיר שטילערהייט אַ זינג וויספּיאַנסקים ליד פון „וועסעלע“ (די חתונה): „דו האָסט געהאַט, כאַם, אַ גאָלדענעם האָרן, דו האָסט געהאַט, כאַם, אַ היטל מיט פעדערן. דאָס היטל ווערט דורך אַ שטורעם־ווינט געטראָגן, דער האָרן פרהמייטערט איבערן וואַלד, און דיר איז נאָר דאָס שטריקל פאַרבליבן“. איך בין אַזש בלאַס געוואָרן פון אויפרעגונג און געטראַכט אַ ווײַל, ווי אַזוי אים, דעם שיין־גייסט, אַריינצופאָרן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. ווייסנדיק, אַז ער איז אַ פאַרברענטער אַסימילאַטאָר, וואָס קאָן נישט פאַרלייַדן, ווען אַ פּוילישער ייד רעדט רוסיש, האָב איך אַ רעציטיר געטאָן גאָרקים „פעיע“: „און איר וועט אָפּלעבן אויף דער ערד, ווי צעפּוילטע ווערעם לעבן, קיין מעשהלעך וועט מען וועגן אייך נישט דערציילן און קיין לידער וועט מען וועגן אייך נישט זינגען“. און אַוועק אָן אַ זײַ־געזונט.

„זובוואַליעץ!“ (חוצפּהניק!) — האָט ער מיר צוגעוואָרפן.

שווערע צייטן

דער לאָדזשער גרויסער לאָקאַוט פֿון די פֿאַבריקאַנטן איז זיך צונויפּגעפֿאַלן מיט אַ ברייטער כוואַליע מאַסן=מאָרדן, וועלכע די רעאַקציאָנער=אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי פֿון דער פּוילישער בורזשואַזיע — די ענדעציע — האָט אָרגאַניזירט מיט דער הילף פֿון איר אַרבעטער=עקספּאָזיטור די „ענ=זעט=ער“ (נאַראָדאָווי זוויאָנזעק ראָבאָטניטשי) און ספּעציעלער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי „דער פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע מענטשן צום אַקטיוון קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע“. די צייטונגען האָבן דעמאָלט אָנגעגעבן אַן ערך 200 דערמאָרדעטע און נאָענט צו צוויי הונדערט פֿאַרוווּנדעטע. אין דער אמתן איז געווען אַ סך מער. זיי פֿלעגן פּשוט, אין די גאַסן, פֿאַבריקן און אין די הייזער מאָרדן די „סאָציאַלן“ (אַזוי האָבן זיי אָנגערופֿן די סאָציאַליסטן), שרייענדיק, אַז „מער וועט ער שוין נישט שטרייקן און נישט העצן“.

אויך די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, די העצערייען קעגן דייטשישע אַרבעטער און — ועל כולם — דער פֿינצטערסטער קלעריקאַליזם האָבן אינעם אַרסענאַל פֿון דער פּוילישער רעאַקציע פֿאַרנומען דעם אויבן=אָן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „ברידער=קאַמף“. בלויז אין אויסנאַם=פֿאַלן זענען זיי געווען געצוווּנגען צו ענטפֿערן מיט קוילן אויף קוילן. געענדיקט האָט זיך דער „ברידער=קאַמף“ מיט אַן אָפּמאַך צווישן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס און דער קלעריקאַלער שאָוויניסטישער „ענ=זעט=ער“ — אָפּצושטעלן דעם פֿאַלש אָנגערופֿענעם „ברידער=קאַמף“.

פֿאַר דער צייט האָבן זיך די פּאָליטישע כוחות=פֿאַרהעלטענישן אין דער אַרבעטער=באַוועגונג און בכלל אין דער געזעלשאַפֿט געענדערט. אין דער פּפּס איז אין האַרבסט 1906 פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג: די מערהייט פֿון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע איז אַריבער צו דער „פּפּס=לעוויצאַ“, וועלכע האָט באַקעמפֿט הן די נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פֿון דעם פּילסוד=

סקי־פליגל, הן זיין אַוואַנטוריסטישע, אינדיווידועל־טעראָריסטישע פּאָליטיק, וועלכע האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין פּשוטן באַנדיטיזם.

די „פּפּס־לעוויצאַ“, אין קעגנזאַץ צו די פּראַקעס־פּילסודסקיקעס — איז געשטאַנען אויף פּאָזיציעס פֿון מאַסן־באַוועגונג, פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, און דער ערשטער ריי אויף פּאָזיציעס פֿונעם געמיינזאַמען קאַמף מיט דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט פֿאַרן נצחון פֿון דער רעוואָלוציע אין גאַנץ רוסלאַנד.

די רייבונגען צווישן דער אָנפירערשאַפֿט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (ס־ד־ק־פּ־ל) און דער אָנפירערשאַפֿט פֿון „בונד“ האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט. אַלץ אָפֿטער האָט דער „בונד“ אָנגעהויבן צו אָריענטירן זיך אויף דער „פּפּס־לעוויצאַ“, און נישט אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מיט וועלכע ער איז געווען אין איין רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די שאָוויניסטיש־רעאַקציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „ענ־זעטער“ איז געוואָרן אַ פּאָליטישער פֿאַקטאָר, מיט וועלכן נישט רעכענען זיך האָט מען נישט געקאָנט. זייער פּיינלעך האָב איך דערמאָלט איבערגעלעבט דעם פֿאַקט, אַז די בפֿירוש־רעאַקציאָנערע, פֿינצטערע אָרגאַניזאַציע קאָן אין אירע רייען האָבן אַ מערהייט אַרבעטער.

אין דער פּוילישער בירגערלעכער סביבה איז אויך אַקטיוו געוואָרן אַחוץ דער „ענדעציע“ די — „פּאָסטעמפּאָווע“ (פּראָגרעסיווע) פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך אין די ע י ק ר ד י ק ע פּ ר אַ ג ן ווייניק פֿון איר אונטערשיידט.

אויב אין 1907 האָבן די „פּאָסטעמפּאָוועצעס“ נאָך געהאַט אַ ליבעראַלע שטעלונג לגבי די ייִדן, באַמיענדיק זיך דורך דער „טאָוואַזשיסטוואָ קשעוויענייאַ אָשוויאַטי“ (געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג) צו פֿאַרשפּרייטן די פּוילישע שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור צווישן ייִדן, איז מיט איין יאָר שפּעטער פֿון זיי אַרויסגעוואַקסן די פֿאַרזעעניש פֿון „פּראָגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם“ מיט אַנדזשעי ניעמאָיעווסקי בראש און אין 1912 האָט דער אַנטי־ענדעקישער „פּאָסטעמפּאָוויעץ“ קוכאַזשעווסקי געשאַפֿן אַזאַ סיטואַציע, אַז די ייִדישע בירגערלעכע קרייזן פֿון וואַרשע האָבן געשטימט ביי די וואַלן צו דער „דומע“ פֿאַרן סאָציאַליסט יאַגיעללאָ, ווייל קוכאַזשעווסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאַרטיידיקן די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אויף דער „ייִדישער גאַס“ האָט דער „בונד“ איינגעהאַלטן זיין פּאָזיציע, אַלס פּאַרטיי, וואָס האָט דעם שטאַרקסטן איינפֿלוס צווישן די ייִדי־

שע אַרבעטנדיקע, כאָטש ער איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. פאַר דער קורצער צייט האָט זיך אַנטוויקלט די „עס־עס" (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן) אַדאַנק די וואַקסנדיקע עמיגראַציע־שטימונגען אין פאַרבינדונג מיט די פּאָגראָמען, רדיפות און וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

עס איז צוגעקומען אַ נייע פּאַרטיי: „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי ציון". די איינפלוסן פון דער פּאַרטיי זענען געווען גאַנץ שוואַכע, אין לאָדזש האָט שוין דעמלט אַ פירנדיקע ראָל געשפּילט מוליע (שמואל) יעדעלמאַן, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק ווי אַן עטלעכע און זיבעציק־יאָריקער זקן געשטאָרבן אין ישראל. מוליע האָט געהאַט צוויי שוועסטער: איינע, מאַניע — איז געווען אַ סאָציאַליסטקע־טעריטאָריאַליסטקע און די צווייטע, דוכט מיר — אַ בונדיסטקע (אַ טיפּישע יידישע משפּחה פון יענער צייט).

צווישן די יידישע בירגערלעכע ריכטונגען זענען געווען טעטיק די „אַסימילאַטאָרן". זיי האָבן דורך דער גמינע געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די ציוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אַלס פּ אָ ל י ט י ש ע פּאַרטיי. אין די יאָרן 1908—1912 — איז דער איינפלוס פון די ציוניסטן געווען אַ ב י ז ג אָ ר ש וואַ כ ע ר, הן אין לאָדזש, הן אין פּוילן, הן אין דער גאַנצער צאַרישער אימפּעריע. כאַראַקטעריסטיש איז אַז אין די צאַרישע „דומעס", ווו עס איז געווען אַ יידישע רעפּרעזענטאַנץ, איז געווען בלויז איין ציוניסט: ש מ ר י ה ו ל ע וו י ן. די איבעריקע זענען געווען „דערגרייכער" פון „קאַדעטישן" שניט, פון ווינאַווער־סליאָזבערגס חבר.

די לאָדזשער „האַרפּע".

די הויפּט-טעטיקייט פון די יידישע אַרבעטער-פּאַרטייען, אַחוץ דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, האָט זיך קאָנצענטרירט אין די יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע אין לאָדזש אַרום דעם געזאַנג- און קולטור-פאַריין „האַרפּע". די ראש המדברים זענען דאָרט געווען די בונדיסטן. די ניט-סאָציאַליסטישע, יידישיסטיש-דעמאָקראַטישע עלעמענטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אַ צווייטער געזעלשאַפט, „דראַמאַטישע קונסט" מיט לאַזאַר קאַהאַן און משה בראָדערזאָן בראש. ביידע געזעלשאַפטן האָבן געטאָן אַ פּאָזיטיווע אַרבעט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. אמת, מיט רעוואָלוציע און סאָציאַליזם האָט דאָס אַ קנאַפּע שייכות געהאַט. אָבער אַ ברייטע, לעגאַלע צווישן-פּאַרטייאישע בימה איז די געבויידע פון דער „האַרפּע" יאָ געוואָרן: די באַוווסטזיניקע אַרבעטער האָבן שטענדיק פאַרפולט דעם לאָקאַל אויף קאָנסטאַנטינער גאַס בשכנות מיט דעם יידישן טעאַטער.

אין דער „האַרפּע" פלעגן אַרויסטרעטן י. ל. פּרץ, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, ש. ניגער, א. וויטער, מיט רעפעראַטן פלעגן אַרויסטרעטן יידישע סאָציאַליסטישע טוער, אַזעלכע ווי אַבראַמאָוויטש, ליטוואַק („בונד"), ד"ר פּינעס-בריקסמאַן, יעקב לעשטשינסקי (דעמאָלט סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן) און אַנדערע. געווען איז אין דער „האַרפּע" אַ גוטער כאָר אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם טאַלאַנטפולן דיריגענט בענסמאַן. עס פלעגן פאָרקומען פלאַמיקע דיסקוסיעס אויף קולטור- — און דער עיקר — ליטעראַטור-טעמעס. הימל און ערד און קולטור!

בשכנות פון דער „האַרפּע" איז געווען דאָס יידישע טעאַטער. אין יענע יאָרן האָב איך געהאַט דעם גרויסן כבוד צו באַקענען זיך מיט דער „מאַמע פון דעם יידישן טעאַטער" — די אומפאַרגעסלעכע, באַצויבערנדיקע אסתר-רחל קאַמינסקאַ. אויף יעדער פּיעסע, וווּ זי האָט געשפּילט האָב איך געמוזט זיין (אויף „גאַליאָרקע", פאַרשטייט זיך) און אַריין הינטער די

קוליסן און קושן איר האַנט, אַזוי אַז די „מאמע אסתּר־רחל“ האָט מיך אָנגערופֿן אין שפּאַס: „מיין יינגסטער פֿאַרערער“. דער „האַרפֿע“ האָב איך אויך צו פֿאַרדאַנקען מיין פֿערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט מיט נאָמבערגן און דעם גרויסן י. ל. פּרץ. פֿון איס האָב איך דעמלט באַקומען אַ גייסט־רייכע לעקציע פֿונעם טייטש פֿון וואָרט „סימבאָליק“. געווען איז דאָס אַ תּשובֿה אויף מיינער אַ ביסל שקאָצעוואַטער און אין עצם תּמימותדיקער פֿראַגע, נאָך דעם ווי ער האָט פֿאָרגעלייענט דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון זיין „גאָלדענער קייט“, וועלכעס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „שבת זאָל זיין! שבת! נישט געאַרבעט, נישט געזייט... מיר שבת־יום־טובֿדיקע יידן“ א. אַ.וו. האָב איך אים געשטעלט פֿון אָרט אַ פֿראַגע: „און פֿון וואַנען וועט מען נעמען אויף פּרנסה?“ האָט ער מיר געדולדיק און ראָמאַנטיש־סימבאָליש אויסגעטייטשט דעם מיין פֿון זיין „שבת־יום־טובֿדיקייט“. צי האָט ער מיך איבערצייגט? ניין! נאָר דאַנקבאַר בין איך אים געווען: ער האָט מיך אויסגעלערנט צו ל יי ע נ ע ן פּרצן.

פֿאַר די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זענען דעמלט געווען לויט זייערע איינפֿלוסן די צווייטע „שטאַרקסטע“ פּאַרטיי אויף דער „יידישער גאַס“ (לויט דער א יי נ ז יי ט י ק אָנגעגעבענער סטאַטיסטיק פֿון ביידע פּאַרטייען האָט דער „בונד“ דעמלט אין גאַנץ רוסלאַנד געהאַט אַן ערך 30 טויזנט מיטגלידער, און די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — אַן ערך 20 טויזנט. א ס ו ר צ ו א י ך ב י ן ע ר ו ב פֿ אַ ר ד י צ י פֿ ע ר ן!), איז „קולטוריזם“ געווען צו ווייניק. זייער הויפּט־ציל אויף דער „יידישער גאַס“ איז דאָך געווען צו „רעגולירן די עמיגראַציע“ מיט דער פּערספּעקטיוו פֿון אַ „יידישער טעריטאָריע“. האָבן זיי מאַקע אָנגעהויבן זיך עוסק צו זיין אינעם ענין „רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע“. געקומען איז דעמלט קיין לאָדזש דאַווידאָוויטש־לוואָוויטש מיט אַ פּלאַן צו שאַפֿן אַן עמיגראַציע־באַנק. מיר אין לאָדזש האָבן זיך צו דעם זייער סקעפּטיש באַצויגן און דער ליבער, גוטער, האַרציקער „דאַווע“ איז אַוועקגעפֿאָרן, באַקומענדיק די אונטערשטיצונג פֿון אַ יידישן פֿאַבריקאַנט, שאַיע ראָזענבלאַט און אַן אסימילאַטאָרישן טוער ד״ר קעמפּנער, אָן דער אונטערשטיצונג פֿון זיין אייגענער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אָבער דאָס פּראָבלעם פֿון עמיגראַציע איז געווען אַ פּיינלעכס, אַ שווערס און ווייטיקלעכס. געפֿאָרן איז מען מאַסנווייז קיין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. בלויז יחידים זענען צו יענער צייט געפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. די עמיגראַציאָניסטישע שטימונגען זענען געווען געוואַלדיק גרויסע.

זכבעניש און וואָגלעניש

אינעם יידישן לעבן האָט די אַלגעמיינע מאָראַליש־פּאָליטישע דעגענעראַציע געקראָגן אויך אַ ספּעציפֿיש „יידישלעכן" כאַראַקטער. אַז „אידעאַל" איז פֿאַר געכטיקע „רעוואָלוציאָנערן" געוואָרן „עפּעס אַ געשעפֿט". עס האָבן זיך באַוויזן פֿאַלן — דער עיקר צווישן בירגערלעכע סטודענטן — פֿון שמד צוליב קאַריעריסטישע טעמים. אַ שעדלעכן איינפֿלוס האָט אויסגעאיבט דאָס „תשובה־טאָן" פֿון דעם געוועזענעם באָלשעוויסטישן ס. ד.־טוער און האָמעל ברוך סטאָלפּנער, וועלכער האָט אין דער פּעטערבורגער פֿילאָזאָפֿישער געזעלשאַפֿט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט, אָנגעפּראָפּט מיט יידישן מיסטיציזם, און פֿאַרענדיקט אים מיט „שמע ישראל". ברוך סטאָלפּנער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין טיפֿן עלטער, איבערלאָזנדיק אַ גוטע ירושה: די פֿולע איבערזעצונג אין רוסיש פֿון העגעלס פֿילאָזאָפֿישע ווערק.

די ברייטע מאַסע „מיטלויפֿער" איז אָפּגעפֿאַלן פֿון דער באַוועגונג. די יידישע פּאַס־גרופּע אין לאָדזש איז זיך אינגאַנצן צעפֿאַלן. אויב נישט טעראָר, איז צו וואָס טויג עס זיי? די סדקפּל האָט איינגעהאַלטן אירע איינפֿלוסן ביי די יידישע בעקער און געצײלטע אַרבעטער פֿון אַנדערע פֿאַכן. דעם „בונד" איז געלונגען ווי שוין געזאָגט איבן אַדאַנק זייגע מער בויגיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען אין אַ געוויסער מאָס איינצוהאַלטן אַ ברייטערן אַקטיוו. ביי די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן איז פֿאָרגעקומען אַ שטאַרקער אָפּפֿלוס, ווייל זיי האָבן זיך געשטיצט דער עיקר אויפֿן „האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט", אויף יידישער פֿאָלקס־אינטעליגענץ און צעוואָרפֿענע גרופּעס אַרבעטער און האַלב־פּראָלעטאַריער. אַלעמענס איינפֿלוסן זענען שטאַרק געשניטן געוואָרן דורך דעם עמיגראַציע־שטראָם.

צי לוינט צו דערציילן וועגן דעם אומזיניק־פֿאַרצווייפֿלטן באַשלוס פֿון דער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פֿון לאָדזש אַ ק[illegible] צו באַיקאָטירן די וואַלן צו דער דומע, וואָס עס האָט זיך אויס־

געדריקט אין דעם, וואָס גרופּעס חברים מיט רעוואָלווערן זענען געגאַנגען אין די וואַל=פּלעצער נאָך די וואַלן און... „קאָנפיסקירט“ אין די ייִדישע קוואַרטאַלן די אָפּגעגעבענע שטימען. איך האָב אויך אין אָט דער „אַקציע“ אָנטיילגענומען, און מיר האָבן מצליח געווען, אַנישט וואָלטן מיר געגאַנגען אויף קאַטאָרגע פאַר... באַוואָפנטע טעראָר=אַקציעס. אָבער די נשמה האָט געגאַרט נאָך מעשים...

אין 1908 יאָר בין איך אַוועקגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו אויף... „פּאַרטיי=אַרבעט“. און טשענסטאָכאָוו גופא איז געווען אַ גרויסע פּאָליטישע רעטעניש. דאָס איז געווען די א יי נ צ י ק ע שטאָט אין גאַנץ קאָנגרעס=פּוילן, וווּ די סאָציאַליסטן=טעריטאָריאַליסטן זענען געווען דער פ י ר נ ד י ק ע ר כ ו ח אין דער ייִדישער אַרבעטער=באַוועגונג.

כּמעט אַ גאַנץ יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין טשענסטאָכאָוו. דאָס הייסט נישט, אַז איך בין געזעסן אויף איין אָרט: איך בין אַרומגעפאָרן. געווען אין פּיעטריקאָוו, נאָווי=ראַדאָמסק (היינט ראַדאָמסקאָ) א. א. שטעטלעך, באַזוכט וואַרשע, וווּ איך האָב געהאַלטן רעפעראַטן, געהאָלפן אין דער פּאַרטיי=אַרבעט. מיר איז אויך באַשערט געווען אָפּצוליגן אַן ערך אַ חודש אינעם שטאָטישן שפּיטאָל מיט אַ טיפוס. דעם גרעסטן טייל פון מיין קראַנקהייט בין איך געלעגן אין היץ און נאָכן קריזיס האָב איך מיר די יאָרן פאַרשאָלטן; גאַנצענע טעג פלעגט מיין אויפזעערין, אַן אַלטע „דעוואָטקע“ קניען אין ווינקל און דאַווענען און ביי יעדן גלעזל ביטערן טיי, וואָס זי האָט מיר געגעבן, האָט זי אין מיר איינגעטענהט, אַז איך בין אַן... אַנטיכריסט און איך „שטער“ זיי אין אויסהיילן מיך, וואָרים זי האָט מיך נאָך קיין איין מאָל נישט געזען איך זאָל מתפּלל זיין. און אַז אויף דער דריטער וואָך איז צו מיר געקומען מיט אַ וויזיט דער זון פונעם אינזשעניער ראַטנער פון „וואָלקאַן“, אַ קרוב מיינער, וועלכער איז נאָר וואָס אַרויס פון תפיסה (ער איז געווען אַ סטודענט, אַן עס=ער), האָט ער זיך משתדל געווען דורך זיין טאַטן און מ'האָט ביי מיר די „אַלטע מכשפה“ צוגענומען און געגעבן אַ יונג, דאָרפיש מיידל. זי האָט מיך צורו געלאָזט, אָבער אַ צוויי טעג פאַרן אַרויסגיין פון שפּיטאָל זעצט זי זיך אַוועק אויפן בעטל, און אַ שיינענדיקע זאָגט זי מיר, אַז איך וועל שוין געזונט זיין, און אַז געהאָלפן מיר האָבן נישט נאָר די דאָקטוירים און רפואות, נאָר אויך... אירע תפילות, און מ'זאָגט מיר אונטער דאָס צלמל פון איר האַלדז, איך זאָל עס אַ קוש טאָן. האָב איך אַ קוש געטאָן... איר און נישט דעם צלם, איז זי געוואָרן ברוגז און... מער האָב איך זי נישט געזען.

אין טשענסטאָכאָוו האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ הערשיינונג, מיט וועלכער איך האָב זיך פריער נישט צוגעשטויסן. די יידישע אינטעליגענץ איז געווען שטאַרק אונטערן איינפלוס פון פוילישע ראָמאַנטיש־אויפשטענדלערישע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. איך האָב זיך פריער צווישן יידן נישט אָנגעשטויסן אויף אַזויפיל ציטאַטן אין טאָג־טעגלעכע געשפרעכן פון... נאָרוויד, סלאָוואַצקי, מיצקעוויטשעס „דזשאַדי“, ווי אין טשענסטאָכאָוו. דער ראָמאַנטיש־פוילישער פּאַטריאָטיזם פון די יידישע סאָציאַליסטישע טוער — מערסטנטייל סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — האָט געגעבן אַ ספּעציפישן קאָלאָריט דער טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזאַציע. אפשר איז דאָס איינע פון די סיבות — פּאַראַלעל מיט די גרויסע איינפלוסן, וואָס זיי האָבן געהאַט — פון אַן ענגערער צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּפּס.

די בונדיסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין טשענסטאָכאָוו דעמאָלט געווען אַ פאַרהעלטענישמעסיק שוואַכע. דערפאַר האָט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (סדקפּל) געהאַט אַ פיל גרעסערן איינפלוס אויף יידישע אַרבעטער, ווי אין לאָדזש, אָדער וואַרשע. די דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג פון דער רעאַקציע האָט זיך אין טשענסטאָכאָוו שוואַכער געפילט. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע פאַרביטערטע שטרייקן. אין זכרון איז מיר פאַרבליבן דאָס דערשיסן דורך אַרבעטער אַ בעקער־מייסטער, אַ פּראָוואָקאַטאָר, פאַר מיטאַרבעטן מיט דער פּאָליציי, אַ שטרייק אין אַ זייף־פאַבריק, בעת וועלכן דער פאַבריקאַנט האָט גערופן פּאָליציי און העכער אַ צענדליק יידישע אַרבעטער זענען דערביי שטאַרק צעמזיקט און פאַרוווּנדעט געוואָרן (צווישן זיי דער חבר שוסטער, אַ ברודער פונעם דעמאָלט באַקאַנטן אַרבעטער־טוער מענדל שוסטער, וואָס איז אין די צוואַנציקער יאָרן געשטאָרבן אין אַמעריקע). עס פלעגן אָפט פאָרקומען שטורמישע „מאַסאָווקעס“, ווו מען פלעגט רעדן וועגן קאָנקרעטע ענינים פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, און אַ סך, אַ סך ווייניקער וועגן דער... „רעגולירונג פון דער עמיגראַציע“ און אַנדערע יידישלעכע ענינים. די קליינבירגערלעך־האָרעפּאַשנע מאַסע האָט זיך מיט אַן א ק ט י ו ו ע ר סימפּאַטיע באַצויגן צו דער „באַוועגונג“. איך געדענק אַזאַ פאַל: אַ „מאַסאָווקע“ ערגעץ אויפן צווייטן שטאָק אין אַ שנייעדיקן, ווינטערדיקן שבת. פּלוצלונג אַן אויסגעשריי: „פּאָליציי!“ די עטלעכע און צוואַנציק מענטשן גיבן זיך אַ לאָז, ווער ווו עס קאָן. איך מיט נאָך איינעם זענען אַרויף אויפן בוידעם, און פון דאָרטן אויפן דאַך און איבער די דעכער פון צוויי הייזער האָבן מיר געקלעטערט אויף די בייכער ביז מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן עפענונג. אַראָפּגעשפרונגען! אַ ביי־

דעם פּויל מיט הענגענדיקער וועש. מיר ווילן אַרויס — די טיר איז פאַרשלאָסן. ברעכן מיר אויף די טיר, ווייצלענדיק זיך, אַז מ׳וועט אונדז דאָ אַרעסטירן ווי... גנבים. די הענט זענען געווען געפרוירן פון קלעטערן איבערן שניי. מיר קריכן אַראָפּ: מיין חבר גייט אַריין אין אַ דירה און שטויסט זיך אָן אויף באַקאַנטע. ווייל איך קיין חשד נישט אַרויסרופן, גיב איך אים אַ ווונק, ער זאָל אַרייננגיין אַליין. איך גיי אַראָפּ נידעריקער, קלאַפּ אָן אין טיר, עפנט מיר אַ סימפּאַטישער ייִדישער זקן. דערזען אַ צעשויבערטן, אומבאַקאַנטן יונגעמאַן אין אַ פּאַלטאָ און אַ היטל — דאָס היטל האָב איך אין איילעניש פאַרגעסן — וויל ער מיך נישט אַריינלאָזן. זאָג איך אים: „פע, נישט שיין! איר ווילט מיט אַ ייִדן נישט רעדן... זע איך דען אויס, ווי אַ גזלן, אַ רוצח, רחמנא לצלן?“ אָט דער „רחמנא לצלן“ האָט מיך געראַטעוועט. ער נעמט אַראָפּ דאָס קייטל פון דער טיר און לאָזט מיך אַריין. זאָג איך אים גלייך, אַז איך בין אין אַ סכנה, ווארום די פּאָליציי איז באַפאַלן אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער און איך האָב זיך אַרויסגעראַטעוועט. זאָגט ער: „ווײַ איז מיר, וואָס טוט מען מיט אייך?“ זאָג איך, אַז קיינער האָט נישט געזען מיך אַריינגייענדיק, בנאמנות. הייסט ער מיך וואַרטן און גייט אַריין אין צימער. אין אַ צוויי מינוט שפּעטער גייט אַרויס אַן אַלטיטשקע פרוי און זאָגט מיר: „קומט אַריין, איך בעט אייך, נישקשה, גאָט וועט העלפן. ס׳וועט שוין גוט זיין“. און מען פירט מיך אַריין אין אַ קליינעם אַלקערל און מען בעט מיך זיצן. ביז צען אין אָוונט בין איך געזעסן אין דער גאַסטפריינדלעכער שטוב פון אַ ייִדישן האָרעפּאַשניק. אַ צענדליק מאָל אפשר איז די ליבע אַלטיטשקע אַראָפּגעגאַנגען זען „וואָס הערט זיך“. די גאַנצע געגנט האָט גערעדט וועגן דעם. דריי חברים האָט מען אַרעסטירט אויפן גאַס און אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרויסגעלאָזן, די גאַנצע פינף שעה האָט דער אַלטער בלעכער מיט מיר גערעדט... תורה און... „פּאָליטיקע“...

היות טשענסטאָכאָוו איז געווען די „הויפּט=שטאָט“ פון די „עס=עס“, זענען מיט דער טעטיקייט אין טשענסטאָכאָוו פאַרבונדן די נעמען פון אַ ריי באַקאַנטע טוער אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. למשל: אהרן סינגאַלאָווסקי, דער שפּעטערדיקער באַקאַנטער אָנפירער פון „אָרט“, איז אין יענע יאָרן באַוווסט געווען אַלס גלענצנדיקער מאַסן=רעדנער אונטערן נאָמען: אהרן טשענסטאָכאָווער. פון טשענסטאָכאָוו שטאַמט ד״ר יוסף קרוק — היינט אַ מפּא״י=טוער אין ישראל, דעמאָלט אַ פלאַמיקער סאָציאַליסט=טעריטאָריאַליסט.

אין טשענסטאָכאָוו האָט אַ לענגערע צייט „געאַרבעט“ דוד לעווין פון האָמעל, אַ גוטער רעדנער און אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט זיך שטודירט דעם מאַרקסיזם, אויפריכטיק שטרעבנדיק צו זיין אַ מאַרקסיסט — אין קעגנזאַץ צו ד"ר קרוק, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ מין „עטישער סאָציאַליסט“ פון דעם טיפ פון די ענגלישע פאַביאַנער אָדער נחמן סירקין, וועלכער איז אגב געווען דער „רבי“ פון אַ סך אינטעליגענטן סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן, און וועלכע זענען טאַקע אָפּגעפאַלן פון סאָציאַליזם, פון דער רעוואָלוציע. דוד לעווין איז נאָך דער גרויסער אָקטאָבער-רעוואָלוציע געוואָרן אַן אַקטיווער קאָמוניסט. צענדליקער טשענסטאָכאָווער ייִדישע אַרבעטער פון יענע צייטן האָב איך געטראָפן אין רוסלאַנד, אַמעריקע, דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער אַלס אַקטיווע קעמפער פאַר סאָציאַליזם. אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען מיט אַ העלדן-טויט בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

איך בין אָפּגעווען אַן ערך צוויי חדשים צוליב „פּאָליציייִשע סיבות“ אין אַ פּיטשינקע שטעטעלע, מישקאָוו, ווו איך האָב געאַרבעט אין דער „קאַנטאָר“ פון אַ זאָקן-פאַבריק (דער פאַבריקאַנט איז געווען אַ בילד-שיינער חסידישער יונגערמאַן און אַ געוואַלדיקער עקספּלאָאַטאָר). דאָרפישע פרויען האָבן דאָרט געאַרבעט פאַר אַ הונגער-לוין, און קיין ייִדן האָט דער פאַבריקאַנט בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן צו דער אַרבעט. נאָך דעם, ווי ער האָט מיר אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט פאַר מיין פּרוּוו צו אָרגאַניזירן די פאַבריק-אַרבעטערינס, בין איך צוריק אַוועק קיין לאָדזש.

דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ סיטואַציע, אַז איך האָב געמוזט ווערן „סטאַטעטשנע“.

ווידער טורמע און מיין ערשטע נסיעה קיין אויסלאַנד

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין לאָדזש פון משענסטאָכאָווער געגנט, האָט זיך גלייך געשטעלט פאַר מיר אַלס ברענענדיקסטע פראַגע: פרנסה און פשוטסטן זיך פון וואָרט. איך האָב זיך פשוט געשעמט פאַלן צולאַסט מיינע עלטערן, וועלכע האָבן געלעבט און גרויס דחקות. דער טאַטע האָט פּרובירט מאַכן אַ לעבן פון פאַרקויפן שרייב־מאַטעריאַלן. איז ער אָבער געבליבן דער זעלבער ליבער, האַרציקער, ערלעכער און איידעלער „לאַ־יוצלח", ווי אַלע זיינע יאָרן. נאָך אַ 3 — 4 חדשים איז ער בדלות געוואָרן פון דעם „געשעפט", ווייל ער איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט... ברוך שפינאָזאַ און דער דייטשישער „ביבל־קריטיק", און אַחוץ דעם האָט ער „געשענקט" קינדער אומזיסט בלייערס, מעקערס און העפטן און געגעבן „אויף באָרג" אויף רעכטס און אויף לינקס. האָב איך אָנגעהויבן צו געבן פּריוואַטע לעקציעס. האָט דאָס פאַרנומען אַ סך צייט און נערוון און... פאַרדינט האָב איך זייער ווייניק. האָבן מיר פריינד, פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע פריינד, חלילה נישט קיין קרובים, וועלכע האָבן פון דעם „תכשיט" נישט געוואָלט הערן — אויסגעפועלט אַ שטעלע פון אַ... געהילף־בוכהאַלטער אין דער פירמע „ברידער שיק", אַ טיכער־פאַבריק. דער הויפט־בעל־הבית פון דער פירמע איז געווען אַן אַלטער ייד, אַ פעדאַנט, אַ בלינדער, ווייל אַר־בעטער האָבן אין 1905 יאָר אים באַגאָסן מיט וויטריאָל בעת אַ שטרייק־סכסוך. ער האָט געהאַט אַ זון, אַ גימנאַזיסט דעמלט, וועלכער פלעגט יעדן טאָג קומען אָפּצונעמען אים פון „געשעפט" און אַוועקפירן אַהיים. דאָס גימנאַזיסטל איז שפּעטער געוואָרן דער וועלט־באַרימטער מאָלער — אַרטור ש י ק (געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אַמעריקע). איך בין גע־וואָרן אַ... „פאַרדינער", וואָס האָט אָנגעהויבן מיט 25 קערבלעך און אין עטלעכע חדשים אַרום געהעכערט אויף גאַנצע דרייסיק רובל. ווען איך האָב די ערשטע 20 רובל געבראַכט דער מאַמען, האָבן מיר געמאַכט אַ „קעניגלעכע סעודה". פאַר לאַנגע חדשים האָט ערשטע מאָל געקויפט

אַ... גאַנדז. בדרך כּלל האָבן מיר דערמיט געטרינקען טיי מיט... סאַכאַרין, צעלאָזענע אין וואַסער, אַנשטאָט צוקער, אַ צוויי מאָל אין וואָך — אַ שטיקל געקאָכט פלייש, וואָרום די ביינער האָט מען געדאַרפט האָבן אויף יויך און הערינג האָט ביי אונדז געהייסן... „דגים" (פיש).

מיין „פּאָליטישע טעטיקייט" האָט זיך אין 1909 אויסגעדריקט דער עיקר אין... האַלטן אַ דרוקעריי, ד. ה. דרוקן אויפרופן און אַוועקשיקן זיי אין קעסטלעך פון „אייערס-צוקערלעך" אויף עטלעכע אַדרעסן. קיין וואַרשע — געדענק איך — האָב איך דערמיט געשיקט אויפן אַדרעס פון זלמן מייזנער, פּסעוודאָנים „זלמן בורזשוי", ווייל ער האָט געשטאַמט פון פאַרמעגלעכע עלטערן. מיט אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך דערמיט ביי אונדז לאָדזשער סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן פאַרנומען דער עיקר משה גוטמאַן (בערל זעליקאָוויטש, שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער טוער, גוט באַקאַנט אין פּוילן), ישראל גייסט פון לאָמזשע (שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער אַקטיווער טוער, באַקאַנט אונטער די פּסעוודאָנימען „סאַנין" און מאַריוש"), שאַיע סאַפּיר פון לאָדזש און — עס וועט זיכער זיין אַ שטיקל סענסאַציע פאַר פיל — אויך... ה ע ר ש ע ל ע דאַניעלעוויטש, אַ באַשיידענער באַגאַבטער פאָלקס-פּאָעט, וויט נישט קיין רעדנער, אָבער וועלכער איז מיט זיין „פאָלקסטימלעכקייט", פשטות און האַרציקייט געווען שטאַרק באַליבט נישט נאָר ביי שוסטער, שניידער און וועבער, נאָר אויך ביי... „קאַטאַרינאַזשעס", עלעמענטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן גרענעץ פון דער „אונטערוועלט" און... חסידישע יידן, סתם קבצנים. ער איז אין יענעם פּעריאָד געווען דער רעדאַקטאָר פונעם איין-און-איינציקן נומער פון אַ זשורנאַל — „פריילאַנד", וואָס איז דערשינען אין לאָדזש (איך געדענק נישט גענוי אין וועלכן יאָר).

אַז עס האָט זיך דערנעענטערט דער ערשטער מאַי 1910 — געווען איז עס אין מערץ חודש — האָב איך אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף פון צ. ק. און פון לאָדזשער קאָמיטעט — אָנגעשריבן דורך מיר און אַרויסגעשיקט וווּ מען דאַרף. אין אָנהויב אַפּריל האָב איך כמעט דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לאַנגער צייט אָנטיילגענומען אין אַ פאַרזאַמלונג פון אַ טוץ חברים אַן ערך, כּדי צו באַטראַכטן די... אַקציע פון ערשטן מאַי. גלייך אין אָנהייב, נאָך אַ האַלב-שעהדיקער באַראַטונג... טראַר-טאַראַר! „רוקי וויערך!" (די הענט אויפהויבן) — דערהערן מיר אַ קול. דער צימער איז כּהרף עין פול געוואָרן מיט פּאָליציי. צווישן די דערמיט-אַרעסטירטע געדענק איך בלויז פאָלגנדיקע: משה גוטמאַן (בערל זעליקאָוויטש), עוזר — אַ פאַרבער, איי-

גער אַ טאַמבורירער, האָזע מלאָטעק, אַ מאָדיסטקע (שוין אין 1912 יאָר אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע), לעווינסאָן — אַ האַנדלס-אָנגעשטעלטער, אַ חבֿר, וועלכן מ'האָט גערופן „יאַנקל קאַברינער“ און אַ חברטע פאָרעמסקאַ, אַ טאָכטער פון אַ ייִד, וואָס האָט אויסגעקליבן אַן אויסערגעוויינלעכע פּרנסה: געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער דיריגענט פון אַ מיליטערישן פּאָלק-אָרקעסטער פון בלאָז-אינסטרומענטן און האָט גערעדט יידיש, ווי אַ... „ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט“.

אָפּגעזעסן בין איך ביז דעם 31-טן דעצעמבער 1910. פּונקט אויף ניי-יאָר בין איך געקומען אין אַ פראָסטיקן אָוונט אַהיים צוזאַמען מיט בערלען. די איבעריקע זענען נאָך פריער אַרויס, ווייל עס איז נישט געווען קיין מינדעסטער באַווייז קעגן אונדז, אַחוץ וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען אין אַ צייט, ווען עס האָט געהערשט דאָס „געזעץ“, אַז „באָלשע אַדנאַוואָ סאָבּיראַטסיאַ ניעלזיאַ“ (מער ווי איינער טאָר זיך נישט צונויפזאַמלען).

בערל איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע אָדער קיין קיעוו. דערוווּסט האָב איך זיך, אַז קיין שום דעמאָנסטראַציעס זענען אין לאָדזש נישט געווען דעם ערשטן מאַי, אַז געשטרייקט האָט אַ מינדערהייט אין די גרויסע פאַבריקן און אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל יידישע אַרבעטער, און אַז אונדזערע בלעטלער זענען פאַרשפּרייט געוואָרן פון האַנט צו האַנט אָן פאַרלוסטן. מילא, אַז קיין פיש איז נישטאָ, איז סטינקע אויך אַ פיש.

וועגן דער טורמע גופא האָב איך ווייניק וואָס צו דערציילן. געזעסן זענען מיר אויף מילשא (הייַנט קאָפּערניק-גאַס). דאָס איז געווען אַ פּריוואַט-הויז, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה. אין די קאַמערן איז קיין שום מעבל נישט געווען. געשלאָפן זענען מיר אויף „שעניקעס“ אויף דער פאַרלאָגע: ביי טאָג פלעגן מיר זיי אַרויסטראָגן און אין אָוונט אַריינברענגען. געגעסן האָבן מיר זאַלבעפינפט פון איין גרויסער שיסל צים וואַשן זיך. די פּאָליטישע זענען באַשטאַנען דער עיקר פון אַרבעטער באַשולדיקטע אין שטרייקן און פאַבריק-טעראָר (אַרויסטרייבן אָדער שלאָגן מייסטערס אָדער שטרייק-ברעכער א. ד. גל.), געווען אַ גרויסע גרופּע קלעריקאַל-נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פון ענדעקישן חדר. אַזוי ווי אויף שפּאַציר אין מען געגאַנגען קאַמערן-ווייז, האָבן מיר ווייניק געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע קאַמערן. צווישן די „פּאָליטישע“ איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער טייל צופעליקע און אַפילו אונטערוועלט-עלעמענטן. פון אָנגעזעענע טוער געדענק איך בלויז קאָזימיערטשיק — אַ פירער פון „נאַראָדאָווי זוויאָנזעק ראָבאָטניטשי“, אַ זייער אינטעליגענטן פּויליש אָבסקוראַנט און

שאָוויניסט, דעם רעדאַקטאָר פֿון דער זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישער צייטונג
„ראָזוווי“, וואָס איז טרויעריק־באַרימט געוואָרן מיט איר אַנטי־ יידישער
באָיקאָט־אַגיטאַציע אונטערן לאָזונג: „סוואָי דאָ סוואָגאָ פּאָ סוואָיע“. איין
פּוילישן סטודענט — אַ פּפּסאָוויעץ, און צוויי סאָציאַל־דעמאָקראַטן —
אַ דייטשישן אַרבעטער פֿון שייבלערס פֿאַבריק און אַ יידישן בחור — בי־
רענצווייג, וועלכער איז מיט מיר אין איין קאַמער געזעסן.

די גרעסטע מערקווירדיקייט פֿון דער לאָדזשער טורמע איז מילשא
צו יענער צייט איז געווען... דער נאַטשאַלניק. געהייסן האָט ער מאָדזע־
לעווסקי, געווען אַ פּאָליאַק — אַ רענעגאַט, וואָס האָט קיין וואָרט פּויליש
פֿון מויל נישט געוואָלט אַרויסלאָזן, סיידן... ווען קיינער האָט נישט גע־
הערט. אַ ברוטאַלער, אָבער נישט קיין אכזר. ער האָט זיך נישט באַמיט
דאָס לעבן צו פֿאַרביטערן, אָבער... שטיל זאָל זיין און אָרדענונג זאָל זיין.
גאָר צו פֿרויען האָט ער ליב געהאַט צו רעדן ווי אַ... שיכורער פֿעלדפֿעבעל
און דערמיט פֿלעגט ער הברמעס דערפֿירן צו טרערן און היסטעריע. דאָס
מערקווירדיקסטע ביי אים איז געווען זיין... וואָג. ער איז געווען אַזאַ דיקער,
אַז אריינגייענדיק אין אַ דראָזשקע, האָט ער געמוזט מיט דער האַנט אַוועק
שטעלן זיין פּוס אין מיטן פֿון דער דראָזשקע, וואָרום טאָמער האָט ער אים
געשטעלט אויפֿן טרעפּל, פֿלעגט זיך די דראָזשקע איבערבויגן אויף זיין
זייט. דאָס איז שוין געווען אייגנטאָל אַ... „גרובאַס“, ווי מיר האָבן אים
גערופֿן! איינמאָל, ווען ער איז צופֿעליק אָנוועזנד געווען, ווען איך האָב
באַקומען אַ... „וואַלוווקע“ פֿון דער היים מיט אַ לערן־ביכל פֿון פֿראַנצויזיש,
האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ביכל און אַ פֿרעג געטאָן מיר:
„ווי וועט זיין אויף פֿראַנצויזיש...“ און דערביי געזאָגט אַ מיאוס רוסיש
וואָרט. צופֿעליק האָב איך געוווסט — האָב איך אים לאַכנדיק געענטפֿערט.
פֿרעגט ער מיך: און ווי וועט זיין... און האָ איז געקומען דער דריי־גאָרנ־
דיקער מי שברך. האָב איך נישט געוווסט. לאַכט ער גוטמוטיק מיט זיין
עקלהאַפֿטער גראָבער צורה און זאָגט: „לערנ זיך, יונגערמאַן! שפּראַכ־
קענטעניש איז ז יי ע ר נוצלעך“.

אַרויסגייענדיק פֿון דער טורמע האָב איך באַקומען אַ דיי באַגרי־
סונגס־בריוו: צווישן אַנדערע פֿון מיכאל ראשקעס (שפּעטערדיקער קאָמו־
ניסטישער טוער) פֿון ווילנע. ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט פֿאָרן אויף אַ... טע־
ריטאָריאַליסטישער קאָנפֿערענץ, וואָס דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן אין 1911 יאָר
אין ווין. ער האָט מיר מודיע געווען, אַז אַ חוץ פֿאַרטרעטער פֿון צ. ק.
(אָנגערופֿן האָט ער: דאווע (לוואָוויטש־דאַווידאָוויטש), ווילי(לאצקי־בער־

טאָלדי), יעקבֿ (יעקבֿ לעשטשינסקי) אויך פֿון „די ערטער“ מיך און בערלען. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר און מיין „צענטער“. איך האָב נישט געוואָלט פֿאָרן, ווייל איך בין געווען אַ קעגנער פֿון צוזאַמענאַרבעט מיט די בורזשואַזע טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זוכן „אויפֿן גלאָבוס — אַ טעריטאָריע פֿאַר יידן“. סוף כל סוף האָט מיך איבערצייגט דער אַרגומענט, אַז עס וועט ביי דער געלעגנהייט זיין אויך אונדזערס אַ פּאַרטיי־באַראַטונג און איך האָב מסכים געווען. אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז עס איז געווען אַ קאָנפֿערענץ אויף צו באַטראַכטן דעם פֿאָרשלאָג פֿון דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג צו... קאָלאָניזירן יידן אין איר קאָלאָניע אַנגאָלאַ. האָ בין איך שוין געוואָרן פֿול מיט רוגזה און געוואָלט פֿאָרן, קלייבנדיק זיך... אויסצובטלענען אַלע בייזע חלומות צו די... גלאָבוס־טעריטאָריאַליסטן. אויסגעלאָזן האָט זיך בכלל אַ בוידעם פֿון מיינע כוונות: קיין שום דיסקוסיע פֿון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער איז בכלל נישט געווען.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אונטערשטרייכן, אַז מיר איז שוין פֿאַרגעלייגט געוואָרן אין יאָר 1908 צו פֿאָרן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ צו הייבן די חשיבות פֿון דער יידישער שפּראַך אַלס „צווייטע נאַציאָנאַלע שפּראַך“. דעמלט האָב איך זיך איינגעעקשנט און נישט געפֿאָרן: ערשטנס: ווייל איך האָב געהאַלטן דעם גאַנצן פּלפּול אַרום דער „נאַציאָנאַלער שפּראַך“ פֿון יידן פֿאַר אַ בטלנות (פֿאַר מיר איז געווען גע־ווען, וואָס יידיש איז די שפּראַך פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן), צווייטנס, בין איך געווען אַ קעגנער פֿון דעם „שפּראַך־קאַמף“ ביי יידן בכלל. אָבער קיין מאָל בין איך פֿונדעסטוועגן געפֿאָרן.

איך נעם אָנטייל אין טעריטאָריע־זוכעניש...

אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג פון יאָר 1911 באַקום איך פון ווילנע אַ מעלדונג, איך זאָל אַרויספאָרן קיין ווין. ווי אַזוי? — דאָס זאָל שוין זיין מיין זאַך. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו — אַלץ אָן אַ פּאַס — וווּ עס האָט געאַרבעט אין אַן עקספּאָרט־פירמע מיינס אַ שול־חבר פון לאָדזש, אַ געוויסער סאָבאָל, וועלכער איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט (סדקפּל) און האָט „געהאַלטן די גרענעץ", דאָס הייסט, אַז ער האָט אויסגענוצט זיינע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען, כדי דורך דעם גרענעץ־פונקט הערבי־רוסקע און הערבי־פּרוסקע אַריבערצושמוגלען אומלעגאַלע ליטעראַטור און מענטשן אין אויפטראָג פון זיין פּאַרטיי. די אומלעגאַלע פּאַרטייען האָבן איינע די אַנדערע געהאָלפן אין דער הינזיכט. ער האָט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען און פאַרגעשטעלט מיך פאַר איינעם אַ ייד — אַ „מאַכער", וועלכער האָט זיך אונטערגענומען מיך „אַריבערצוּוואַרפן" איבער דער גרענעץ.

אויף מאָרגן אין דער פרי באַגעגן איך זיך מיט דעם ייד אויף דער סטאַנציע. מיר גייען צוזאַמען אַריין און פאָרן צוזאַמען אין איין וואַגאָן אין דער ריכטונג פון הערבי. אָפּגעפאָרן אַ פּאָר סטאַנציעס, פרעג איך אים: „נו, און דער „פּולפּאַסעק" ווו איז?" („פּולפּאַסעק" האָט געהייסן אַ ספּעציעלער דאָקומענט, וועלכער דערלויבט איינוווינער פונעם גרענעץ־געביט אַריבערגיין די גרענעץ הין און צוריק). זאָגט ער מיר: „צו וואָס דאַרפסט איר עס? איך האָב עס ביי זיך". זאָג איך: „איך וויל כאָטש וויסן, ווי איך הייס". זאָגט ער מיר, אַז ער האָט נאָך ביז איצט אַזאַ „גוידעם מענטשן" נישט געטראָפן. „נאַט אייך, אַז איר ווילט דווקא!" און ער ווייזט מיר אַ פּאַפּירל, פינצטער איז מיר אין די אויגן געוואָרן. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז איך, אַ 22־יאָריקער בחור ביז גאָר... אַן אלמנה, וואָס איז 33 יאָר אַלט. בנאמנות, איך האָב געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון צוג. ער אָבער קוועטשט מיט די פּלייצעס, לאַכט פון מיין דענערווירונג און מעגהט: „איך

פאָרט דאָך מיט מיר". דערווייל זענען מיר צוגעפאָרן צו דער סטאַציע. אַ ריזיקער זשאַנדאַר מיט אַ הדרת-פּנימדיקער „מוזשיצקער" באָרד האָט אויסגעשריגן, אַז אַלע זאָלן זייערע „פּולפּאַסקעס" אַוועקלייגן אויפן טיש. שפּעטער האָט ער דאָס צוגענומען אין אַ חדר-מיוחד, עס אָפּגעשטעמפּלט און צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש, זאָגנדיק, אַז יעדערער זאָל זיינס צונעמען. איך האָב גענומען „מיין אַלמנהס" פּאַפּירל און אַרויס. דער זשאַנדאַר האָט געעפנט דעם „שלאַגבאַום" און אין אַ מינוט אַרום בין איך שוין געווען אין דייטשלאַנד. דער ייִד, דער „מאַכער" האָט מיר געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע און מיט פאַרדרוס געזאָגט: „נו, האָט איר געדאַרפט מיר אַזוי פיל בלוט צאַפּן? א י ר פ אָ ר ט ד אָ ך מ י ט מ י ר!" — האָט ער מיר שטאָלץ אַקצענטירט.

קיין ווין בין איך געפאָרן דורך אָפּעלן (אָפּאָליע) און אָדערבערג (באָגומין). דעם גאַנצן וועג קיין ווין בין איך געפאָרן אין איין קופּע מיט... אַ שפּאַנישער צירק-אַקראָבאַטין, מיט וועלכער איך האָב גערעדט... שטום-לשון און אין אַ געוואַלדיק-צעקאַליעטשעטן „פראַנצויזיש" — זי מיט אַ שפּאַנישן אַקצענט, און איך מיט אַ ייִדיש-פּוילישן. עס איז שוין איינמאָל געווען אַ לשון, פונדעסטוועגן האָבן מיר געהאַלטן כסדר אין פּלאַפּלען. איך האָב זיך אַ ריי אינטערעסאַנטע זאַכן דערוווּסט וועגן דעם צירק-לעבן.

געקומען קיין ווין, האָט מיך אינעם פאָרויס-באַשטימטן האָטעל באַגעגנט האָווע (לוואָוויטש-ראַוויהאָוויטש) און אויף צו מאָרגנס האָט ער מיך אַוועקגעפירט אויף דער קאָנפערענץ. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן מיינע פּאַרטיי-חברים: לאַצקי-בערטאָלדי, יעקב לעשטשינסקי, משה גוטמאַן-זעליקאָוויטש, און אומבאַקאַנטן חבר „יערעמיקע" (ירמיהו רעגער, וועלכער האָט געוווינט אין דער שווייץ און געווען אַן אָנגעזעענער פּובליציסט אין דער בורזשואַזער שווייצאַרישער פּרעסע), און אויב איך האָב קיין טעות נישט — אויך יוסף לעשטשינסקי (שפּעטערדיקער בונדיסטישער טוער — כמורנער). אויף אָט דער קאָנפערענץ האָב איך זיך אויך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט בן-אדיר און בער באָראָכאָוו, וועלכע זענען געקומען נישט אַלס דעלעגאַטן, נאָר ווי געסט און באַאָבאַכטער.

דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט מיין ערשטע און איין-און-איינציקע באַגעגעניש מיט ישראל (איזראַעל) זאַנגוויל, איינעם פון די אָריגינעלסטע און אינטערעסאַנטסטע ייִדישע פערזענלעכקייטן אין אייראָפּע: אַ טאַלאַנטפולער ענגלישער שרייבער, דער מחבר פון דעמאָלט שטאַרק-פּאָפּולערן ווערק „די טרוימער פון געטאָ" און „שמעלץ-טאָפּ",

אַ פּלאַם־פּייערדיקער „געטאָ־טרוימער“ וועגן אַ לאַנד פאַר ייִדן, אָבער נישט אין פּאַלעסטינע, ווייל דאָס לאַנד איז שוין באַזעצט דורך די אַראַבער. דאָס הייסט באין אופן נישט, אַז אין זיין „טעריטאָריע־זוכעניש“ האָט ער זיך נישט אָריענטירט אויף ענגלאַנד. ער איז געווען קודם־כל אַ טרייער „אינטערטאַן פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט“.

געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן אַ „פּראָיעקט“ צו קאָלאָניזירן ייִדן אין דער פּאָרטוגאַלישער קאָלאָניע אַנגאָלאַ מיט דער פּערספּעקטיוו צו שאַפן דאָרט... אַ ייִדישע טעריטאָריע, אַ „קאָנצענטרירטע ייִדישע מערהייט“. אַלס וואָרטזאָגער פון דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג איז געווען אַ ייִד, אַ פּאָרטוגעזישער בירגער, וועלכער האָט געשטאַמט פון אָדעס, אַ טיפּישער סוחר און בעל־תקיף פון אַ קליין שטעטל, וועלכער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם גראָב־יונגישן גייסט פון מאָלדאַוואַנקע. ווי אַ שיכורער בעל־עגלה האָט ער גערעדט מיט... ישראל זאַנגווילן. יעקב לעשטשינסקי — גערעדט איך — האָט זיך שיער נישט מיט די פויסטן געוואָרפן אויף דעם פּאַס־קודניק.

אַלע זענען פון דער קאָנפערענץ אַרויס אַנטוישטע. מ'האָט גלייך אויפן אָרט דערזען, אַז דער „אַנגאָלאַ־פּלאַן“ איז אַ טויט־געבוירן קינד. מיט זאַנגווילן איז מיר אויסגעקומען צו רעדן דורך אַן איבערזעצער: ער האָט גערעדט ענגליש, איך — ייִדיש און דער איבערזעצער, אַן ענגלישער טעריטאָריאַליסט, האָט גערעדט אַ מחיהדיקן וואָלינער ייִדיש. זאַנגוויל האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם ייִדישן לעבן אין לאָדזש און בכלל אין פּוילן, ספּעציעל מיט דער ייִדישער נויט, און אַרויסגעוויזן אַ שוואַכן אינטערעס צו דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער רעוואָלוציע, באַמערקנדיק, אַז די ייִדישע יוגנט דאַרף געדענקען, אַז פאַר אירע מעשים וועט „זיי“ האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק. כדי איך זאָל זיך נישט פילן געטראָפן, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיט וואַרעמקייט וועגן דעם „גייסט פון די מכבים, וואָס לעבט נאָך אַלץ ביי דער ייִדישער יוגנט“. צווישן די דעלעגאַטן איז געווען אויך אַ בורזשואַזער טעריטאָריאַליסט, אַ פינצטערער רעאַקציאָנער, אַ געוויסער שמיין פון קאַמעניאַסלאַוו, וועלכער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף די סאָציאַליסטן בכלל און די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן בפרט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, און צווישן די שטאַרקסטע סקאַנדאַליסטן זענען געווען — הערט אַ שפּיצל פון דער באָבעניו־געשיכטע! — יעקב לעשטשינסקי און... איך.

אין די קולואַרן האָבן זיך איראָניש צוגעהערט און צוגעקוקט צו דעם

אַלעם בן=אדיר און באָראָכאָוו, לאַצקי=בערטאָלדי, דער קלוגער, גייסטרייכער עסייאיסט מיט אַן עולמות=העליונימדיקער פֿאַנטאַזיע און אַ גאַנץ קליינבירגערלעך=אָביעקטיוויסטישן קוק אויף סאָציאַליזם. יעקב לעשטשינסקי האָט געקראָגן אַ מין היסטעריע מיט טרערן, גוטמאַן=זעליקאָוויטש האָט פּרובירט מיט זיין זעלנערישער דיסציפּלין און זעלבסטבאַהערשונג, ביז עס וועט „אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס“, צו רעזאָנירן, דער ליבער דאַווע האָט אָנגעהויבן צו אַגיטירן פֿאַר שאַפֿן — אַ יידישע עמיגראַציע=געזעלשאַפֿט, כדי די סטיכישע עמיגראַציע צו... רעגולירן.

איך האָב אויף דער ערשטער באַראַטונג פֿון דער פּאַרטיי=גרופּע געשטעלט איין פֿראַגע: „וואָס טוען מיר בכלל דאָ? וואָס בינדט אונדז מיט דער חברה בורזשואַזע גלאָבוס=טעריטאָריאַליסטן?“.

מיט באָראָכאָוון האָב איך דעמלט אין אַ קאַפֿע, ביי אַ גלעזל „קאַפֿע=ציגער“ קאַווע געהאַט אַ לענגערן שמועס. פֿון דעם שמועס האָב איך אַרויסגעטראָגן פֿיל סימפּאַטיע און פּערזענלעכן דרך=ארץ פֿאַר דעם שעפֿער פֿון דער משונהדיקסטער, מיט דער גרעסטער פֿינעזיע אויסגעפּילפּולטער „טעאָריע“ מכוח דעם „סטיכישן פּראָצעס“, וועלכער וועט „אויפֿן וועג פֿון קלאַסן=קאַמף“ ברענגען די יידן קיין... ארץ=ישראל. זיין געוואַלדיקע ערודיציע האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט, גוטע אייגן האָט ער געהאַט. איך האָב אים אָפֿן געזאָגט, אַז איך בין אַ טעריטאָריאַליסט „אין פּרינציפּ“, אין דער „היסטאָרישער פּערספּעקטיוו“, נאָר נישט איך, און ווי איך זע אויך נישט אַנדערע זעען די קאָנקרעטע וועגן, וועלכע פֿירן צו זיין פֿאַרווירקלעכונג. יעדנפֿאַלס, וועל איך מיין האַנט נישט צולייגן צו וועלכע נישט איז געמיינזאַמע קאָנפֿערענצן מיט בורזשואַזע טעריטאָריאַליסטן אָדער אַנדערע בורזשואַזע „בעלי=טובות“ פֿונעם יידישן פֿאָלק. דערביי האָב איך קיין סוד נישט געמאַכט פֿון מיין איראָנישער באַציונג צו זיין „טעאָריע“. אַריבערגייענדיק צו אַנדערע פֿראַגן, בין איך איבעראַשט געוואָרן פֿון זיין טיפֿן סטודיום איבער אונדזער מאַמע=לשון — יידיש. אַ רעוועלאַציע איז געווען פֿאַר מיר, אַז דאָס יידישע וואָרט „פּיצעלע“ שטאַמט פֿון איטאַליענישן „פּיקאָלאָ“, דאַווענען — פֿונעם לאַטייניש „דעוואָרע“, זיידע פֿון סלאַווישן „דזיאַד“, ווי אַזוי די יידישע שפּראַך האָט זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט אדגל. האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן: „אפֿשר וואָלט איר זיך בעסער (אין דעם וואָרט איז באַשטאַנען מיין אומטאַקט) פֿאַרנומען מיט יידישער שפּראַך=קענטעניש?“ האָט ער מיך מיט זיין בליק אָפּגעמאַסטן און געענטפֿערט: „מע דאַרף געפֿינען צייט פֿאַר דעם און פֿאַר

דעם“. ער האָט זיך פריינדלעך געזעגנט מיט מיר, אויסדריקנדיק די האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אין רוסלאַנד. ליידער פאַר מיר איז די האָפענונג נישט מקוים געוואָרן: אין 1917 יאָר בין איך געקימען קיין קיעוו גראָד אין דעם טאָג פון בער באָראָכאָווס לוויה. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב אויף מיין לעבנס־וועג אָפט און שטאַרק געקריגט זיך מיט זיינע נאָכפאָלגער — און איך האָב באין אופן קיין חרטה נישט אויף דעם — איז ביי מיר פאַרבליבן פון דער פערזאָן פון בער באָראָכאָוו — אַ ליכטיקער אָנדענק.

איך פֿאָר קיין אַמעריקע

דאָס יאָר 1912 איז געווען אַן איבערברוך־יאָר אין די דערדריקטע שטימונגען פֿון די אַרבעטער אין דער רוסישער אימפּעריע. סוף אַפּריל, אָנהייב מאַי 1912 איז ביים ווייטן סיבירער טייך לענאַ פֿאָרגעקומען אַ שטרייק פֿון די גאָלד־גרעבער, וועלכער איז בלוטיק דערשטיקט געוואָרן. דאָס איז געווען דער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפֿילט דאָס געדולד פֿון ברייטע שיכטן פֿון רוסלענדישן אַרבעטער־קלאַס און האָט געדינט, ווי אַ סיגנאַל צו אַ נייער כוואַליע פֿון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרייקן און רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס. „די דערוואַכונג פֿונעם לייב" — האָט דאָס אונדזער אומפֿאַרגעסלעכע ראָזע לוקסעמבורג אָנגערופֿן.

אויך אין קאָנגרעס־פּוילן זענען פֿאָרגעקומען פּאָליטישע שטרייקן אין פֿאַרבינדונג מיט די לענאַ־געשעענישן: אין וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, דאַכט זיך אויך אין זאַגלעמביע. אין דעם „פּוילישן מאַנטשעסטער" אָדער אינעם „רויטן לאָדזש" זענען קיין מאַסן־אַרויסטרעטונגען נישט געווען. דעם 1 מאַי האָבן געשטרייקט בלויז די מינדערהייט קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער. עפּעס אַ צענדליק רויטע פֿענער זענען אויפֿגעהאָנגען געוואָרן אויף די דעכער און טעלעגראַף־סלופּעס. בלעטלעך זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן און... דאָס אַלץ. יידישע אַרבעטער האָבן געשטרייקט פּראָפּאָרציאָנעל אין אַ גרעסערער צאָל, אָבער דער פּאָליטישער אויסקלאַנג דערפֿון איז געווען אַ מינימאַלער. אין די אויגן פֿון אַ סך יידישע אַרבעטער האָט מען אָבער געקאָנט באַמערקן דאָס „פֿייערל" פֿון... 1905. מ'האָט אָנגעהויבן ווייניקער רעדן וועגן קולטור און מער — וועגן רעוואָלוציע. אוי, האָט דאָס עמד פֿון „בונד", „עס־עס", „פּועלי־ציון" געגאַרט אַן „אמתע", ד. ה. זיגרייכע רעוואָלוציע! דער אינטערעס צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין „רוסלאַנד" איז געוואַקסן. מיין „ספּעציאַליטעט" איז געוואָרן לייענען די „זוויעזדאַ", „פּראַוודאַ" און אַנדערע רעוואָלוציאָ=

נערע, מאַרקסיסטישע, רוסישע לעגאַלע צייטונגען פאַר יידישע אַרבעטער, אַן אונטערשייד פון פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט.

אין יענעם פעריאָד האָבן זייער אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט די פּאָליטישע אַרטיקלען פון יאָפּע אין „פריינד“, אַן אומפּאַרטייאישער בירגערלעכער צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ראָזענפעלד. יאָפּע איז דער שפּעטערדיקער גוט-באַקאַנטער אין ראַטנפאַרבאַנד און אין דער גאַנצער וועלט פילאָזאָף — דעבאָרין. די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען זענען געשריבן געוואָרן אין באָלשעוויסטישן גייסט און האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען הן ביי די בונדיסטן, הן ביי אַנדערע יידישע סאָציאַליסטן, מער ווי זייערע אייגענע פּאַרטיי-אָפּשאַצונגען.

מ'האָט אָפט דיסקוטירט: צי איז עס שוין טאַקע אַ נייער אויפשטייג פון דער רעוואָלוציע אָדער אַ פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד? גראָד אין דער צייט זענען אָראָפּגעקומען לוואָוויטש-דאַווידאָוויטש און אהרן סינגאַלאָווסקי און גענומען אַגיטירן פאַר אָרגאַניזירן אַ... יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפט. דער דיסציפּלינירטער בונד האָט אָפגעשטעלט בערל זעליקאָוויטש האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. און מ'האָט אין דער „ענגלישער סאַליע“ אויף פּאַסאַזש שולצאַ און וואָלטשאַנסקע אָרגאַניזירט אַ גרויסן מיטינג, וווּ דער פאָרזיצער איז געווען... אַ פאַבריקאַנט, שאַיע ראָזענבלאַט. און בערל האָט געדרשנט וועגן דער... „רעגולירונג פון דער עמיגראַציע“. אמת, אַנדערע חברים האָבן לכתחילה פּראָטעסטירט קעגן דעם גאַנצן איינפאַל, אָבער, אַז שאַיע ראָזענבלאַט זאָל זיין אַ פאָרזיצער אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן רופן צונויף — דאָס איז שוין געווען נישט אויסצוהאַלטן. אַ ביסל טעמפּעראַמענט האָב איך נאָך דעמלט געהאַט, האָב איך געמאַכט אין די קולואַרן אַ ווייסטן, פינצטערן סקאַנדאַל מיינע „פירער“, וועלכע האָבן די גאַנצע קאַשע פאַרקאָכט אין נאָמען פונעם „צענטער“. האָב איך פון דעם ליבן דאַווען (דאַווידאָוויטש) באַקומען אַ תשובה — טרעפט וואָס? אַז איך בין אַ... „דאָגמאַטיקער“.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז מיט אַ פייערדיקער רעדע אַרויסגעטראָטן אַ יידישער וועבער, אַ בונדיסטישער אַקטיווער אַרבעטער-טוער אפרים לאָזער זעלמאַנאָוויטש (היינט אין אַמעריקע) און האָט געמאַכט חוכא ואיטלולא. איך האָב אים דעמאָנסטראַטיוו אַפּלאָדירט. אויף דעם סמך האָב איך זיך דאָס ערשטע און איינציקע מאָל צעקריגט מיט מיין ליבסטן, בעסטן חבר צו יענער צייט — און אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן — מיט וועמען

איך האָב נאָך באַוויזן יאָרן־לאַנג מיטצואַרבעטן, און האַרציק ליב האָבן — שוין אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג — דעם פּריצייטיק־אומגעקומענעם משה גוטמאַן־זעליקאָוויטש.

ביטער איז מיר געווען אויפֿן האַרצן. אַ נייער ויתרוצו איז ביי מיר אַנטשטאַנען. אַ טעריטאָריאַליסט לויט מיינע דעמלטיקע איבערצייגונגען — בין איך געווען. אָבער וואָס מיין פּאַרטיי טוט אין דער ריכטונג, איז מיר אויף אַ האָר נישט געפֿעלן געוואָרן.

אין 1912 איז אַלס דעפּוטאַט פֿון וואַרשע אין דער צאַרישער „מלוכה־דומע" אויסגעקליבן געוואָרן דער קאַנדידאַט פֿון פּפּס־לעוויצע יאַגיעללאָ. די וואַלן האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן פּאָליטישן אויסקלאַנג צוליב די פֿאָלגנדיקע סיבות: לויט דער צאַרישער וואַל־אָרדינאַציע זענען די וואַלן נישט געווען קיין דירעקטע, ד. ה. וואַל־באַרעכטיקטע האָבן נישט דירעקט געשטימט פֿאַר דעם אָדער יענעם קאַנדידאַט אין דער „דומע", נאָר צעטיילט אויף „קוריעס" האָבן זיי געקליבן „וואַל־מענער", וועלכע האָבן צווישן זיך אויסגעקליבן דעם דעפּוטאַט. אין דער „אַרבעטער־קוריע" האָט די מערהייט געשטימט פֿאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט די לעוויצע־פּפּס מיט דער אונטערשטיצונג פֿונעם „בונד" אַרויסגערוקט איר אייגענעם קאַנדידאַט יאַגיעללאָ. די פּוילישע בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן זיך געאייניקט אויף דער קאַנדידאַטור פֿונעם „פּאָסטעמפּאָוויעץ" קוכאַזשעווסקי. די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן נישט געהאַט קיין שאַנסן אַרורכצופֿירן זייער קאַנדידאַט.

לכתחילה האָבן זיי באַשלאָסן אונטערצושטיצן די קאַנדידאַטור פֿון קוכאַזשעווסקין, אָבער ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין וואַל־פּלאַטפֿאָרם האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס פֿעלט דאָרט די פֿאָדערונג פֿון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פֿאַר יידן. ווען יידישע כלל־טוער האָבן אים דערויף אויפֿמערקזאַם געמאַכט, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט די דאָזיקע פֿאָדערונג אַריינצושטעלן. עס איז דעריבער פֿאַר די יידישע וואַל־מענער, אָן אונטערשייד פֿון פּאָליטישע איבערצייגונגען: אַסימילאַטאָרן, ציוניסטן, רעליגיעזע אָדער פֿריידענקער קיין אַנדער ברירה נישט געבליבן, ווי צו שטימען פֿאַרן סאָציאַליסט יאַגיעללאָ. און כך הוה: מיט די שטימען פֿון די יידישע בירגערלעכע וואַל־מענער איז אַדורך אין „דומע" אַלס דעפּוטאַט פֿון וואַרשע יאַגיעללאָ קעגן די שטימען פֿון די פּוילישע בירגערלעכע וואַל־מענער פֿון פֿאַרשידענע ריכטונגען, ביי דער אומצופֿרידנקייט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט דער טאַקטיק פֿון דער לינקער פּפּס, וועל־

בע האָט איר קאַנדידאַט אַרויסגעשטעלט קעגן דער מערהייט שטימען אין דער „אַרבעטער־קוריע“.

די וואַלן האָבן פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען הן אין דער פּוילישער, הן אין דער יידישער געזעלשאַפט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַנטיסעמיטישע העץ־אַרטיקלען אין דער פּוילישער פּרעסע מיט קאַריקאַטורן פון יאַגיעללאָ... אין באָרד און פּאות. אין לאָדזש האָבן יידן אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַרן יידישן קאַנדידאַט — ד״ר באָמאַש, וועלכער איז טאַקע אַדורך. אַזוי ווי אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דער „דומע“ איז דעמאלט פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, האָט זיך יאַגיעללאָ אָנגעשלאָסן אין דער מענשעוויסטישער פראַקציע, וואָס עס האָט אויף אַ ריי יאָרן פאַרשאַרפט די באַציונגען צווישן סדקפּל און דער פּפּס־לעוויצע.

איך פערזענלעך האָב זיך צו יענער צייט שטאַרק קריטיש באַצויגן הן צו דער אַרויסשטעלונג דורך דער פּפּס־לעוויצע יאַגיעללאָס קאַנדידאַטור בשעת די אַרבעטער האָבן אין דער מערהייט געשטימט פאַר אַן עס־דעק, הן צו דער אונטערשטיצונג און אַפּיטראָפּסות איבער יאַגיעללאָן מצד דעם „בונד“. איך בין געווען מלא רציחה אויף דער דאָזיקער שפּיל. די בונדיסטישע פירער האָבן עס פאַרטיידיקט. אין דער פראַגע האָב איך אָפּאָנירט אין לאָדזש דעם בונדיסטישן רעדנער — ליטוואַקן, ווען די בונדיסטישע מאַסן האָבן נישט געקוקט אויף זיין גרויסער פּאָפּולערקייט זייער קאַלט אויפגענומען. „מיין“ לאָדזשער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין דער פראַגע צעטיילט. יעליקאָוויטש איז אין דעם פאַל געשטאַנען אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, וואָס איך.

די אַנטיסעמיטישע העצע אין פּוילן איז געוואַקסן. דער פאַקט, וואָס אַ „פּראָגרעסיווער“ פּוילישער קאַנדידאַט — קוכאַזשעווסקי האָט זיך נישט געוואָלט פאַרפליכטן צו שטימען פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע ביי יידן. אין לאָדזש האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דעם, וואָס צו דער דומע איז אויסגעקליבן געוואָרן מיין אַלטער פריינד, וועלכער איז בייגעווען ביי די ערשטע מינוטן פון מיין לעבן ד״ר באָמאַש, וועלכער איז אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער היסטעריע פון „ראַטעווען דעם יידישן כבוד“. פון פּעטערבורג זענען ספּעציעל געקומען סליאָזבערג און ווינאַווער איבערצייגן אים, אַז ער זאָל אָננעמען די קאַנדידאַטור. און מיין טאַטע האָט אויך גע־

שטימט פֿאַר ד״ר באָמאַש און נישט פֿאַר דעם ס.ד.-קאַנדידאַט רובינשטיין-מאַלעצקי, פֿאַר וועמען איך האָב אַגיטירט.

גלייך נאָך די וואַלן מאַכט זיך אַזאַ מין מעשה. איך באַגלייט אַ באַקאַנטע פֿריילין פֿון טעאַטער אַהיים, קער זיך אום אַהיים אַן ערך 12 ביינאַכט און טרעף מיין טאַטן אויף ראָג זאַוואַדזקע און ווילטשאַנסקע, שפּאַצירנדיק הין און צוריק. מיך דערזען — זאָגט ער מיר, איך זאָל אַהיים נישט גיין, וואָרום פּאָליציי וואַרט אויף מיר: אים האָט דאָס דער „סטרוזש" געזאָגט. ער רוקט מיר אַריין 35 רובל און זאָגט, איך זאָל פֿאָרן קיין פּיעטריקאָוו צו זיינעם אַ באַקאַנטן.

בקיצור, פֿון פּיעטריקאָוו בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין... אַמעריקע. די קרובים האָבן, כּדי פּטור צו ווערן פֿון אַזאַ „תּכשיט", ווי איך, פֿון וועמען זיי האָבן בזיונות, צונויפֿגעזאַמלט די נייטיקע סומע. דורך ד״ר באָמאַש, וועלכער האָט זיך דעמלט עוסק געווען אין „רעגולירן די יידישע עמיגראַציע" דורך דעם פּאָרט גאַלוועסטאָן (וואָס פֿאַר אַ בלאָף דאָס איז געווען וועלן מיר ווייטער רעדן) האָבן זיי מיר איינגעאָרדנט די נסיעה אַזש קיין גאַלוועסטאָן „ביי די גרענעצן פֿון מעקסיקע" אין... חסל סידור אייראָפּע.

איך פֿאָר קיין אַמעריקע צום „אָנקל סעם". און ווידעראַמאָל דאָס אַלטע לידל: „וואָס גרייט מיר דער קומענדיקער טאָג?".

די הכנות צו פֿאָרן קיין אַמעריקע האָבן נישט לאַנג געדויערט. איין איינציקן דאָקומענט האָב איך געהאַט: דעם „בלויען בילעט", ד. ה. אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין באַפֿרייט אין שלום-צייטן פֿון מיליטער-דינסט (צוליב מיין קורצזיכטיקייט). דאָס איבעריקע האָט שוין דער „מאַכער" געמאַכט: מיינער אַ פֿעטער איז געקומען באַשטעטיקן, אַז איך בין איך און אונטערגעשריבן נאָטאַריעל, ווו און ווען איך בין געבוירן געוואָרן. דאָס זעלבע האָט געטאָן נאָך איינער, אַן אומבאַקאַנטער ייד. דעם פּאַספּאָרט האָב איך אין צוויי טעג באַקומען. איך בין געווען איבערראַשט פֿון דער „פּראָצעדור" פֿון „געבן אין יד אַריין": גאָר פּשוט — די „באַשייניקונגען" אין איין קאָנווערט, און דריי באַנקנאָטן אין אַ צווייטן, וועלכע דער באַאַמטער האָט רויִק אַרויסגענומען... און אַריינגעלייגט אין קעשענע. איך בין געווען „שטאָלץ": אַ אויסלענדישער פּאַספּאָרט אויף אייגענעם נאָמען, און „מיין" גובערניע (לאָדזש איז דעמלט געווען פּיעטריקאָווער גובערניע). אין דער צייט, ווען די פּאָליציי האָט זיך מיט מיר אין לאָדזש „אינטערעסירט"! וואָס פֿאַר אַ כּוח שטעקט אין אַ „וויזאַטקע"!

אין וואַרשע האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע עלטערן און דעם יינ-

גערן ברודערל, וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען אין 1923 יאָר, אַראָפּגלימשנדיק זיך פֿון אַ פּענצטער אויפֿן צווייטן שטאָק. אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך, באַלאָדן מיט גאַשוואַרג און „כל טוב“, געלאָזט זיך מיט דער באַן צו דער גרענעץ: וויערזשבלאָוואָ-עירטקונען. אין קעשענע האָב איך שוין געהאַט אַ ווענדונג צום „נאָרד-דויטשן ללאָיד“ אין ברעמען אַרויסצוגעבן מיר אַ שיפֿס-קאַרטע קיין גאַלוועסטאָן מיט אַ האַרציק צעטל אין רוסיש פֿון דעם ליבן „כמעט טאַטע“ — ד"ר באָמאַש מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער: „נעם זיך נישט צום האַרצן, זונעלע“ („ניע טוזשי, סינאָק“). אויך אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אַן אַרבעטער-קלאַס... אָבער עס איז אַ... „פֿריי לאַנד“ און אויף יידיש: „זיי געזונט און שרייב „אָפּקריטקעס“.

אַן ערך אַ האַלבע שעה נאָך דעם פֿאָרן אויף דער דייטשישער טעריטאָריע האָב איך געמוזט איבערשטייגן אין אַ צווייטן צוג און צו מיין איבעראַשונג טרעף איך דאָרט אַ באַקאַנטן: יולעק גאָלדע פֿון פּלאָצק, אַ סאָציאַליסט-טעריטאָריאַליסט, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פֿונעם שול-שטרייק אין 1905 יאָר, אַ גליד פֿון אַ שטאַרק-אַסימילירטער יידישער משפּחה, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי רעוואָלוציאָנערן, צווישן אַנדערע — די קאָמוניסטישע טוערין אסתר גאָלדע-סטראָזשעצקאַ. ער האָט דעמאָלט שטודירט אין דייטשלאַנד (נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געפֿאָרן קיין רוסלאַנד, געוואָרן אַ קאָמוניסט און אַן אָנגעזעענער שטאַרק-געאַכטער אַגראָנאָם). אַ קורצע צייט זענען מיר צוזאַמען געפֿאָרן, ווייל ער האָט געדאַרפֿט אויסשטייגן. ער האָט מיך געפֿרעגט צי ווייס איך, אַז בראָניסלאַוו גראָסער — אַ בונדיסט, אויך פֿון אַ שטאַרק-אַסימילירטער משפּחה — איז אין פּעטערבורג, כדי אָנצופֿירן מיט דעם דעפּוטאַט יאַגיעללאָס טעטיקייט אין דער דומע. איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט. איך האָב אָבער דעם איינדרוק, אַז „עפּעס“ האָט אין די קלאַנגען געשמעקט.

געקומען קיין ברעמען אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס, איז אַ יידישן פּענסיאָנאַט פֿון אַ געוויסן לעווי, האָב איך שוין געטראָפֿן עטלעכע צענדליק „גאַלוועסטאָנער“ עמיגראַנטן, צווישן זיי צוויי מיינע „פּאַרטיי-חברים“: אַ געוויסן ליטוואַק פֿון זשיטאָמיר און איינעם אַ „געלן נח“ פֿון לאָמזשע אָדער אָסטראָוויעץ. דער גאַנצער ענין „גאַלוועסטאָן“ איז געווען אַ משונהדיקער איינפֿאַל. די יידישע פּלוטאָקראַטיע פֿון אַמעריקע איז געווען אומצופֿרידן פֿון דעם צו גרויסן שטראָם יידישע עמיגראַנטן אין די גרויסע שטעט: ניו-יאָרק, פֿילאַדעלפֿיאַ, טשיקאַגאָ. האָבן זיי געוואָלט, אַז דער

שטראָם זאָל זיך צעגיסן איבער גאַנץ אַמעריקע, האָפנדיק, אַז אויב די עמיגראַציע וועט „רעגולירט“ ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן קומען אין אַ פּאָרט העט־העט ווייט אויף דרום, האַרט ביי די גרענעצן פון דעם ווייטן מעקסיקע, וועלן זיי זיך צ ע ש פּ ר יי ט ן איבער די דרומדיקע און מערבדיקע שטאַטן. דערויף האָבן די יידישע פלוטאָקראַטן פון אַמעריקע און אייראָפּע געגעבן געלט. די טעריטאָריאַליסטן ווידער האָבן געהאָפט, אַז אויב זיי וועלן קומען אַזוי ווייט, וועלן זיי גיין אויף אַרבעט אין פערמעס. ערד איז דעמלט אין אַמעריקע געווען איבערגענוג און אין די דרום־מערבדיקע שטאַטן האָט מען געקאָנט קריגן אַ „האָמסטעד“ בחצי־חינם, אויב מ'וויל זיך נאָר פאַרנעמען מיט פאַרמעריי — און זיי וועלן זיך קאָנצענטרירן אין אַ... „יידישן ישוב“. אויסגעלאָזן האָט זיך דערפון אַ בוידעם. דורך גאַלוועסטאָן זענען יידן מאַסנווייז געפאָרן אויף צפון און מזרח, באַזעצט זיך אין די גרויסע צענטערן און באַשעפטיקט זיך מיט די „יידישע פרנסות“: שניידעריי, לעדער־בראַנזשע, פוטערוואַרג, פעדלעריי א. א.

נאָך אַ פּאָר וואָכן וואַרטן האָט מען אונדז איינגעלאָדן אויף אַ שיף און... מיר פאָרן קיין אַמעריקע. די שיף איז געווען אַ קליינע, אַן אָרעמע, מיט איין קלאַס און „צווישנדעק“, ווו די עמיגראַנטן זענען איינע די אַנדערע אויף די קעפּ געלעגן. די נסיעה האָט געדויערט גאַנצע 23 טעג. יונג בין איך געווען. דעם ים האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געזען. ער האָט מיך באַצויבערט מיט זיין מאַכט און פּראַכט. שעהן־לאַנג פלעג איך זיצן ביי דער „נאָז“ פון דער שיף און מיט הנאה „געהוידעט“ זיך קוקנדיק אויף די כוואַליעס. איך האָב „געזוברעוועט“ ענגלישע פראַזן פון אַ ספּעציעלן לערן־בוך. צייט אויף „חשבון הנפש“ האָב איך אויך געהאַט. אַ ביסל יידישע צרות פון פאַרשידענע טיילן פון דער צאַרישער אימפּעריע האָב איך זיך אָנגעהערט. איך האָב מיך איבערצייגט, אַז איך בין נישט שטאַרק פילבאַר אויף דער ים־קראַנקהייט, און דאָס האָט מיר הנאה געטאָן. צווישן די „קלאַס־פּאַסאַזשירן“ איז געווען אַ גרויסע גרופּע פון אונגאַרן, מיט וועלכע איך האָב געקאָנט רעדן דייטש. די אַמעריקאַנער פּאַסאַזשירן זענען געווען דער עיקר רייכע פאַרמערס, „בעל־גופים“ מיט הדיוטישע פּנימער. עס זענען געפאָרן צוויי רוסישע מאַטראָסן־דעזערטירן צו זייערע קרובים אין שטאַט מיסורי. האָט הויך געהילכט זייער „ווניז פאַ מאַטושקע, פאַ וואָלגיע“ און אַנדערע „ברייט־גאַמדיקע“ לידער. מיר זענען אויך נישט אָפּגעשטאַנען מיט אונדזערע יידישע פאָלקס־לידער, וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען. און אַזוי זענען די 23 טעג פאַריבער. איין אומאַנ־

גענעמלעכקייט האָב איך בלויז געהאַט: פֿאַרבײַפֿאָרנדיק פֿלאָרידאַ האָט מען
געוואָרנט, אַז אין פֿאַרלויף פֿון זעקס שעה זאָל מען אויסמײַדן צו שטיין
אויף דער זון און אַלע „רעקן" זענען פֿאַרהאַנגען געוואָרן מיט דיקע,
לײַוונטענע „חופּות". זעענדיק, אַז עס בלאָזט אַ געשמאַק קילנדיק ווינטל,
האָב איך זיך צו דער וואָרענונג נישט צוגעפּאַסט, געשטאַנען בײַם ראַנד
פֿון דער שיף און אַרײַנגעקוקט אין דעם העל־גרין־ברײַנעם אָקעאַן. קימענ־
דיק אויף מיטאָג פֿיל איך, אַז דאָס גאַנצע פּנים פֿלאַמט מיר און מענטשן
פֿרעגן מיך: „וואָס איסט לאָז?" איך ריר אָן בײַם פּנים... קריכט אַראָפּ
די הויט. פּאַס־ווײַז האָב איך כמעט מײַן גאַנצע הויט פֿון פּנים אַראָפּגע־
ריסן. דרײַ טעג בין איך געגאַנגען אין „געברענטע" יסורים מיט אַ באַנ־
דאַזשירט גלאַנציק פּנים. און איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז מע דאַרף
פֿאָלגן „וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט, וואָס אַלע גוטע
פֿרומע לײַט הייסן" און, דער עיקר, וואָס דער קאַפּיטאַן הייסט.

ווען די שיף האָט „געלאַנדעט" אין גאַלוועסטאָן איז מײַן פּנים, וואָס
האָט אויסגעזען, ווי די שעפּעלעך פֿון חומש: „עקודים, נקודים..." געוואָרן
פֿאַרדעכטיק פֿאַר דעם דאָקטער פֿון עמיגראַציע־אַמט. ווער ווייסט? —
אפֿשר האָב איך אַ הויט־קראַנקהייט? און ער האָט מיך פֿאַרהאַלטן. אַלע
זענען אַראָפּ, און איך בין געבליבן אויף דער שיף. ערשט אויף מאָרגן
האָט מען מיך גרינטלעך אויסגעפּאָרשט און אַראָפּגעלאָזן. מײַנע פֿיס האָבן
באַטראָטן די ערד פֿונעם „ראָמאַנטישן" טעקסאַס, דעם גרעסטן ש ט אַ ט
אין די פֿאַראייניקטע ש ט אַ ט ן פֿון אַמעריקע, די גרויסע בייוול־אימ־
פּעריע, דורכגעווייקט מיטן שווייס און בלוט פֿון נעגערישע, בלויז פֿאָרמעל
„פֿרייע", אָבער פּאַקטישע שקלאַפֿן.

זייער גאַסטפֿרײַנדלעך האָט אונדז מקבל־פּנים געווען אַ געוויסער
סימפּאַטישער „רעפֿאָרם־ראַבאַי", וועלכער האָט צו אונדז גערעדט דײַטש.
ער האָט אונדז געגעבן אַ לעקציע פֿון אַמעריקאַנער „פֿרײַהייט". אַן אַמע־
ריקאַנער ייִדיש מיידל האָט פֿאַר אונדז אָפּגעשפּילט אויף אַ קלאַוויר איינעם
פֿון די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע הימנען, וועלכע דער „ראַבאַי" האָט אונדז
איבערגעזעצט אויף דײַטש.

אַ גרויסן אײַנדרוק האָט דעמלט געמאַכט אויף מיר הן די מעלאָדיע,
הן די ווערטער פֿונעם דאָזיקן הימן. אָנשטאָט דעם עקלהאַפֿטן — לויטן
אינהאַלט — „באָזשע צאַריאַ כראַני" האָב איך געהערט אַנדערע טענער.
„אָט איז מײַן לאַנד, וועגן דיר זינג איך! דאָס לאַנד, וווּ מײַנע אבֿות

זענען געשטאָרבן, דער שטאָלץ פון די עולה-רגלים (פּילגרימען), זאָל פון יעדן באַרג די פרייהייט הילכן".

שיין? נישט אמת? אַ ליב-געזאַנג דער פרייהייט! אָבער שוין דעם קומענדיקן טאָג האָב איך דערפילט די אַמעריקאַנער „פרייהייט". איך בין אַריין אין אַ נעגערישן שענק טרינקען אַ גלאָז ביר. האָט מען מיר געגעבן, גענומען די פינף סענט און עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט. איך לייען פון מיין „זעלבסט-לערן-ביכל" אַרויס אַ פראַגע צו איינעם פון זיי. כאַפּט ער אַ קיק אין ביכל, מיט אַ שמייכל און... ענטפערט נישט. גייט צו מיר צו אַ יונגער נעגער — אַ גלח און זאָגט מיר אויף דייטש: „דאָ טאָרט איר נישט זיין, עס איז פאַר שוואַרצע. עס וואָלט בעסער געווען ווען איר גייט אַרויס, אַז נישט קאָנט איר א ו נ ד ז גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן מאַכן". גיי איך אַרויס. פרעג איך אין אָוונט אונדזער „ראַבאַי": היתכן? האַלט ער מיר אַ גאַנצע לעקציע, וועלכע איך האָב נישט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף. גיב איך אים אַ ציטיר דעם פּסוק: „איין געזעץ פאַר אייך און דעם פרעמדן, וואָס וווינט צווישן אייך". זאָגט ער מיר: „אידעאַל איז איינס און די ווירקלעכקייט איז אַן אַנדערע".

מ'האָט מיט אונדז געמאַכט אַן אויספלוג איבער דער שטאָט. מערקווירדיקע שיינע ווילעס מיט בלומען-גערטנדלעך, שיינע טעמפּלען. אָבער ווען מיר האָבן געבעטן צו פירן אונדז אין דעם נעגערישן קוואַרטאַל, האָט מען פשוט אָפּגעזאָגט. און ווען מיט אַ וואָך שפּעטער בין איך געפאָרן פון דעם ווייטן דרום אויפן ווייטן צפון, אַזש קיין סעינט-פּאָל, אינעם צפונדיקסטן שטאָט פון די שטאַטן, פון דער געגנט, ווו קאַקטוסן וואַקסן, אין אַ געביט פון עכט-סיבירער פרעסט ווינטער-צייט, ביים וואַסערפאַל „דאָס לאַכנדיקע וואַסער" — מינעהאהא, וועלכן דער אַמעריקאַנער פּאָעט לאָנגפעלאָו האָט אַזוי פרעכטיק באַזונגען אין זיין „הייאַוואַטאַ" — בין איך געפאָרן אין אַ צוג מיט ספּעציעלע וואַגאָנען „נאָר פאַר קאָלירטע".

פון סעינט-פאָול קיין דעטראָיט — פאָלג מיך אַ גאַנג

די שטאָט סעינט-פאָול („הייליקער פאַוועל"), וווּ דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן, ליגט אינעם צפון-שטאַט מינעסאָטאַ אין דירעקטער שכנות מיט דער שטאָט מינעאַפּאָליס און ווערן צוזאַמען אָנגערופן „צווילינג-שטעט" („טווין סיטיס"). אויפן וואָקזאַל איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט מיך אויף אַ צעבראָכענעם אַמעריקאַנער יידיש געפרעגט צי בין איך... אַזוינער און אַזוינער. באַקומענדיק אַ באַשטעטיקנדיקע תשובה האָט ער מיך אַוועקגעפירט העט ווייט אין אַן אָרעמער דירה פון אַ יידישן פעדלער, וווּ איך האָב געטראָפן אַ גאַנצע אכסניה: אפשר אויף אַ צענדליק בעטלעך זענען געלעגן און געכראָפעט ניי-געקומענע עמיגראַנטן. איך האָב איבערגעביסן, אַוועקגעלייגט זיך אויף אַ קאַנאַפּע מיט אַ שווייסיקער יידישער פערענע, וועלכע האָט שוין מסתמא „איבערגעלעבט" אַ ריי דורות, און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן...

אויף מאָרגן קומט צו מיר אַריין אַ הויכער ייד, שטעקט מיר אָפּ אַ שלום-עליכם, איז מיך מכבד מיט אַ ציגאַר — דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן — וועלכן איך האָב מעשה-העלד פאַרהויכערט. נאָך אַ דריי צי האָב איך זיך פאַרהוסט און אַוועקגעוואָרפן די כשרע מציאה, טראַכטנדיק: „פון וואָס גבירים קאָנען הנאה האָבן". ער האָט מיך אַוועקגעפירט ווייט-ווייט, אין אַ שיין, גרויס הויז, אין אַן „אָפיס" (קאַנטאָר) פון אַ געוויסן דאָקטאָר, וווּ מ'האָט מיך און נאָך איינעם אויפגענומען בכבוד גדול און אפילו מיט... „וויסקי". דער דאָקטאָר, אַ יידישער כלל-טוער פון סט. פאָול האָט מיר דעם גאַנצן טאָג געוואָרמעט, פירנדיק מיט זיין „מאַשין" איבער ביידע „צווילינג-שטעט". ער האָט אין זיין פריינדלעכקייט שוין דעם ערשטן טאָג מיך אַוועקגעפירט אין דער קאַפּיטאָליע, וווּ עס איז גראָד פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער שטאָט-לעגיסלאַטור (פאַרלאַמענט פונעם שטאַט מינעסאָטאַ), וווּ איך בין אָפּגעזעסן אַ האַלבע שעה, קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען וואָס מ'רעדט, און בכלל איז עס מיר נישט גע-

פעלן: יונגאַטשעס זיצן און העמדער מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, האַלטן אָפּט די פיס אויף די פולפיטן, לייענען צייטונגען און פון דער טריבונע רעדט מען. גיב איך אַ פרעג דעם דאָקטאָר — זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן — וועלכער האָט מיט מיר די גאַנצע צייט אינעם אויטאָמאָביל איינגעקנעלט די סדרה פון אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם און פרייהייט: „וויפל אַרבעטער זענען פאַראַן אין דער „לעדזשיסלייטשור“? ענטפערט ער: „אַז ער קען נישט אַזעלכן“. פרעג איך בתמימות: „צי זענען אין מינעסאָטאַ פאַראַן אַזוי ווייניק אַרבעטער, אַז זיי קאָנען קיינעם נישט אויסקלייבן אין זייער פאַרלאַמענט“. זאָגט ער: „אַז אַרבעטער קלייבן אויס „לאָיערס“ (אַדוואָקאַטן!) אָדער אַנדערע געבילדעטע מענטשן, וועלכע קענען זיך אויף „פּאָליטיקס“ (פּאָליטיק).

צוריקפאָרנדיק האָט דער סימפּאַטישער דאָקטאָר מיך אָפּגעפירט צו זיך אַהיים, וווּ זיין חנוודיקע פרוי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גוטן מיטאָג, דערנאָך אַריין אין זיין קאַבינעט און זיך מישב געווען, צו וואָס איך זאָל זיך נעמען. איך האָב אים דערקלערט, אַז צוליב דעם וואָס איך קען נישט די שפּראַך און האָב נישט קיין פאַך, פאַרשטיי איך, אַז איך מוז גיין אויף פיזישער פּראָסטער אַרבעט, נאָר איך בעט אים, אַז ווי ווייט מעגלעך זאָל די אַרבעט זיין נישט קיין צו שווערע און נישט קיין שמוציקע. ער האָט זיך זייער פריינדלעך געזעגנט מיט מיר, געהייסן רואיק וואַרטן עטלעכע טעג, און ער וועט זען, וואָס ער קאָן טאָן. דערווייל קאָן איך וווינען און עסן דאָרט, וווּ איך בין, זיי וועלן באַצאָלן.

פאַר די פיר טעג, וואָס איך האָב געוואַרט אויף דער תשובה, האָב איך זיך אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן דערוווּסט, ווי למשל, אַז מען האָט פּראָבירט יידישע עמיגראַנטן שיקן אויף אַרבעט אויף פעלצער, ווו עס זענען געווען סכסוכים צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, און אַז עטלעכע זענען הורך די אַרבעטער בלוטיק צעשלאָגן געוואָרן, נישט ווייסנדיק וועגן וואָס עס גייט און נישט פאַרשטייענדיק, וואָס מ'רעדט צו זיי. דערוווּסט האָב איך זיך דעם טייטש פון די ווערטער „סקעב“ — שטרייקברעכער, און פאַרשידענע זידל־ווערטער, מיט וועלכע מ'האָט באַשאָטן די ערלעכע אַרבעטער. איינער פון זיי, אַ בונדיסט פון סמאָרגאָן, האָט אַזש געוויינט, זיי האָבן, נעביעך, נישט געוווּסט, אַז מ'שיקט זיי אויף שטרייקברעכערישע אַרבעט. און אַז איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זיי האָט אויף דער אַרבעט געשיקט דער זעלבער הויכער יונגאַטש, וואָס האָט מיך מכבד געווען מיטן ציגאַר, האָב איך אָנגעשריבן אַ צאָרנדיק בריוול צו דעם באמת

סימפּאַטישן דאָקטער אויף דייטש און האָב פאַרענדיקט, אַז אויב ער וועט ווייטער אַזעלכע שטיק פּראַווען, „האַן האַקע איך אים אין די פּרעססע", ד. ה. איך צעטראַסקע אים די צורה.

געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז דער דאָקטער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש און מער וועט זיך אַזוינס נישט איבערחזרן, אַז ער אַליין איז פאַר... „לייבאָר", ד. ה. די אַרבעטנדיקע, און איך קאָן זיין רואיק. צו מיר איז געקומען שוין אַן אַנדערער, אַ ייד פון קרעמעניעץ, וואָס האָט גערעדט מאַמע-לשון, אַז עס איז געווען אַ מחיה צו הערן, און האָט מיך אַוועקגעפירט ערגעץ אויף עק שטאָט אין אַ גרויסן טאַרטאַק. איך האָב זיך געשטעלט אַרבעטן מיט אַ געוועזענעם וואַלד-העקער פון פינלאַנד, וועלכער האָט גערעדט אַ ביסל רוסיש און אַ ביסל דייטש. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָפּנעמען פון דער זעג-מאַשין צעשניטענע אין דער לענג ברעטער. אַ ריינע אַרבעט איז דאָס געווען, און די ערשטע האַלבע שעה האָט זיך געדוכט, אַז אפילו אַ גאַנץ אָנגענעמע. אָבער שפּעטער... האָב איך נישט באַוויזן נאָכצויאָגן די מאַשין. ארום מיר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער באַרג ברעטער, וועלכע איך האָב נישט באַוויזן אַוועקצולייגן אויפן אָרט. אַ באַגאָסענער מיט שווייס, מיט צעווייטיקטע אָרעמס, האָב איך „זיך געיאָגט" נאָך די ברעטער, נישט הערנדיק צוליב דעם געוואַלדיקן גערויש פון די זעגן, וואָס מיין חבר שרייט צו מיר. און ווען ער איז אַוועק אויף דער מיטאָג-פּויזע, האָב איך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איינלייגן די ברעטער מיינע.

איך האָב אַזוי אויסגעהאַלטן 18 טעג. (חי-געלעבט!), די נעכט פלעג איך פאַרברענגען אין פיזישע יסורים. ביי יעדן ריר מיט דעם צודעק — האָב איך געפילט, אַז איך... שלעפּ ברעטער: די אָרעמס, דער קאַרק, די פיס, די דלאָניעס האָבן כסדר וויי געטאָן. ביים עסן האָט זיך דער לעפל ביי מיר געטרייסלט אין דער האַנט. אָבער איך בין געווען אַן עקשן: וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז די פירמע איז געקומען צום באַשלוס — בנאמנות — אַ גערעכטן! — אַז איך בין נישט גענוג „פּראָדוקטיוו" פאַר זיי, און מיין גוטער פינישער חבר איז אויך נישט איבעריק צופרידן געווען פון אַזאַ פאַרטנער, ווי איך. בקיצור, מ'האָט מיך אָפּגעזאָגט. אָבער אַזוי ווי איך האָב שוין אַרבעט איינמאָל באַקומען, האָב איך שוין געמוזט זוכן אַ נייע אַרבעט, שוין ווי איינער פון טויזנטער אַנדערע אַמעריקאַנער אַרבעטלאָזע.

אין מיין זכרון איז מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַרבליבן אַ

האַרציקע יידישע אַרבעטער־משפּחה ראַפּאַפּאָרט. אַן אַלטער הדרת־פּנימדיקער טאַטע, אַ ליבע מאַמע — און קינדער — גאָלד־אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע ספּעציאַליטעטן, מיט וועמען איך האָב זיך אויף אַ ריי יאָרן באַפֿריינדעט, און זיי האָבן אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ גליד פֿון זייער אייגענער משפּחה. ראַפּאַפּאָרט דער זון איז געווען אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט. ער האָט מיך צונויפֿגעפֿירט מיט אַנדערע חברים, אַן ערך אַ צענדליק. געווען איז דאָס אַ שטוב, וווּ איך האָב זיך געפֿילט, ווי אין דער היים, אין לאָדזש, בריסק אָדער טשענסטאָכאָוו. זיי האָבן מיר געהאָלפֿן קריגן אַרבעט אין אַ פֿאַרבערײַ. דאָרט האָב איך בלויז 7 טעג אויסגעהאַלטן. איין מאָל, אַרויסגייענדיק פֿון מײַן פֿליער, מיט עיפּושדיקן בייסיקן דאַמף קאַמער — האָב איך... געחלשט. דער באַלעבאָס האָט מיך אָפּגעמינטערט, באַצאָלט און... געשיקט אַהיים, טענהדיק, אַז, לײַדער, האָט ער איצט קיין אַנדער אַרבעט נישט.

בין איך געזעסן בײַ די ליבע ראַפּאַפּאָרטס. אין די אָוונטן פֿלעג איך האַלטן פֿאַרלעזונגען וועגן יידישער ליטעראַטור, דער עיקר וועגן י. ל. פּרץ, שלום אַש, שלום־עליכם, אנוכי... די פֿאַרלעזונגען זענען די עטלעכע צענדליק צוהערער געפֿעלן (מיר נישט!) אָבער... צו פּרנסה האָט דאָס נישט געהאַט קיין שייכות, אַחוץ דעם האָב איך אינגאַנצן נישט געפֿילט, אַז איך בין אין אַמעריקע, און אַז איך בין איבערהויפּט... עפּעס. אַרום האָט זיך געהערט בלויז אַ גוטער אָדער צעבראָכענער יידיש. אינעם צענטער־שטאָט בין איך זעלטן געגאַנגען. אַפֿילו איבן זיך אין מײַן ענגליש־לערנען האָב איך נישט געהאַט מיט וועמען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וווין אין קראָמשיקראַק, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין... אַמעריקע אין וווּ אַ קאַרטאָפֿל — הייסט „פּאָטייטאָ“, אַ פֿענצטער — „ווינדאָ“, אַ שנײַדער — „אָפּערייטאָר“, „פֿינישער“, אָדער „קלאָקמייקער“ און זאָגן: „דאָס איז יענץ“ טאָר מען נישט, ווײַל עס איז אַ... „מיאוס וואָרט“. דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג פֿון די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט, איז געווען אַ גענויע קאָפּיע דערפֿון, וואָס איך האָב אין די זעלבע קרייזן געהערט אין רוסלאַנד און אין פּוילן, מער נישט — שענער געקליידעט און מער... פֿאַרהאָרעוועט. און דער דלות איז דאָ אויך אַרומגעגאַנגען, נאָר אַנדעריש געשלייערט: בעסערע וווינונגס־באַדינגונגען, אויף דער גאַס — עלעגאַנטער און „פֿאַר נויט עסט מען ווייס ברויט“ און מען בענקט נאָך אַ שטיקל געשמאַק שוואַרץ ברויט, וואָס מ׳קאָן קויפֿן בײַ בעקער־עמיגראַנטן.

עס איז מיר געלונגען צו קריגן אַרבעט אין איינעם פֿון די האָטעלן, וווּ איך האָב זיך אײַנגעלערנט באַנוצן מיט אַ שטויב־זויגער. איך האָב געדאַרפֿט יעדן טאָג אַכט לאַנגע קאָרידאָרן אויסשטויבן, יעדן פֿרימאָרגן — די וועש פֿון עטלעכע צענדליק צימערן אַראָפּטראָגן אין דער וועשערײַ, און אײדער איך גיי אַוועק פֿון דער אַרבעט — אײַנצופּרעסן מיט אַ פּרעס אַ האַלבן טוץ דיקע און שווערע „באַלן" פֿון צײַטונגס־פּאַפּיר, וואָס די געסט לאָזן איבער (אַן אַמעריקאַנער צײַטונג האָט 12—16 און מער זײַטן). געגעסן האָב איך אינעם האָטעל. דער קוכער פֿלעגט מיר פֿון צײַט צו צײַט פֿאַר אַ „טובֿה" אָדער אַרויסהעלפֿן אים אין דער אַרבעט — זעלבסטפֿאַרשטענדלעך די שמוציקסטע, שווערסטע און אומאָנגענעמלעכסטע — געבן אַ האַלב הינדל, אָדער אַ ריזיק שטיק פֿלייש. אַזוי, אַז איך האָב געלעבט ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן

באַקום איך אַ בריוו פֿון אַ חבֿר מאַרגאָלין, אַ פֿאָטאָגראַפֿיסט פֿון לאָדזש, אַז ער לאָדט מיך אײַן קיין דעטראָיט. אַ גרויסע שטאָט, אַן אינדוסטריעלער צענטער, אַ סך ייִדן, אַ גרויסע גרופּע חבֿרים — ער רעדט מיך שטאַרק צו, איך זאָל פֿאָרן, און דער עיקר — גאַראַנטירט ער מיר אַרבעט פֿונעם ערשטן טאָג אָן, ווי אויך געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אין דער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול", וואָס האָט זיך דאָרט געגרינדעט.

אויב אַזוי, איז... זײַ געזונט, סענט־פּאָל! לאָמיר זען אַ שטיקל אַמעריקע! איך פֿאָר קיין דעטראָיט, צווישן שיקאַגאָ און ניו־יאָרק. אָט האָסטו דיר אַ „רעגולירונג פֿון עמיגראַציע" דורך גאַלוועסטאָן! איך האָב דורכגעמאַכט אַ נסיעה, ווי, למשל, פֿון וואַרשע קיין אָטוואָצק... דורך פּאַריז.

איך הייב זיך אָן צו „אַמעריקאַניזירן“

די גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט דעטראָיט אינעם שטאַט מישיגען, וועלכע ליגט צווישן ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, האַרט בײַ דער קאַנאַדישער גרענעץ (עס איז גענוג איבערצוגיין די בריק איבער דעם טײַך דעטראָיט און מ'איז שוין אין דער קאַנאַדישער שטאָט ווינדזאָר) — איז פאַר מיר געוואָרן מײַן ערשטע לעבנס־שול אויפן וועג פון דערקענען, אַרײַנפילן און אײַנפלאַנצן זיך אין „אַמעריטשקע“. איך בין אַרײַנגעפאַלן אינעם סאַמע צענטער פון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע, אין דער מלוכה פון „דזשענעראַל־מאָטאָר“ און פאָרד, פון די קרײַזלערס, קעדילאַקס און פּאַקאַרדס, אין אַ שטאָט, צו וועלכער עס האָבן זיך שוין דעמלט געצויגן אַרבעטלאָזע פון אַלע עקן אַמעריקע און וועלכע האָט ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן צו זיך מיט אירע שטאָלענע קלעשטשעס פון מאָנאָפּאָל די אַרומיקע „זעלבשטענדיקע“ אינדוסטריעלע צענטערס, ווי האַמטראַמק, דירבאָרן, ריווער־רוזש א. אַ., וועלכע האָבן זיך ממש געבעטן: נעם און שלינג אונדז אײַן“.

שוין דעם ערשטן טאָג פון מײַן זײַן אין דעטראָיט, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ פּוילישן עמיגראַנט, אַ געוועזענעם מיטגליד פון „דריטן פּראָלעטאַריאַט“ און שפּעטער „פּפּס לעוויצאַ“, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס „פאָרמען“ (מײַסטער) אין אַ פאַבריק פון אויטאָמאָביל־קאָרפּוסן, וווּ עס זענען פּראָדוצירט געוואָרן די מעטאַלענע טיילן פונעם אויטאָמאָביל־געזעס: דרײַ ווענטלעך און דאָס געזעס גופא (אויף ענגליש הייסט דאָס „באָדי“). נאָך אַ קורצן שמועס וועגן דער סיטואַציע אין דער „אַלטער היים“ האָט ער מיך געהייסן אויף צו מאָרגנס 6 אַזייגער אין דער פרי קומען צו דער אַרבעט. אָט דער פּוילישער חבר האָט געהאַלטן פאַר זײַן מאָראַלישן און פּאַטריאָטישן חוב צו העלפן פּאָליטישע עמיגראַנטן פון פּוילן אָן אונטערשייד פון איבערצײַגונגען און נאַציאָנאַליטעט. אַזוי אַז איך בין פון מײַן ערשטן טריט אין דעטראָיט געוואָרן אַ „גרויס־אינדוסטריע־

לער“ אַרבעטער. מילא, וויפל היזקות איך האָב אָנגעמאַכט צעבראָכענדיק אָן אַ שיער פּרעציזע שטאָלענע בויערער — לאָמיר בעסער פאַרשווייגן. אָבער אין אַנדערהאַלבן חדשים אַרום בין איך שוין געווען אַ פאַרדינער פון העבער דריי דאָלאַר אַ טאָג, און דערצו פון „שטיק=אַרבעט“. איך האָב זיך אויף מיין אייגענער הויט איבערצייגט, ווי אַזוי מ'קאָן אַ בער אויסלערנען טאַנצן. אין פאַרלויף פון די חדשים, וואָס איך האָב געאַרבעט אונטער דער השגחה פון דעם ליבן פוילישן חבר, מיט וועמען איך האָב זיך ערשט אין דעטרויט באַקענט, בין איך געוואָרן אַ גאַנצער „ספּאַרט“ („פּאַצעט“): געקויפט צוויי אָנצוגן אויף אויסצאָלן, צוויי פּאָר שיך, עטלעכע העמדער, אַמעריקאַנער „שטאַקולן“, אָנגעהויבן נעמען מיידלעך אויף „מוווים“ (קינא), חי געלעבט! אָבער דער „גן=עדן“ האָט נישט לאַנג געדויערט. עס איז פאָרגעקומען אַ רעדוקציע און 23 אַרבעטער, מיט מיר בתוכם, זענען „געקירצט“ געוואָרן. דער „פאָרמען“ מייגער, מיט וועמען איך האָב שוין באַוויזן פּאָליטיש זיך צו באַפרייגדן, ווייל יעדן צווייטן טאָג פלעג איך פון אים און פון זיין קלוגער, אינטעליגענטער פרוי באַקומען זייער ווערטפולע פאַר מיר לעקציעס וועגן דעם מהות און פרצוף פונעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. זיי זענען געווען מיינע ערשטע מלמדים פון „אַמעריקאַנער לעבנס=שטייגער“. און איך מוז זאָגן, אַז געמאַכט האָבן זיי אַ גוטן „פּאַטישאָנטעק“.

אָבער מיין יידישע „נשמה יתירה“ האָט געגאַרט נאָך טעטיקייט צווישן יידן. אַ געלעגנהייט האָב איך געהאַט אין דעטראָיט אַ גוטע. דאָרט האָט שוין דעמולט עקזיסטירט די א. ג. נאַציאָנאַל=ראַדיקאַלע שולע, וועלכע איז אין דעטראָיט געווען אונטער דער השפעה פון די סאָציאַליסטן=טעריטאָריאַליסטן. כל ימי האָב איך געוואַלדיק ליב געהאַט קינדער. האָב איך זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן אין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט אין אָט דער שולע און גלייך באַקומען צענדליקער מלא טעמדיקע און מלא חניקע פריינד. די זעלבע טייערינקע, ליבינקע משהלעך און שלמהלעך, מירעלעך און דבורהקעלעך, וואָס אין דער „אַלטער היים“. וואָס שייך אָבער די „עס טי“ (אַזוי האָבן די סאָציאַל=טעריטאָריאַליסטן געהייסן אין אַמעריקע) איז דאָס געווען אַ קליין הייפל סאָציאַליסטן=טעריטאָריאַליסטן פון פוילן, אוקראַינע, ליטע, וועלכע האָבן גאָרנישט פּרעטענדירט אויף וועלכע נישט איז פּאָליטישער ראָל, נאָר בלויז „דיסקוטירט“ וועגן פאַרשידענע „פּראָבלעמען“ און געזוכט געלעגנהייטן פאַר וועלכע נישט איז יידישע „אַקציעס“.

ווען איך האָב די חברים געזאָגט, אַז כאָטש איך בין לויט מײַנע איבערצײַגונגען אַ טעריטאָריאַליסט, דאָס הייסט, אַז איך האַלט, אַז די „יידישע פראַגע“ קאָן אויפן בעסטן אופן געלייזט ווערן דורך דער קאָנצענטראַציע פון קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, וווּ זיי וועלן זײַן פּראָדוקטיוויזירט און קאָנען זיך פרײַ „נאַציאָנאַל אויסלעבן“, פונדעסטוועגן האָב איך בדעה אַזוי שנעל ווי איך וועל זיך אויסלערנען ענגליש, אָנשליסן זיך אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — האָט דאָס בײַ קיינעם קיין דערוווּנדערונג נישט אַרויסגערופן. בלויז צוויי חברים, די האַלצמאַנס (רוכט זיך מיר פון פינסק) האָבן מיר געשטעלט די פראַגע: „סטײטש, וועל איך ווערן, הייסט דאָס, אַ „פאָרווערטס“־מענטש“ — האָב איך זיי באַרואיקט, אַז די דאָזיקע סכנה דראָט מיר באַיין אופן נישט, און אויב איך וועל גיין אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז כדי צו באַקעמפן די „פאָרווערטס“ שיטה, יעדנפאַלס אין פראַגן, וועלכע זענען נוגע יידן.

קיין סעפּאַראַטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין אַמעריקע בכלל נישט עקזיסטירט. אַפילו די בונדיסטן, וואָס אין דער „אַלטער היים“ איז בײַ זיי די „איינציקע פאָרשטייער“ געווען דער עיקר העיקרים פון זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג — האָבן מאַסנווייז זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַ סך פון זיי האָבן מיט דער צייט אָנגעהויבן צו שפּילן דאָרט באַדייטנדיקע ראָלן. די „עס־טי“ ווידער און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס צווישן די יידישע אַרבעטער האָבן זיך געטומלט אין פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס, פאַרײַנען, פאַרבאַנדן און בײַ וואַלן, למשל, פלעגן זיי אויך רופן אונטערצושטיצן איינע פון די צוויי אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איך האָב זיך דעריבער גענומען פלייסיק און ענערגיש לערנען ענגליש. איך האָב געשלונגען אַלע שילדן, די קעפּלעך פון צייטונגען, געגאַנגען אין אַן אָוונט־שול גערעדט ענגליש פאַר פייער און פאַר וואַסער — אַבי גערעדט. איך האָב זיך איבערגעצויגן אין אַ נישט־יידישער געגנט, וווּ איך האָב אין שטוב און אויף דער גאַס געמוזט רעדן ענגליש. איך האָב אַזוי לאַנג ווי מעגלעך געשפּילט זיך מיט קינדער, וועלכע קענען קיין אַנדער שפּראַך נישט אַחוץ ענגליש. אַ גרויסע הילף אין דער באַהערשונג פון דער ענגלישער שפּראַך האָט געשפּילט — לאַכט נישט! — דער פלירט מיט מיידלעך, יידישע און נישט־יידישע, אַבי ענגליש־רעדנדיקע. און נאָך אַ גרעסערע ראָל האָט געשפּילט די... חוצפּה: עס האָט מיך נישט געאַרט, וואָס איך קאַליעטשע, נעבעך, די שפּראַך

פון בײראָן און דיקענס, פון לאָנגפעלאָ און עדגאַר פּאָ — איך האָב „געהאַקט“ אויף װאָס די װעלט שטײט. ביז איך האָב זיך אָנגענומען אין אַ שײנעם אָװנט מיט מוט — און אפשר חוצפּה — און אויף אַן „אָפּן־עיר־מיטינג“ (אַ גאַסן־מיטינג, אויף „אָפענער לופט“) בין איך אַרויסגעטראָטן מיט אַ צען־מינוטיקער רעדע אין דער אונטערשטיצונג פון אַ בעקער־שטרײק. אַ ביטערער רחמנות איז, נעבעך, געװען אויף מײן „ענגליש“, אָבער װאַרעמע, פּראָלעטאַרישע אַפּלאָדיסמענטן האָב איך באַקומען. דאָס אײז איז דורכגעבראָכן געװאָרן.

מײן צװײטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג — אַחוץ אין ייִדישע קרײזן — איז געװען אויף אַ מאַסן־מיטינג, װוּ איך האָב גערעדט ייִדיש און רוסיש, פאַרענדיקנדיק מיט עטלעכע װערטער אויף ענגליש, װעלכע איך האָב געהאַט אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּירל, און עס איז פריער „רעדאַגירט“ געװאָרן. געװען איז דאָס אַ מיטינג געװידמעט דער „טרײענגל“־טראַגעדיע, װען אין ניו־יאָרק זענען לעבעדיקערהײט פאַרברענט געװאָרן אַן ערך 140 אַרבעטערינס בעת אַ שׂרפה צוליב דעם, װאָס די פירמע האָט געקאַרגט געלט אויף פאַרזיכערן די פאַבריק פון אַ שׂרפה. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּראָטעסט־באַװעגונג אין גאַנץ אַמעריקע קעגן די גײציקע עקספּלאָאַטאַטאָרן, װעלכע צװינגען אַרבעטער צו אַרבעטן אין „פײער־פאַסטקעס“ (דאָ, אין װאַרשע געפינט זיך איצט אַ דעפּאָרטירטע ייִדישע אַרבעטערין, דאָרע ליפּשיץ, װעלכע איז אין דעם זעלבן יאָר אַרעסטירט געװאָרן אין פילאַדעלפיע פאַר „פּיקעטן“ די „טרײענגל־פאַבריק“, װעלכע האָט זיך געמוזט צוליב דעם אַלגעמײנעם פאָלקס־צאָרן אַריבערפּעקלען פון ניו־יאָרק קײן פילאַדעלפיע).

געװען איז דאָס אין דער צײט, װען אין רוסלאַנד האָט מען זיך געגרײט צום בײליס־פּראָצעס. דעם ייִדישן אָנגעשטעלטן אין אַ קיעװער ציגל־פאַבריק, װעלכן מ'האָט נאָך אין 1911 יאָר אַרעסטירט לױט דער פּראָװאָקאַטאָרישער באַשולדיקונג אין דערמאָרדן אַ געװיסן יושטשינסקי, כּדי צום באַנוצן זײן בלוט אויף... מצה. די אויפלעבונג פון די מיטלאַלטערלעכע עלילת־דם־פּראָצעסן האָט אַרויסגערופן אַ געװאַלדיקע אויפרעגונג אין דער גאַנצער ציװיליזירטער װעלט. מיך האָט „מײן“ עס־טי־אָרגאַניזאַציע געשיקט איך זאָל צום שלום פון דער פאַרזאַמלונג אַפּעלירן צו אָרגאַניזירן אַ ברײטע פּראָטעסט־אַקציע קעגן דעם עלילת־דם־פּראָצעס, שטיצנדיק זיך אויף די פּלאַמיקע פּראָטעסטן פון מאַקסים גאָרקי, װלאַדימיר קאָראָלענקאָ און פיל אַנדערע פאַרזענלעכקײטן פון מערב־אײראָפּע.

מיין אַפעל אין יידיש און רוסיש איז אויפגענומען געוואָרן אַזוי וואַדעם, אַז איך האָב נישט געדאַרפט קיין סך רעדן. אַ געוויסער גלח, אַן עוואַנגעליקער, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַזאַ פלאַמיקער רעדע, אַז עס איז נישט געווען קיין מינדעסטע נויטווענדיקייט, אַז אַ ייד זאָל רעדן. ער האָט ביי מיר „אַרויסגעכאַפט" די ביילים־טעמע. האָב איך דעריבער אַ פּאָר מינוט מער געווידמעט דער „טרייענגל"־פראַגע — שוין אויף ענגליש.

אין דעם יאָר 1913 איז פאָרגעקומען אַ מערקבאַרער וויקס פון דער קאַמפּס־אַקטיוויטעט מצד די צוזאַמענגעסטעליע עקספּלאָאַטירטע טיילן פונעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס. אין דעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די שטורמישע שטרייק־באַוועגונג פון די גרובן־אַרבעטער אינעם שטאַט קאָלאָראַדאָ, דאָס „פירשטנטום" פון די ראָקעפעלערס. דער שטרייק האָט אָנגענומען זייער שאַרפע פאָרמען. דער אַקאָרשט אויסגעוויילטער, אינעם 1912 יאָר, „דעמאָקראַטישער" פּרעזידענט וודראָו ווילסאָן האָט געשיקט מיליטער צו דערשטיקן דעם עקשנותדיקן שטרייק. אַזוי ווי די ראָקעפעלערס האָבן, כדי דעם שטרייק צו צעברעכן, אַרויסגעטריבן די שטרייקנדיקע אַרבעטער פון די דירות, וועלכע האָבן צו זיי „געהערט", אָפּגעשטעלט דעם פאַרקויף פון די שפּייז־פּראָדוקטן אין די געוועלבער, וועלכע האָבן געהערט צו די ראָקעפעלערס, האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד — פון ניו־יאָרק ביז סאַן־פראַנציסקאָ — אַנטוויקלט אַ ברייטיקע סאָלידאַריטעט־אַקציע צווישן די אַרבעטער, און מאַטעריעלע הילף האָט געשטראָמט פון אַלע זייטן. זענען אָבער די ראָקעפעלערס געפאַלן אויף אַ טייוולאָנישן פּלאַן צו פאַרטרייבן די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך איבערגעטראָגן אין די... היילן פון די קאָלאָראַדער בערג, ווייל אויך די בערג זענען דאָס „אייגנטום" פון די ראָקעפעלערס. האָבן די אַרבעטער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. האָט די שטאַט פּאָליציי, וועלכע איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך די ראָקעפעלערס צוזאַמען מיט דעם „פעדעראַלן" מיליטער, געשיקט דורך דעם „דעמאָקראַטישן" פּרעזידענט, געשאָסן אין די אַרבעטער פון אויבן אין די היילן אַריין, פּונקט ווי יעגערס שיסן אין קאַטשקעס. פאָרגעקומען איז עס אין דער געגנט פון דער שטאָט לודלאָוו.

במשך מיין גאַנצער פרייער צייט — און פרייע צייט האָב איך געהאַט גענוג, ווייל איך בין מער געווען אַרבעטלאָז, ווי געאַרבעט — האָב איך אויסגענוצט אויף צו דערלערנען די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צוזאַמען האָבן ביי די וואַלן פון

1912 יאָר באַקומען עטוואָס ווייניקער ווי אַ מיליאָן שטימען, דערביי האָט די „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי“, אַרויסשטעלנדיק די קאַנדידאַטור פון מערקווירדיקן קעמפער פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם, יודזשין דעבס, געקראָגן כמעט פיר מאָל מער שטימען, ווי די „סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי“ מיט דעם רעוואָלוציאָנער, אָבער סעקטאַנטישן מאַרקסיסט מיט שטאַרקע סינדיקאַליסטישע נייגונגען — דעניעל דע־לעאָן בראש (אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט דע־לעאָן געשטאַמט פון אַ פּאָרטוגעזישער מאַראַנישער משפּחה, וועלכע האָט איבערגעוואַנדערט נאָך אין די צייטן פון דער „הייליקער אינקוויזיציע“ קיין ווענעזועלא, וווּ דע־לעאָן איז געבוירן געוואָרן אַן ערד אין מיטן פונעם XIX יאָרהונדערט).

אין דער „סאָציאַליסטישער פּאַרטיי“ ווידער זענען צו יענער צייט געווען דריי שיטות, רעפּרעזענטירט דורך דעם געוועזענעם יידישן עמיגראַנט פון רוסלאַנד און שפּעטערדיקן אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט („לאָיער“) — מאָריס הילקוויט, וועלכער האָט פאַרטראָטן דעם אָפּאָרטוניסטישן פליגל אין דער פּאַרטיי, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט „מאַרקסיסטישער“ טערמינאָלאָגיע; דער דייטשישער עמיגראַנט בערגער פון דער שטאָט מילוואָקי אינעם שטאַט וויסקאָנסין, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די הויך־קוואַליפיצירטע דייטשישע עמיגראַנטן, ווי אויך די רייכע פאַרמערס אין זיין שטאַט, וואָס זענען קיין אַמעריקע געקומען נאָך פון ביסמאַרקס צייטן, און יודזשין דעבס, נישט קיין גרויסער מאָדים אין הלכות טעאָריע, אָבער אַ פלאַם־פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפערישע נאַטור, וועלכער האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די מאַסן־קאַמפן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און אָפט דערמיט מיט טורמע באַצאָלט. ער איז געווען איינער פון די באַליבטסטע אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע ביי זיין לעבן און וועט אויף אייביק אין דער געשיכטע פאַרבלייבן אַלס איינער פון די מערקווירדיקסטע, הערלעכסטע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז צו יענער צייט געווען צום מייסטן פּאָפּולער צווישן די דייטשישע און יידישע, טיילווייז סלאַווישע עמיגראַנטן־גרופּן. דערפאַר האָט אָבער צווישן די צום מייסטן עקספּלאָאַטירטע, נישט קוואַליפיצירטע אַרבעטער, דער עיקר — צווישן די לאַנדווירטשאַפטלעכע און וואַלד־אַרבעטער, טראַנספּאָרט־אַרבעטער און ברייטע שיכטן פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען צוליב דעם צעכן־כאַראַקטער פון דער „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט“ (מיט דעם לאָנדאָנער יידישן עמיגראַנט סעמיועל גאָמפּערס

בראש) נישט אָנגענומען געוואָרן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַרײנען — זיך שטאַרק אַנטוויקלט אַ באַוועגונג אונטערן נאָמען „אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט", אָדער מיט די ענגלישע ראשי־תיבות: „אײ־דאָבליו־דאָבליו", וועלכע האָט אונטער די לאָזונגען פון „איין גרויסן פאַרײן" און „קריגערישן יוניאָניזם" אָרגאַניזירט הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער צו העלדישע שטרײק־אַקציעס. אָט די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען — אין דער צייט פון מיין קומען קיין אַמעריקע — שוין דורכגעדרונגען מיט שטאַרקע סינדיקאַליסטישע טענדענצן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין 1905 יאָר אונטער דער השפּעה פון דער רוסישער רעוואָלוציע דורך די אויבנדערמאָנטע דעניעל דע־לעאָן און יודזשין דעבס, ווי אויך דורך דעם דעמאָלטיקן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט און שפּעטערדיקן קאָמוניסט — הייוואָד.

זוכנדיק אַ וועג פאַר מיין דראַנג נאָך רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט, האָב איך, זייענדיק אין דעטראָיט, זיך אָנגעשלאָסן אין די פּרוּוון פון די „אײ־דאָבליו־דאָבליו" צו אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע". זאָגנדיק זיי בפירוש, אַז איך בין נישט מסכים „אין פּרינציפּ" מיט זייערע סינדיקאַליסטישע, אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריסטישע אײנשטעלונגען, האָב איך באַקומען אַ תשובה, אַז אויב איך בין קעגן קאַפּיטאַליזם, פאַר די „רעכט פון אַר־בעטער" און וויל קעמפן פאַר דעם, אַרט זיי נישט מײנע „פּרינ־ציפּן" וואָרום, ווען איך וועל זיך „אויסגרײנען" וועל איך אַליין זיך איבערצײגן, וואָס פאַר אַ „זונה" איז דער גאַנצער פּאַרלאַמענטאַריזם".

די תשובה איז מיר דעמאָלט שטאַרק געפעלן געוואָרן. און תוך כדי דיבור האָב איך געקראָגן אַ געלעגנהייט „טו דזשאָין דזי סטראַגל" („אָנ־צושליסן זיך אינעם קאַמף"). עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו אָרגאַ־ניזירן אין אַ פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע די אַרבעטער פון פאָרדן, האָבן פאָרדס פּאָליציאַנטן אָנגעהויבן שלאָגן מכות־רצח די אָרגאַניזאַטאָרן, האָט די „אײ־דאָבליו־דאָבליו" גערופן צו אָרגאַניזירן גאַסן־מיטינגען, כדי אונ־טערצושטיצן די אַרבעטער פון פאָרדן. האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג אויס־געקראַצט אַ „געזעץ" פון די 80־קער יאָרן, אַז אינעם ראַדיוס פון אַ מייל פון מאַגיסטראַט („סיטי האָלל") טאָר מען קיין פאַרזאַמלונגען נישט אָפּ־האַלטן. האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו אַרעסטירן פאַר... „ברעכן האָס גע־זעץ" און פאַר אַנטקעגנשטעלן זיך דער פּאָליציי. האָבן מיר געטענהט: „סטייטש, און קאָנסטיטוציע? און פאַרוואָס קומען פאַר כסדר אויף די גאַסן פאַרזאַמלונגען פון דער רעליגיעזער „סאַלוויישן אַרמיי" (די דער־לייזונגס־אַרמיי)?". האָט מען אונדז געהערט ווי דעם קאָטער. אין פאַרלויף

פֿון 8 טעג זענען די פּאָליציי־סטאַציעס געווען פֿול מיט הונדערטער אַרעסטירטע, וועלכע פֿלעגן אַראָפּגענומען ווערן פֿון זייערע „בענקלעך“ און געוואָרפֿן ווערן אין די פּאָליציי־וואָגנס מיט קלעפּ און שטורכענישן. אין די צייטונגען פֿון דעטראָיט זענען געווען ידיעות, אַז די צאָל גנבֿות האָט זיך פֿאַרגרעסערט אין די טעג, ווייל די פּאָליציי איז געווען פֿאַרנומען מיט אונדז, די אָנטיילנעמער פֿון דעם „פֿריספּיטש־פֿייט“ — „קאַמף פֿאַר פֿרייהייט פֿון וואָרט“. דריי מאָל בין איך פֿאַר די אַכט טעג אַרעסטירט געוואָרן.

שמעלץ־טאָפּ און געטאָ

ישראל זאַנגוויל האָט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע באַצייכנט אַלס שמעלץ־טאָפּ, אין וועלכן פאַרשידענע פעלקער און ראַסן ווערן צונויפגעשמאָלצן. אָט די באַצייכענונג, וועלכע האָט זיך צוגעקלעפּט צו אַמעריקע, האָט זיך אָבער שנעל אַרויסגעוויזן אַלס „האַלבער אמת", וואָס איז, כידוע, קיין אמת נישט. די ניוועלירנדיקע השפּעה פון דער אַמעריקאַנער... „קולטור", „ציוויליזאַציע", „לעבנס־שטייגער", אָדער ווי מ'זאָל עס נישט אָנרופן, און קודם־כּל די מלוכה־שפּראַך, ענגליש, ווי אויך די מנהגים און פּסיכיק פון „אויפגעקומענע יחוס־עצמו־גבירים" — האָט באין אופן נישט געשטערט, אַז אין יעדער שטאָט זאָלן די עמיגראַנטן פון פאַרשידענע פעלקער קאָנצענטרירן זיך אין באַזונדערע וווין־ראַיאָנען און אַפילו אין באַשטימטע שטאַטן. אַלע, אַ שטייגער, אין אַמעריקע האָבן געוווּסט, אַז וויסקאָנסין איז אַ שטאַט מיט אַן איבערוועגנדיקער השפּעה פון דייטשן, מינעסאָטאַ — פון סקאַנדינאַווישע פעלקער, און אויפן ווייטן צפון פונעם שטאַט מינעסאָטאַ האַרט ביי דעם „סופּיריאָר לייק" — די גרעסטע „אָזיערע", כמעט אַ ים אין אַמעריקע, און אַרום דער שטאָט דולוט — וווינען די מערהייט פינען פון אַמעריקע. וואָס אָנבאַלאַנגט די שטעט — איז ווער האָט אין ניו־יאָרק, למשל, נישט געוווּסט, אַז ייִדן קאָנצענטרירן זיך אין איסט־סאיד, בראָנזוויל אָדער בראָנקס, וועלכן מ'האָט אין שפּאַס גערופן „בריאַנסק"? דאָס זעלבע אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט. אין שיקאַגאָ, למשל, האָט מען שוין געקאָנט דעמלט ביים אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט „דורכשפּאַצירן" די האָלסטעד סטריט — ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג! דאָס „געסעלע" האָט אַן ערך 38 ענגלישע מייל די לענג! — און אַריינפאַלן אויפן וועג אין אַ שטיק „ניגעריע", וווּ מ'זעט דורכגיין שוואַרצע, נעגרישע פּנימער, פון דאָרט אַריבערצופּעקלען זיך אומבאַמערקט אין אַ שטיק גריכנלאַנד, וווּ מ'הערט די קלאַנגען פון דער גריכישער שפּראַך און מ'קאָן אין די רעסטאָראַנען קריגן גריכישע מאכלים,

פֿון דאָרטן אין אַ שטיק איטאַליע, פֿון דאָרטן אין „ראָסעיאַ מאַטושקאַ", פֿון דאָרטן קיין אוקראַינע אָדער פּוילן, און אין מיטן דריגען דערהערסטו גרילצנדיקע קלאַנגען פֿון די דעמלטיקע אַלטמאָדישע גראַמאָפֿאָנען מיט „היימישע" מענער: „שאַ, שאַ, דער רבי גייט, איי-איי, דער רבי גייט", אָדער „חשק האָט דאָך יעדער מאַן, אוי, חשק", צוזיפֿגעפֿאָרט מיט „איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס איך בין אַ ייד", אָדער „אלי, אלי, למה עזבתני" און שטיקער מחיהדיקע, געציקלטע חזנות, און דאַן ווידער אַמאָל דאָס זעלבע: פּאָליאַקן, גענער, אוקראַינער, ליטווינער, סקאַנדינאַוון, דייטשן א. א. וו. אַפֿילו אין אַזאַ ווייטער שטאָט, ווי סט. פּאָל, און מינעאַפּאָליס, וווּ מזרח-יידן זענען דעמלט געווען ווייניק, האָבן זיי אויך געלעבט אין באַזונדערע געגנטן. אַנדערש שוין — די א. ג. „יאַהודים", דאָס הייסט, די מער פֿאַרמעגלעכע יידן פֿון די מערב-לענדער, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט מישן מיט די... „אָסט-יודען", אָדער ווי זיי פֿלעגן האָס אָנרופֿן „אָרעמע רוסישע גלאַובענס-גענאָסען". אויך אין דעטראָיט, וווּ איך האָב פֿאַרבראַכט דאָס 1913 יאָר, האָט דער רוב בנין און רוב מנין פֿון רוסיש-פּויליש-גאַליציאַנער און רומעניש יידן געלעבט אין אַ באַשטימטער געגנט אַרום הייסטינגס-סטריט, פּונקט ווי די גרויסע מערהייט פּאָליאַקן — אין האַמטראַמק, וווּ ס'איז געווען אַ מין „פּוילישע מלוכה" אין דעטראָיט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פֿאַר קיין זעלבשטענדיקער יידישער פּאָליטיק — איז קיין אָרט נישט געווען האָט מען פֿונדעסטוועגן אין דער מזרח-יידישער סביבה כסדר „געפּאָליטיקעוועט". אַלע יידישע „פּאַרטייען", ריכטונגען און שיטות מיט אַלע קוצו-של-יוד חילוקי דעות האָבן זיך מיט האַק און פּאַק אַריבערגעטראָגן פֿון באָברויסק, פּינסק, זשיטאָמיר, האָמעל, טשענסטאָכאָוו, ביאַליסטאָק, לעמבערג, קראָקע און קישעניעוו — קיין אַמעריקע. דערצו זענען נאָך צוגעקומען אַ גאַנצע ריי אַמעריקאַנער חברות און „סאָסייטיס". און מ'האָט זיך מיט ברען און פֿייער געקריגט, און איינער דעם אַנדערן „באַקעמפֿט", נישט נאָר מיט די „אַלט-היימישע" טראַדיציאָנעלע מיטלען, נאָר אויך מיט די נייע מיטלען פֿון אַמעריקאַנער „פּאָליטיקס" (אָפּגעהיט זאָל מען ווערן!). עס האָט צווישן „איינגעגרינטע" — ד. ה. אַ קאָפּעטשקע שוין אַמעריקאַניזירטע יידן נישט געפֿעלט קיין „פּאָליטישנס" הן פֿון דער דעמאָקראַטישער, הן פֿון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. עס זענען געווען ציוניסטן — אָדער „זייאָניסטס", ווייל עס קלינגט שענער, מער „אַמעריקאַניש" — וועלכע האָבן צו יענער צייט, אין די יאָרן 1912 — 1917 אַ גאַנץ קאַפּע השפּעה געהאַט, אין דעם פּעריאָד

איז אַנטשטאַנען דער פּאָפּולער־געוואָרענער וויץ פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אַז „אַ ציוניסט איז אַ ייד, וואָס האַלט, אַז דאָס לאַנד, אין וועלכן ער וווינט נישט, איז זיין לאַנד, די שפּראַך, אויף וועלכער ער רעדט נישט, איז זיין שפּראַך, און גאָט, אין וועלכן ער גלויבט נישט, איז זיין גאָט“. אין יענעם פּעריאָד איז אויך געווען פּאָפּולער ליעסינס אַ ליד, אין וועלכן ער שילדערט אַ יידישן קרעמער, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס פון אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד, וועלכער חלומט וועגן אַ... יידישער מלוכה און טענהט:

„אַ יידישע מלוכה, רבותי,
צי קענט איר דאָס טאַקע פאַרשטיין?
אַ מלוכה פון גאָלע גאונים,
אַ מלוכה פון מלכים אַליין“.

אָבער...

„פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ קונה,
אַ קונה, ווי אַן אַרבעס די גרויס
און בעט פאַר אַ קאָפּיקע הערינג
און שלאָגט אים פון די רעיונות אַרויס...“
(ציטירט לויטן זכרון)

צום ציוניזם איז דעמלט געווען אַ גלייכגילטיקע און ביי אַרבעטער בפירוש נישט פריינדלעכע אָפּאָזיציאָנעלע באַציונג. דאָס האָט נישט געשטערט די ציוניסטישע עלעמענטן אַרום „גאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע“ לאָזונגען גאָר שטאַרק צו טומלען.

דאָס הייסט לחלוטין נישט, אַז איך האָב אין דעם קיין אָנטייל נישט גענומען. יאָ, אָבער מיט אַן אַלץ קלענער ווערנדיקן ברען און... פאַראינטערעסירונג. יהודה הלוי האָט געוואָרפן די פּאָעטיש־פלאַמענדיקע ווערטער: „איך בין אין מערב און מיין האַרץ איז אין מזרח“. און ביי מיר איז דעמלט, אין אַמעריקע, געווען פּונקט פאַרקערט: געלעבט האָב איך צווישן יידן, איך בין געווען מעמיק אין דער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער“ שיטע, געהאַלטן פאַרלעזונגען וועגן יידישער ליטעראַטור און יידישע פּראָבלעמען, מיט הנאה געזונגען יידישע לידער, שטאַרק נאָכגעפאָלגט די דיסקוסיעס צווישן פייגענבוים און ד״ר זשיטלאָווסקי גינזבורג, למשל, ווי איינער האָט פאַר־

טראָטן אַ בטלנישן משכּיליש־אַפּיקורסישן שטאַנדפּונקט אויף דער יידישער רעליגיע (פּונקט, ווי קיין אַנדערע זאָרגן זענען שוין נישט געווען!) און דער צווייטער — אַ בטלנישע, האַמאַנטיש־נאַציאָנאַליסטישע באַציִונג צו די זעלבע „פּראָבלעמען". אָבער איך האָב געפילט, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ... נשמה־יתירה־ענין. מיין האַרץ, מיין ט י פ ע פאַראינטערעסירונג איז געווען אויף „מ ע ר ב", אַזוי צו זאָגן, אויף די פּראָבלעמען פון קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע, אין זוכן וועגן און מיטלען אין דעם קלאַסן־קאַמף זיך אָנצושליסן, און קודם־כּל פאַרשטיין דעם ענין... אַ מ ע ר י ק ע, די רעטעניש — אַ מ ע ר י ק ע.

יאָ, איך בין געווען גאַנץ טעטיק אין יידישע ענינים. למשל, געגאַנגען אויף אַ סך פאַרזאַמלונגען און גערעדט וועגן בייליס־פּראָצעס. איך געדענק — אויף איין פאַרזאַמלונג פון דייטשן האָט גערעדט דער נאָר־וואָס געקומענער אויף אַ באַזוך פון דייטשלאַנד — באַקאַנטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער, דער טרויעריק־באַרימטער שיידעמאַן. איך האָב נאָך זיין, אַגב, גאַנץ־אינטערעסאַנטן רעפעראַט — גענומען אַ וואָרט און אַפּעלירט אָנצונעמען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דער אינסצעניזאַציע פון מיטלאַלטערלעכע ריטואַל־מאָרד־פּראָצעסן אין רוסלאַנד. ווי גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען שיידעמאַן האָט זיך אָפּגערופן: „אָבער וואָס געהען אונז דיזע שוויינערייען אָן?" די רעזאָלוציע איז אָבער איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

פון דעטראָיט קיין שיקאַגאָ

מיינע לעבנס=באַדינגונגען אין דעטראָיט זענען פון חודש צו חודש געוואָרן אַלץ שווערערע. עטלעכע טעג אַרבעט — אויסשליסלעך שווערע און א. ג. „שוואַרצע“, און עטלעכע טעג אַרבעטלאָזיקייט. און נישט דערפאַר, ווייל איך בין געווען אַ... שלימזל, נאָר טויזנטער אַרבעטלאָזע פלעגן איך טרעפן ביי יעדן אַרבעטס=פּלאַץ, וווּ איך האָב זיך געווענדעט נאָך אַרבעט. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — אין דער שול, לעקציעס א. ג. ל. — האָט קיין מינדסטן האָנאָראַר נישט געבראַכט. מיין פריינד דער פאָטאָגראַפיסט, וועלכער האָט מיך איינגעלאַדן קיין דעטראָיט, איז שוין געווען אין שיקאַגאָ און זיך גאָרנישט שלעכט איינגעאָרדנט אין זיין ספּעציאַליטעט. האָט ער מיר געשריבן: „קום, און מ'וועט זיך אַן עצה געבן“. פון מיינע „איי=דאַבליו=האַבליו“=פריינד זענען זיך עטלעכע צעפאָרן איבער פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, און צוויי אַן איטאַליענער און אַן אירלענדער — זענען געזעסן אין תפיסה צוליב אַ פ אַ ל ש ע ר באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן כלומרשט געוואָרפן שטיינער אין דער פּאָליציי, בשעת זי האָט דורכגעפירט אַרעסטן ביים פאַנאַנדערלאָזן איינעם פון די צאָלרייכסטע גאַסן=מיטינגען.

בין איך גערן געפאָרן קיין שיקאַגאָ. אַ ריזיקע שטאָט, לויטן שטח דעמאָלט די גרעסטע, אין אַמעריקע, הגם מיט אַ באַפעלקערונג בלויז פון אַן ערך פיר מיליאָן. אַ גרויסער אינדוסטריעלער און האַנדלס=צענטער, מיט איינעם פון די בעסטע אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע. אַ שטאָט, וואָס איז איינגעקריצט אינעם זכרון פון יעדן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער צוליב דער „היימאַרקעט=פּראָוואָקאַציע“ פון 1886 יאָר, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ יוסטיץ=מאָרד איבער עטלעכע אַרבעטער=פירער און וועלכע האָט געדינט אַלס שפּרונג=ברעט פאַר אַ ברייטער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער=באַוועגונג אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. דער גענעראַל=שטרייק מיט דער פאָדערונג פון אַן 8=שעהדיקן אַרבעטס=טאָג האָט געדינט אַלס שטויס צום דערקלערן אינעם 1889 יאָר דעם 1=טן מאַי אַלס אינטערנאַ=

ציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב. אויפֿן צווייטן טאָג פֿון מײַ קומען קיין שיקאַגאָ בין איך אַוועק אויפֿן היסטאָרישן היימאַרקעט־סקווער און אַן אויפֿגעציטערטער דערזען אַ דענקמאָל פֿון אַ... פּאָליציאַנט, אַלס סימבאָל פֿון „רו און אָרדענונג“, און קעגנאיבער אַ דענקמאָל פֿונעם דעמאָלטיקן גובערנאַטאָר פֿונעם שטאַט איליאָניס, ווו שיקאַגאָ געפֿינט זיך — וועלכער איז חוקא געווען אַ גאַנץ ליבעראַלער מענטש און האָט געהאָלפֿן אויפֿדעקן דעם פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער פֿון די פֿאַלשע באַשולדיקונגען קעגן די אַרבעטער־פֿירער.

מיט שיקאַגאָ זענען בײַ מיר פֿאַרבונדן אַ רײַ אָנגענעמע דערינערונגען. אין שיקאַגער ביבליאָטעקן האָב איך געהאַט אַ מטמון מיט ווערטפֿולע ווערק וועגן אַמעריקע, וועגן דער אוראַלטער ייִדישער געשיכטע (ווי, למשל, קענטס געשיכטע וועגן דער „געשיכטע פֿון העברעיִשן פֿאָלק“) אַחוץ דעם האָבן דעמאָלט אין שיקאַגאָ געוווינט אַ רײַ חברים, מיט וועלכע איך האָב זיך שטאַרק באַפֿרײַנדעט. מיט ליבע דערמאָן איך ביזן הײַנטיקן טאָג דעם חבר חיים ציפּאָרין — אַ ייִדישער אַרבעטער פֿון פּינסק און זײַן פֿרוי געניע, אַן אַרבעטערין פֿון לאָדזש, וועלכע איז שוין זייענדיק אַ באָבע געוואָרן אַן אָריגינעלע מאָלערין און אירע בילדער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין שיקאַגער „קונסט־אינסטיטוט“ און אין אַנדערע מוזייען. אַ קרישטאָל־רײַנע נשמה איז דער ליבער חיים ציפּאָרין כל ימיו געווען, און ווי מיר איז באַוווּסט, האָט ער זײַן טרײַהייט צום סאָציאַליזם אין די שווערסטע מאָמענטן נישט פֿאַראַטן. אָדער ראַבינאָוויטש, אַן אונטערנעמער טיפּ פֿון אַ ייִדישן הויך־אינטעליגענטן אַרבעטער (אַ זעצער פֿון פֿאַך), פֿון וויטעבסקער גובערניע. געלעבט האָב איך מיט אים, ווי דוד מיט יהונתן, וועגן וועלכע עס זאָגט זיך, אַז זיי זענען געווען „הנאהבים והנעימים בחייהם“ (ליב און געליבט בײַ זייער לעבן). געוווינט האָט דעמאָלט אין שיקאַגאָ לייזער טאַלמי (טאַלמינאָוויצקי פֿון סאָסנאָוויץ־בענדין), וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. צו יענער צײַט איז אויך געווען אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט, מיט וועמען איך בין געווען שטאַרק באַפֿרײַנדעט — דער טאַלאַנטפֿולער פּובליציסט און פּאָעט־„אינזיכיסט“, מײַנער אַ לאָדזשער לאַנדסמאַן — אהרן גלאַנץ, מיט וועלכן אונדזערע וועגן זענען זיך שפּעטער שטאַרק, זייער שטאַרק פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. ליידער! אָנגענעמע דערינערונגען זענען בײַ מיר געווען פֿאַרבונדן מיט זײַן פֿרוי, מיט וועלכער איך בין נאָך פֿריִער געווען צוזאַמען אין טשענסטאָכאָוו.

דאָס יידישע קולטור-לעבן אין שיקאַגאָ איז געווען אַ פּיל רייכערס, ווי אין דעטראָיט. אָפט פלעגט אַהינקומען ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן צווישן די יידישע פאָלקס-שיכטן אין אַמעריקע. ער איז געווען דער איינציקער, וועמענס פאָרלעזונגען איך האָב כמעט נישט אַדורכגעלאָזן, כאָטש זייער זעלטן בין איך מיט אים מסכים געווען. אַ געוואַלדיק גייסטרייכער מענטש און למדן אַ מופלג אין פילאָזאָפיע איז ער געווען, אַ מערקווירדיקער יידיש-רעדנער און פּאָפּולאַריזאַטאָר מיט אַ בלומען-שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען, ווי מוזיק, כאָטש כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געפּרעדיקט איז פאַר מיר געווען „מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף". אַ זייער אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט איז דעמאָלט געווען אין שיקאַגאָ דער אַנאַרכיסט גאָטאַנסאָן. וווהין ער איז אַהינגעקומען און וואָס איז פון אים אידעיש געוואָרן, האָב איך זיך ביז איצט נישט געקאָנט דערוויסן.

אין שיקאַגאָ איז אויך געווען אַן אינטערעסאַנטע „רוסישע קאָלאָניע", וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם געוועזענעם וויטעבסקער בונדיסט גרוזענבערג („בערג"), דעם דירעקטאָר און לערער פון אַ שול אויף צוצוגרייטן דערוואַקסענע צו די עקזאַמענס אין די אוניווערסיטעטן („פּרעפּעראַטאָרי סקול") וועלכער איז נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד געוואָרן וועלט-באַרימט אונטערן נאָמען ב אָ ר אָ ד י ן. געוויינלעך האָב איך אויסגעמיטן צו געהערן צו עמיגראַנטישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אין שיקאַגאָ האָב איך זיך צו זיי דערנענטערט צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, בין איך געווען אַ לערער אין דער יידישער שול אויף האָין עוועניו, עק דיוויזשאָן סטריט און פונקט אַנטקעגן איבער איז געווען בערגס „פּרעפּאַראַטאָרי סקול". פלעג איך אים אָפט געבן דעם גרעסערן קלאַס-צימער אין „מיין" שול פאַר פאַרזאַמלונגען פון דער „רוסישער קאָלאָניע". און השנית, איז דער באַשטאַנד פון דער „קאָלאָניע" געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער. גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָרט פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסטרעטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טוער פון פאַרשידענע ריכטונגען, ווי, למשל, בוכאַרין און טראָצקי, אַזוי, אַז איך בין געוואָרן אַן אַלץ רעגולערער באַזוכער פון זייערע פאַרזאַמלונגען.

אין שיקאַגאָ האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַן אינטערעסאַנטן מענטש. געהייסן האָט ער העסען, אַ רוס, פון אַ משומדישער משפחה, אַ נאָענטער קרוב פונעם קאַדעטישן געלערנטן מיט דעם זעלבן פאַמיליע-נאָמען, געזעסן אין רוסלאַנד אין תפיסה און געווען פאַרשיקט פאַר רע-

וואָלוציאָנערער טעטיקייט. לויט די איבערצייגונגען אַן אַנאַרכיסט. אין אַמעריקע איז ער געווען פאַרבונדן מיט די „איי־דאבליו־דאבליו“, אַן אַמעריקאַניזירטער עקשן. מיט אַלעמען האָט ער גערעדט בלויז ענגליש, אַחוץ גאָר „גרינע“ עמיגראַנטן. געווען איז ער אַ גוטער מאַלמעלאָכע — אַ סטאָליער, און דערפון האָט ער געצויגן חיונה. אויסגעזען האָט ער ווי אַ רוסישער גזיר: אַ שוואַרצער, געטרונקען... מילך. וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט האָט ער נישט ליב געהאַט צו רעדן, אָבער אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש געווען. מיר זענען געווען זייער באַפריינדעט.

ואחרון אחרון חביב! אין שיקאַגאָ האָב איך געהאַט דעם גרויסן כבוד צו באַקענען זיך, עטלעכע מאָל טרעפן זיך, לייהנשאַפטלעך צו דיסקוטירן מיט אַזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי הזשאָו היל, וועגן וועלכן ראָבסאָן זינגט זיין באַרימט ליד מכוח דעם, אַז אים האָט זיך געחולמט, אַז ער האָט בעגעגנט דזשאָו היל אַ לעבעדיקן „פונקט, ווי איך און דו“. פרעגט ער אים: „סטייטש, דו ביסט דאָך שוין צען יאָר טויט?“ ענטפערט ער: „איך בין קיינמאָל נישט געשטאָרבן“. און די צווייטע אויספאַרגעסלעכע באַקאַנטשאַפט איז געווען — דזשעק לאָנדאָן, וועלכער ביימיקט זיך נישט פאָרגעשטעלט צו ווערן.

נעונדניקעם

שיקאַגאָ איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, מיין „רעזידענץ“. איך קאָן נישט געגנוי זאָגן, וויפל צייט איך האָב געוווינט אין שיקאַגאָ, ווייל אָנהייבנדיק פון 1914 ביז איך געווען אין אַ ריי שטאָטן, געאַרבעט אויף בלעריי אונטערנעמונגען און אַרבעטס=פלעצער — ביי בוי=אַרבעטן און ביי בלעכעריי, ביי רייניקן די גאַסן פון שניי און אין אַ... נאַכט=באָר, איז אַ הויט=פאַבריק און אַלס געשיר=וואַשער אין רעסטאָראַנען, אַלס „שאַטגיאַזש“ און האָטעל=באָי און נאָך און נאָך. איך האָב אַדורכגעמאַכט אַ פּאָר רייזעס איבער אַמעריקע מיט פאָרלעזונגען — דאָס, וואָס מען רופט דאָרט „לעקטשורמיר“ — געשטודירט אין אַן אוניווערסיטעט, געווען אַ לערער, אין פארלויף פון 5 וואָכן געווען, אפילו, א... „טרעמפּ“ (אויף רוסיש הייסט דאָס „באָסיאַק“, אויף פויליש — „וולוטשענגאַ“), אַרבעטנדיק צופעליק ביי דעם אָדער יענעם פאַרמער ביים אויפרוימען דאָס מיסט, רייניקן די שטאַלן אד.גל. — אָבער אַלע מאָל פלעג איך זיך צוריקקערן קיין שיקאַגאָ.

אין שיקאַגאָ טאַקע, אַרבעטנדיק אַ קורצע צייט אין די וועלט=באַרימטע (אַדאַנק אייפּטאָן סינקלערס באַשרייבונגען) „דזשונגלס“ פון דער פלייש=אינדוסטריע, האָב איך זיך געטראָפן מיט איינעם פון די מערקווירדיקסטע אַמעריקאַנער פון אונדזער יאָרהונדערט — מיט דזשאָ היל. שיקאַגאָ איז צו יענער צייט געווען אַ מין טראַנזיט=פונקט פאַר „מיגראַציע=אַרבעטער“, ד. ה. פראָסט יידיש גערעדט, פאַר אַרבעטער און רוּאיגירטע פאַרמערס פון דרום= און מערב=אַמעריקע, וועלכע פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און דער עיקר אינעם אינדוסטריעלן מזרח זוכן אַרבעט. טאָג=איין, טאָג אויס פלעגן הונדערטער מענטשן, איינזאַמע און מיט משפּחות, אויף װעגענער, מיט באַנען — אָפט אַלס „בלינדע פּאַסאַזשירן“ און צופוס קומען אין ריזיקן שיקאַגאָ און אויף פאַרשידענע פלעצער אויף דער שטאָט=פעריפעריע „ביוואַקירן“: אויפשטעלן ביידלעך, צונויפקלאַפּן פון ברעטער=

לעד, שמיקער בלעד פון קאָנסערוון־פּושקעס אהגל. אַזעלכע „הייזקעס“ און געוווינט, זהכנדיק „גליק“ אין שיקאַגאָ אָדער אין די ארומיקע שטעט.

דאָס לעבן איז ווייטער געפלאָסן לאַנגווייליק און גרוי. פון צייט צו צייט געאַרבעט, בכלל גאַנץ „געשמאַק“ אונטערגעהונגערט, לויפנדיק מיט מיין ליבן און לצרה ראַבינאָוויטשן פון איין „סאַלון“ (שענק) אין אַנדערן, ווו עס זענען געווען די אַ. ג. „פּריוואַטשעס“ ד. ה. „פריי־צובייסן“, ווען קויפנדיק איין גלאָז ביר פאַר 5 סענט, האָט מען געקאָנט צובייסן אַלערליי געזאַלצענע געריכטן: הערינג, פיש, ווורשטלעך און „כל טוב“. פאַר אַרבעטסלאָזע איז דאָס געווען ממש אַ גליק.

טרעפט זיך מיר אַ צווייט „גליק“ און איך פאָר אַרויס אויף אַ „טיר“ מיט פאָרלעזונגען איבער אַ האַלבן טוץ צפון־ און מערב־שטאַטן פון אַמע־ריקע.

אין אָמאַהאָ, שטאַט נעבראַסקאַ און שפּעטער אין דעמאָינס, שטאַט אייאָוואַ, האָב איך זיך באַגעגנט מיט דזשאָו היל, איינעם פון די מערק־ווירדיקסטע און באַצויבערנדיקסטע געשטאַלטן פון דער אַמעריקאַנער אַר־בעטער־באַוועגונג. באַקענט האָב איך זיך שוין מיט אים אין שיקאַגאָ, און דערציילט האָט ער מיר, אַז בשעת דעם „פּריספּיטש פייט“ (קאַמף פאַר פרייהייט פון וואָרט) אין דעטראָיט, איז ער אויך אויף איינעם פון די גאַנ־מיטינגען געוואָרן אַרעסטירט און פּונקט, ווי צענדליקער פון אונדז תיכף באַפרייט געוואָרן דורך דעם ריכטער דזשעפּרים, וועלכער איז אין זיינע יונגע סטודענטן־יאָרן געווען אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע „ריטער פון אַרבעט“ (נאָיטס אָף לייבאָר).

דזשאָו, אַן אָפּשטאַמיקער פון שוועדן (זיין אמתער נאָמען איז געווען יאָזעף הילסטראָם), האָט געהאַט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, ער איז געווען אַ פאָלקס־פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר, אַ הערלעכער קומפּעל (אַ „יאַט“, אַ „נאַש בראַט“) פאַר אַלע אַרבעטס־מענטשן, דער עיקר פאַר די צוממיינ־סטן עקספּלאָאַטירטע, אַן אמתער ריטער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער האָט מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן געהאַסט דעם קאַפּיטאַליזם און טיף געגלויבט אין דעם נצחון פון סאָציאַלער גערעכטיקייט דורך „דירעקטער אַקציע“ פון די מאַסן. און די מאַסן האָבן אים געוואַלדיק ליב געהאַט. טויזנטער קוילן־ און קופּער־גרעבער. אייזנבאַן־אַרבעטער, לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטער, „טרעמפּס“ (וואַגאַבונדן, כראָניש־אַרבעטלאָזע מיגראַציע־אַרבעטער) זענען גרייט געווען מ י ט א י ם אין פייער גיין. מיט זיין פלאַמיקן קאַמפּס־מוט, מיט זיין סאַרקאַזם לגבי די קאַפּיטאַליסטן און ט־

פֿער פֿאַראַכטונג צו שטרייק־ברעכער, צו כּלערליי פֿאַרעטער און פּחדנים, מיט זיין דערמוטיקנדיק ליד — פֿלעגט ער לייכט געווינען זייערע הערצער. און דערבײַ קיין מינדעסטער שפּור פֿון „פּירערשאַפֿט“.

קיין גרויסער למדן אויפֿן געביט פֿון טעאָריע און אידעאָלאָגיע איז ער נישט געווען. ער האָט זיך מיט גרינגשעצונג באַצויגן צו אַלערליי טעאָריעס און וועלטאַנשוילעכע פֿאַראַלגעמיינערונגען, אָבער אַרבעטער האָבן געפֿילט, אַז ער איז פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון דער לוין־שקלאַפֿערײַ גרייט אָוועקצוגעבן זיין לעצטן טראָפּן בלוט. ער איז פֿאַר זיי געווען טייער, ווי אייגן בלוט און פֿלייש. געווען איז ער אַ מין געמיש פֿון אַ סאַנקיולאָט פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און אַ קלאַסישן „רימער אָן אַ פֿלעק און פֿאָרוווּרף“.

אין דער לענג און ברייט פֿון אַמעריקע — פֿונעם פּאַציפֿיק ביזן אַטלאַנטיק — האָט מען געזונגען זיינע סאַטירישע לידער, ווי, למשל, (אין פֿרייער איבערזעצונג): אָ, פֿאַרוואָס אַרבעטסטו נישט, ווי אַלע לייטישע מענטשן? ווי אַזוי קאָן איך, צו אַלדי רוחות אַרבעטן, אַז קיין אַרבעט איז נישטאָ? הללויה, איך בין אַ שלעפּער, הללויה, און טאַקע אַ שלעפּער, הללויה, גיב מיר אַ נדבֿה און זיי מיך מחיה־מתים“. אָדער אַזאַ מין ליד זיינס (אויך אין פֿרייער, נישט געגראַמטער איבערזעצונג): „לאַנגהאָריקע מגידים קומען יעדן אָוונט און קנעלן מיט אונדז איין, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, און ווען מיר פֿרעגן זיי: וואָס זאָלן מיר עסן? — ענטפֿערן זיי פֿיין און זיס: איר וועט עסן קוכנס מיט איינגעמאַכטס אין די רומפֿולע הויכן איבער די הימלען! אַרבעט און זייט מתפּלל, לעבט דערווייל מיט היי. איר וועט דערפֿאַר עסן פֿרוכט־קוכנס אין די הימלען, ווען איר וועט שטאַרבן“.

געזונגען האָט מען די לידער מיט מעלאָדיעס פֿון ליטורגישן קירכן־געזאַנג און מיט די דאָזיקע לידער אויף די ליפּן זענען הונדערטער אַרבעטער־קעפּ געשפּאָלטן געוואָרן מיט פּאָליציי־שטעקנס בשעת פֿאַרשיידענע אַקציעס אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון אַרבעטער־רעכט.

אַזוי ווי מיינע פֿאָרלעזונגען זענען געווען אָוונט־צייט, האָב איך אין אָמאַהאַ דעמאָלט די טעג פֿאַרבראַכט מיט דזשאָו. ער האָט באַרייכערט מיין וויסן וועגן אופֿן פֿון דענקען פֿון פּשוטן אַרבעטס־מענטש אין אַמעריקע. איך האָב מיט אים אַ סך דיסקוטירט. אין פֿיל פֿראַגן בין איך נישט מסכּים געווען מיט זיינע איינשטעלונגען, אָבער נאָך יעדער פּאָלעמיק האָב איך אים אַלץ מער ליב געקראָגן. איך בין געגאַנגען מיט אים אין שענק,

ווו מ׳קאָן פאַר גראָשנס איבערבייסן. ער האָט מיך געפירט אויף פאַבריקן, ווו ער האָט גערעדט פינף מינוט און די איבעריקע צייט ביז צום צוריקגיין צו דער אַרבעט געזונגען זיינע לידער. און „אויסגעלעבט" האָב איך זיך אויף דעם אַ סך מער, ווי אויף מיינע פאָרלעזונגען וועגן... „אויטאָנאָמיזם, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם", איבער וועלכע אַ שאַרפזיניקער חבר פון מילוואָקי (פאַרגעסן זיין נאָמען) האָט זיך געוויצלט, אַז די טעמע קלינגט אים אין די אויערן, ווי יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול".

דער סוף פון דעם אומפאַרגעסלעכן פלאַמיקן דזשאָ היל איז געווען אַ טראַגישער. אַן ערך אַ יאָר נאָך דעם, ווי איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען, בין איך געווען אויף זיין „לוויה" (פאַרוואָס איז דאָס טראַגישע וואָרט ל ו ו י ה אין גענדזנפיסלעך, וועט איר זיך אין עטלעכע שורות ווייטער דערוויסן) אין שיקאַגאָ. דזשאָ היל איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פּראָוואָקאַציע. אין 1915 יאָר האָט ער אָנגעפירט מיט אַ ריזן־שטרייק פון די גרובן־אַרבעטער אינעם שטאַט יוטאַ, מיט וועלכע די קופּער־און מעש־מאַגנאַטן האָבן זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. מעשה שטן מאַכט זיך, אַז אַ קרעמער איז אין דער שטאָט דערמאָרדעט געוואָרן. האָבן די גרובן־מאַגנאַטן אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי צו באַשולדיקן דעם געפערלעכן פאַר זיי שטרייק־פירער אינעם באַגיין אָט דעם מאָרד. פאַר די אַמעריקאַנער נאַט פינקערטאָנס איז דאָס נישט געווען קיין שווערע אויפגאַבע. זיי זענען דערצו געווינט, נאָך פון די צייטן פון דער היימאַרקעט־טראַגעדיע אין שיקאַגאָ. „עדות" האָבן זיך געפונען, ריכטער — אויך. אַ גובערנאַטאָר, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון זיין רעכט צו באַגנאַדיקן — אויך. גאַנץ אַמעריקע איז געווען איבערצייגט אין זיין אומשולד. דער גרויסער אַמעריקאַנער יוריסט, מאַרשאַל, האָט אין זיין ענין אינטערווענירט ביים פּרעזידענט ווילסאָן. אויך צענדליקער פּראָפעסאָרן, געלערנטע, יוריסטן, גלחים און צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. האָט דאָס געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

דזשאָ האָט געקאָנט באַווייזן זיין אַליבי, ווייל ער איז די נאַכט, ווען דער קרעמער איז דערמאָרדעט געוואָרן, געווען זייער ווייט פון דער געגנט. אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל ער האָט די נאַכט פאַרבראַכט אין אַ הויז פון אַן... אנזאַמער פרוי. און ער האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל „קאָמפּראָמיטירט" ווערן אין די אויגן פון די אַמעריקאַנער סנאָבן, אַז זי זאָל פאַלן אַ קרבן פון דער צביעותדיקער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג".

אין דער טויט־אורטייל — אייגנטלעך דער יוסטיץ־מאָרד — איז

אויסגעפירט געוואָרן אין נאָוועמבער 1915. רואיק איז ער געגאַנגען צום טויט, און זייען לעצטער ווונטש איז געווען איבערשיקן אַ בריוו צו זיינע פריינד, אין וועלכן ער בעט זיי נישט צו זיין פאַרצווייפלט, פאָרצוזעצן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די אַרבעטער, ווי אויך נישט צו באַגראָבן אים, נאָר פאַרברענען אין אַ קרעמאַטאָריע און זיין אַש אַוועקלאָזן מיטן ווינט.

הונדערטער טויזנטער אַרבעטער פון פאַרשידענע שטאַטן האָבן געענטפערט מיט שטרייקן אויף דער דערמאָרדונג פון זייער באַליבטן דזשאָו. אין איינקלאַנג מיט זיין ווילן איז זיין קערפּער פאַרברענט געוואָרן און זיין אַש האָט מען צעשיקט צו אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע לענדער פון אַמעריקע און אייראָפּע. איך האָב געהאַט דעם כבוד אָנטיילצונעמען אויף דעם היסטאָרישן היימארקעט-סקווער, ווען אין דער אָנוועזנהייט פון אַן ערך צוואַנציק טויזנט אַרבעטער פון פאַרשידענע שטאַטן איז פאָרגעקומען די מאַקאַברישע „לוויה“ ביים געזעגענען זיך מיט דעם אַש פונעם באַליבטן דזשאָו היל. מען האָט געזונגען זיינע פרייליכע, וויציקע, בייסיקע סאַטירישע לידער, און הויפנס פון זיין אַש זענען צעוואָרפן געוואָרן אויף מזרח און מערב, צפון און דרום.

אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז אומגעקומען דזשאָו היל. איצט פאַרשטייט איר פאַרוואָס זינגט פּאָל ראָבסאָן וועגן דזשאָו היל. „וואָס איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן“?

אָנגעהויבן האָב איך מיין „לעקטשור-טור“ אַלס צייטווייליקע אַקציע. אויסגעלאָזן האָט זיך עפּעס אַנדערש. גאָר פּשוט דערפאַר, ווייל איך האָב אין ערגעץ נישט געהאַט קיין אָנהאַלט — קיין פאַרזיכערטע אַרבעט, קיין משפחה, קיין אייגענע דירה. ווען איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַריין, איז יעדע שטאָט און שטעטל, איז יעדער שטאַט געווען פאַר מיר אַ קעגנשטאַנד פון טוריסטישער און קולטור-שטייגערישער פאַראינטערעסירונג. מיין טורנע איז געגאַנגען אויף מערב פון שיקאַגאָ. צי איז זי געווען נוצלעך פאַר מיינע נישט איבעריק צאָלרייכע צוהערער — ווייס איך נישט, אָבער פאַר מיר איז זי געווען זייער נוצלעך — נישט מאַטעריעל, חלילה! אין דער הינזיכט האָב איך געלעבט, ווי אַ משולח אין אַ קליין שטעטל. גענעכטיקט און געגעסן ביי חברים, קוים-קוים די רייזע-הוצאות געדעקט און... פאַר ווייטער. נוצלעך איז זי אָבער געווען פאַר מיר, דער עיקר דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַמעריקע און מיט דעם יידישן לעבן אין טיף-אַמעריקע, אַזוי צו זאָגן. אין

דאָס ייִדישע לעבן איז געווען אַ גייסטיק-געבעכדיקס ביז גאָר. אַ ביסל אַרבעטער, אַ סך קרעמער און פּעדלער מכּל המינים, אַ הייפל „אַל-רייטניקעס", אויפגעקומענע גבֿירים פֿון פֿאַבריקאַנטישן, סוחרישן און שפּעקולאַנטישן טיפּ. אַ טיפּע עם-הארצות און גראָב-יונגעשקייט. אַ הייפל ייִדן, וועלכע לעבן מיט דערינערונגען און טראַדיציעס פֿון דער „אַלטער היים". און צווישן די דאָזיקע עלעמענטן האָבן זיך געדרייט אַלערליי ייִדישע „ריכטונגען" און „פּאַרטייען", מיט זייערע קוצו של יוד-מחלוקותן, מיט זייער גריבלעניש און „פּראָגראַמען" פֿון „נאַציאָנאַלע" ישועות פֿאַר ייִדן. יעדן פֿון „צענטער" — ד. ה. פֿון ניו-יאָרק אָדער שיקאַגאָ — פֿלעגן זיי אויפנעמען מיט האַרציקער ייִדישער גאַסטפֿריינדלעכקייט, מיט אַ ברייטער האַנט, געבן זייערע פּאַר דאָלאַר פֿאַר פֿאַרשידענע צוועקן, גערן צונויפֿקומען זיך אויף צו הערן עפּעס נייעס און... און גאָרנישט. ביז אַ צווייטער וועט קומען. איך האָב גערעדט, פֿון צייט צו צייט באַקומען אַפּלאָדיסמענטן, אָפֿט געפֿירט „פֿייערדיקע" דיסקוסיעס — מחלוקה לשם שמים מכּוח „לעזן די ייִדן-פֿראַגע", מכּוח הויכע „קולטור-פּראָבלעמען" און אַנדערע עולמות-העליונים-דיקע ענינים. געפֿילט האָב איך אָבער, אַז דאָס אַלץ איז אַ ברכה לבטלה, אַ נשמה-יתירהדיקער ענין פֿאַר זיי, אַז קיין שום וואָרצלען לאָזט דאָס נישט איבער, אַז דאָס איז כּחלום יעוף, אַז מיט זייער ווירקלעכער טאָג-טעגלעכער לעבן, מיט זייערע זאָרגן און לעבנס-אינטערעסן האָט דאָס קיין מינדעסטן שייכות נישט.

אין איינעם אַ קליין שטעטל סו-סיטי פֿון שטאַט אײַאָוואַ, נאָכן אָפּהאַלטן אַ צוויי פֿאָרטראָגן, האָט אַ דעלעגאַציע פֿון ייִדישע אַרבעטס-מענטשן זיך געווענדט צו מיר מיט אַ בקשה, איך זאָל אָרגאַניזירן אַ ייִדישע שול פֿאַר אַ פּאָר צענדליק קינדער, וווּ איך זאָל זיי לערנען ייִדיש, ייִדישע ליטעראַטור, אַ ביסל געשיכטע פֿון ייִדן, כּדי „זיי זאָלן נישט אינגאַנצן פֿאַרפֿרעמדט ווערן פֿון אונדז". זיי האָבן זיך אונטערגענומען מיר צו צאָלן אַ נאָרמאַלן געהאַלט פֿון אַ לערער אין צוגאָב-שולן. איך בין איבערראַשט געוואָרן פֿון דעם אויסטערלישן פֿאָרשלאָג און האָב אים מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען. מיט אַ דירה האָבן זיי מיך באַזאָרגט.

העכער אַ האַלב יאָר בין איך אין דעם שטעטל געווען. עטלעכע און צוואַנציק קינדערלעך האָבן זיך מיט מיר באַפֿריינדעט. אָבער די התלהבֿות פֿון די עלטערן האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר חדשים. אויפֿן פֿערטן חודש האָבן זיי שוין זייער פֿינאַנסיעלע התחייבֿותן נישט געהאַלטן, שפּעטער איז

די דירה אויך נייטיק געוואָרן פֿאַר עפּעס אַנדערש. און איך האָב זיך ווייטער געלאָזט אין וועג.

קיינער האָט מיך אין ערגעץ נישט דעלעגירט, געפֿאָרן בין איך פֿון שטאָט צו שטאָט, געצויגן דורך דעם גלאָב־טראָטערישן דראַנג צו זען עפּעס נייעס. עס האָט מיך נישט געאַרט, צי איך וועל אין דער אָדער אַנדער שטאָט געפֿינען באַקאַנטע אָדער נישט. נישט איינמאָל איז געשען, אַז איך קום צו פֿאָרן אין אַ שטאָט, נעכטיק איבער אין אַ... מיסיאָנערישער אָדער סתם פֿילאַנטראָפּישער נאַכט־אַכסניה פֿאַר שלעפּער און אויף מאָרגן גיי איך אַרויס אין גאַס און טרעף באַקאַנטע פֿון לאָדזש, וואַרשע, ביאַליסטאָק אָדער בריסק. אַזוי איז מיט מיר געשען אין דער שטאָט דע־מאָינס, דענווער און אָמאַהאַ. אין אָמאַהאַ, שטאָט נעבראַסקאַ, למשל, איז מיר געלונגען צו קריגן אַרבעט ביי אַ יידישן הוט־פֿאַבריקאַנט אויף אַ דריי וואָכן. זייענדיק אין דענווער, שטאָט קאָלאָראַדאָ, האָב איך געטראָפֿן אַ לאָדזשער באַקאַנטן, וועלכער האָט צוגעזאָגט מיך איינצואָרדענען אויף אַ גרינגער און לייכטער אַרבעט. דעם זעלבן אָוונט איז ער אָבער געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפֿע.

האָב איך זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. וווּהין? אסור, צי איך האָב געוווּסט. ריכטונג — אויף דרום־מערב. פֿאַרוואָס? אסור, צי איך האָב געוווּסט. איך האָב אַליין נישט געפֿילט, ווי איך פֿאַרטרעמפּ זיך, ווי איך ווער אַ „באָסיאַק“, אַ „טרעמפּ“, אַ וואַגאַבונד. געקומען אין שטאָט אַריזאָנאַ — האָב איך שוין קיין גראָשן ביי דער נשמה נישט געהאַט, אַריין צו אַ פֿאַרמער. אויס רחמנות האָט ער מיר גענומען אויף דריי טעג. גענעכטיקט אין שטאַל, געפֿרעסט היי, גערוימט, גערייניקט די פֿערד. עסן איז געווען איבערגענוג. און.. אַ דערקלערונג, אַז איך קאָן גיין, אַז קיין אַרבעט איז פֿאַר מיר נישטאָ.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון מיין אַן ערך 6־וואָכיקן „טרעמפּישן“ לעבן. געפֿאָרן מיט פֿראַכט־צוגן אַלס „בלינדער פּאַסאַזשיר“, אַליין אָדער אין געזעלשאַפֿט פֿון צענדליקער „פּראָפֿעסיאָנעלע“, אַזוי צו זאָגן, „טרעמפּס“. צוויי מאָל געווען אַרעסטירט און גלייך באַפֿרייט, ווייל עס האָט פּשוט נישט געלוינט פֿאַר די שטייער־צאָלער אויסצוהאַלטן אין די אַרעסט־הייזער פֿון די פּראָווינציאָנעלע שטעטלעך צענדליקער אומזיסטע פֿרעסער. געטראָפֿן זיך האָב איך אויף דעם וועג מיט זייער אינטערעסאַנטע פּערזאָנען — אַנאָנימען, מענטשן מיט העכער בילדונג און מיט משונה־עקסטרעמען אינדיווידואַליזם, מיט מענטשן, וועלכע זענען „פּרינציפּיעל“

געוואָרן שלעפּער, ווייל זיי ווילן זיין „פריי“ און ווילן נישט, אַז עמעצער זאָל זיי „עקספּלאָאַטירן“. טעג נאָך טעג זענען מיר געגאַנגען איבער די מאָנאָטאָנע, גרענעצלאָזע פּרעריעס מיט גראָז פאַר די בויוואָלן און געפירט מערקווירדיקע אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס מיט מענטשן, ביי וועלכע עס איז שווער געווען צו דערוויסן זיך, ווער זיי זענען און פון וואַנען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך אויף אַ קליינטשיקער סטאַנציע געטראָפן אין דער געזעלשאַפט פון אַ ריזיקן יאַט, געקליידעט ווי אַ מאַטראָס — דעם אַמעריקאַנער גאָרקי, דעם געוואַלדיק־פּאָפּולערן צו יענער צייט — דזשעק לאָנדאָן. אין די טרעמפּישע קרייזן איז נישט אָנגענומען פאַרצושטעלן זיך און פרעגן קשיות: פונוואַנען? וווהין, און דאָס גלייכן. אָבער, איבערראַשט האָט מיך, וואָס „מיינע“ שלעפּער האָבן גלייך דערקענט דזשעק לאָנדאָנען און אָפּגעשטעקט אים פריינדלעכע שלום־עליכמס.

איך האָב די אויגן געריבן און געקוואָלן פון פרייד. אָט, האָב איך געטראַכט, וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט אַדורכצושמועסן זיך, ווי עס געהער צו זיין מיט דעם מערקווירדיקן ראָמאַנטיקער, מיט דער שטאַרקער פּערזענלעכקייט, מיט דעם טראָציקן גייסט, מיט דעם בונטאַר, וואָס האָט נישט זיין גלייכן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. ער האָט בפירוש אויסגעמיטן געשפּרעכן אויף סאָציאַלע טעמעס. דערפאַר האָט ער אַ סך גערעדט וועגן הינט און וועגן וועלף, וועגן דער שטורמישער פּראַכט פון דער נאַטור, וועגן דער עקזאָטיק פון צפון, און ווען איך האָב פונדעסטוועגן פּרובירט אריבערצופירן דעם געשפּרעך אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַן אַפאָריזם: אַז „מענטשן זענען, ווי הינט. בילן קענען זיי. זיי מוזן זיך אָבער אויסלערנען בייסן“. און עס איז אַוועק אַ סדרה פאַרביטערטע באַמערקונגען וועגן אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט פאַר פּאָסטנס אין די פּראָפּאַריינען. איך האָב בפועל ממש געפילט, אַז דזשעק לאָנדאָן איז עפּעס פאַרביטערט, אַנטוישט און דערשלאָגן. און נאָך איין אַפאָריזם פון דעם וווּנדערבאַרן דזשעק איז מיר געבליבן אין זכרון. דערזעענדיק, ווי עטלעכע „טראַמפּס“ שלאָגן זיך און צווישן זיי איז פאַראַן אַ נעגער, האָט ער זיי פאַנאַנדערגענומען און לאַכנדיק געזאָגט, אַז ער האָט ליב אַלע מענטשן — ווייסע, שוואַרצע, געלע, רויטע... אַחוץ „סקעבס און פּאָליטישנס“ (ר. ה. שטרייק־ברעכער און פּאָליטיקאַנער). מער האָב איך דעם מחבר פון דער „אייזערנער פּיאַטע“ און „מאַרטין אידען“ נישט געזען. אין 1916 יאָר איז

ער פֿריצייטיק אַוועק פֿון דעם וועלט, פֿאַריתומדיק פֿיל טויזנטער פֿאַרערער פֿון זיין מערקווירדיקן טאַלאַנט און שטורמישן גייסט. צי אַן אַנטוישטער אין סאָציאַליזם — ווייס איך נישט, אָבער אַ דערהדריקטער הורך דעם „אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער“ — זיכער.

פֿון מיינע וואַגאַבונדע נסיעות האָב איך זיך צוריקגעקערט אויף צפֿון און באַשלאָסן צו באַרייכערן מיין וויסן אויפֿן געביט פֿון געשיכטע, ליטעראַטור און אַנדערע סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. צוריק אין חדר אַריין! געוואָרן אַ סטודענט. ווידער אַמאָל זיך איינגעסטאַטקעוועט אויף אַ געוויסער צייט.

יאָרן פון פּראָספּעריטי און אייגנאַרטיקער אַמעריקאַניזאַציע

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט-מלחמה (אויגוסט 1914) האָט זיך אָפּגעשטעלט די מאַסן-עמיגראַציע פון יידן קיין אַמעריקע. אינעם לאַנד גופא האָבן זיך אָפּגעשטעלט די קריזיס-דערשיינונגען און דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון שנעל-וואַקסנדיקן וווילשטאַנד. אַרבעט צו קריגן איז געוואָרן פאַרהעלטנישמעסיק לייכט, די פאַרדינסטן האָבן זיך אין אַ ריי אינדוסטריע-צווייגן געהויבן, בלעקליי קרעמער, אויך קליינע און מיטעלע ביזנעס-לייט האָט עס אָנגעהויבן צו גיין אַ סך בעסער. אין רעזולטאַט האָבן זיך יידן אָנגעהויבן שטאַרקער פילן אַלס אַמעריקאַנער.

דאָס הייסט נישט, אַז יידן האָבן אויפגעהערט אין כלל-ענינים צו קאָכן זיך אין זייער אייגענעם זאַפט און צו פאַרנעמען זיך מיט בלעקליי פילאָזאָפישע הויכע ענינים, אָבער די כלל-טעטיקייט האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ ברייטן פאַרנעם. אינעם פאָדערגרונט האָט זיך אַרויסגערוקט די „הילף" פאַר די ברידער אויף יענער זייט ים. אין דער אַרבעט האָבן זיך אַנגאַזשירט „רעכטע" און „לינקע", „יאַהודים" — און די יידיש-רעדנדיקע יידן פון די מזרח-אייראָפּעישע לענדער, סאָציאַליסטן, ציוניסטן און כלי-קודש מכל המינים. אַן אָריגינעלער „קלאַסן-קאַמף" האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דער הילפס-אַרבעט: די גבירישע עלעמענטן האָבן געוואָלט האָבן די הויפּט-דעה אין דער קאַמפּאַניע, באשר בכן זיי גיבן גרויסע באַשטייערונגען, און די עמך-עלעמענטן האָבן געפאָדערט... „דעמאָקראַטיע", וואָס מער „פון הויז צו הויז-זאַמלונגען" („האוז טו האוז קענוועסינג"), כדי פון קליינגעלט, בייגעשטייערט פון די „פאָלקס-מאַסן", געבן הילף.

אין דער מלחמה-צייט האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן ציוניסטישע איינפלוסן פּאַראַלעל מיט אַמעריקאַניש-פּאַטריאָטישע שט-

מונגען. די כלי־קודש און אַלערליי גרופּן פון „פּאָליטישיאַנס“ האָבן אָנגע־הויבן פּאָליטיש צו דיסקאַנטירן די הילפס־אַרבעט.

דער אָנטייל פון די יידן אין די אָפּגעזונדערטע אַנטימלחמה־אַרויס־טרעטונגען איז געווען אַ לפי־ערך שוואַכער. לכתחילה האָט מען זיך גע־פרייט, אַז אַמעריקע וועט צו דער מלחמה נישט צוטרעטן („פּרעזידענט ווילסאָן האָט דאָס בפירוש געזאָגט“...), און צווייטנס — „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער אַמעריקאַנער זענען מיר. די „איי־דאַבליו־דאַבליו“ האָט זיך שטאַרק אַנגאַזשירט אין דעם קאַמף קעגן דער מלחמה. אַקטיווע אַנטי־מלחמה־קעמפער האָט מען אויך געקאָנט געפינען צווישן געוויסע פּראָגרע־סיוו־פּאַציפיסטישע אינטעליגענטישע קרייזן און אויך ביי דער רעליגיעזער באַפּטיסטן־סעקטע. אַ געוויסער סאָציאַליסט, קוירקפּאַטריק האָט אַרויס־געגעבן אַ בוך אונטערן קעפּל: „מלחמה — צוליב וואָס?“ („וואָר — וואַט פאָר?“). דזשעק לאָנדאָן האָט עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט אָנ־געשריבן אַ מין פּאַציפיסטישן קול קורא קעגן מלחמה און מיליטאַריזם, וועלכער מאַכט פון זעלנער — אַ ווילנלאָזע באַשעפעניש, אויס מענטש. ביי אַ באַשטימטן אָנטייל פון יידן אין דער אַנטימיליטאַריסטישער קאַמ־פּאַניע, איז אָבער די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געווען געווידמעט „רע־ליעף“ (הילף, צדקה). געווען איז דאָס שוין דעמלט סימפּטאָמאַטיש, אַז דער פּראָצעס פון „אַמעריקאַניזאַציע“ אין דעם זין פון פאַרבירגערלע־כונג, פון אָננעמען דעם אַמעריקאַניש־בורזשואַזן „לעבנס־שטייגער“, פון דער „אָלריי־ניקישער“ עטיק, פון אָפּטרייסלען פון זיך דעם ראָמאַנטיזם פון דער „אַלטער היים“ — האָט זיך ווייט אַ רוק געטאָן פאָרויס. איבע־ריקנס, די יידישע סאָציאַליסטן פון מאָרים הילקוויט און מאיר לאָנדאָן שניט זענען געווען נישט בעסער און נישט ערגער, ווי די דייטשישע סאָ־ציאַליסטן — פון בערגער־זיידעל שניט.

אין דער מאָס, ווי די מלחמה האָט זיך אויסגעברייטערט, איז ביי מיר געוואַקסן דער אינטערעס צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטע־ראַטור, צו באַגעגענישן מיט די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן־קרייזן. אָבער אין דער מערבדיקער פּראָווינץ, וווּ איך האָב דעמלט געלעבט, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן שטודירן די פּראָבלעמאַטיק פון דער מלחמה און די טרייב־קרעפטן פון דער וועלט־פּאָליטיק. דאָס, וואָס איך האָב אין די צייטונגען געלייענט, איז קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט געווען. פון דער פּאַציפיסטישער פרייערדיקער האָט מיר אויך די גאַל גע־קערט. עס איז מיר אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן אין דעם א. ג. „קאָסמאָ־

פּאָליטישן קלוב" (אַזוי האָט דער קלוב געהייסן, ווייל ער האָט אַרומגענומען סטודענטן פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסן) פונעם אוניווערסיטעט מיט כינעזישע און אינדישע סטודענטן, וועלכע האָבן די מלחמה דערקלערט מיט דער „צעפוילטער קריסטלעכער ציוויליזאַציע". מיר איז אויך אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן מיט באַפּטיסטישע גלחים, וועלכע האָבן געזען דעם וועג צום „אייביקן שלום און ליבע צווישן מענטשן" אין „צוריקקער צום אמתן קריסטנטום". מיר איז אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן מיט ליידי פּאַנקהורסט — דער באַרימטער רעמלט סופראַזשיסטקע פון ענגלאַנד, וועלכע האָט די מלחמה דערקלערט מיט דער איבערמאַכט פון... מענער איבער פרויען, „וועלכע זענען מוטערס און וואָלטן קיינמאָל צו קיין מלחמה נישט דערלאָזט". מיר איז אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן מיט אָד-און-ווי „סאָציאַליסטישע" פּאַציפיסטן, וועלכע האָבן פאָרגעשלאָגן צו שיקן אויפן פראָנט... די קינדער פון די מיליאָנערן, וועלן זייערע טאַטעס גלייך די מלחמה אָפּשטעלן;...

עס האָט מיך אָנגעהויבן צו „ציען" אויף מזרח. אויב נישט קיין ניו-יאָרק — אין דעם גרעסטן צענטער פון פּאָליטישער עמיגראַציע און גלייכצייטיק דעם גרעסטן יידישן צענטער פון אַמעריקע, דעם „ירושלים האַמעריטשקע", איז לכל הפחות — קיין שיקאַגאָ. איך האָב געשריבן צו משה כץ, וועלכער האָט דעמלט געוווינט אין ניו-יאָרק. ער האָט מיר געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ „לעקטשור-טור" אין דער ריכטונג צו מזרח. פאַר די אַלע יאָרן, וואָס איך בין דעמלט געווען אין אַמעריקע, איז צוליב דעם אומזיניקן איינפאַל צו פאָרן דורך גאַלוועסטאָן מיר נישט געלונגען צו זען זיך מיט אַ ריי חברים פון דער „אַלטער היים", וועלכע האָבן געוווינט אין ניו-יאָרק. פון משה כץ האָב איך פאַר דער גאַנצער צייט באַקומען אַ 2 בריוועלעך, אין וועלכער ער האָט אויף זיין פריינדלעכן אופן קריטיש אָפּגעשאַצט געוויסע מיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען. און איך מוז זאָגן, אַז זיינע באַמערקונגען אין הלכות זשורנאַליסטיק האָבן מיר גאַנץ היפּש געהאָלפן צו ווערן אַ שטיקל זשורנאַליסט. עס האָט אָבער געדויערט העכער אַ יאָר, ביז איך האָב געקראָגן אַ געלעגנהייט צו קומען קיין ניו-יאָרק גופא. נאָר אַדאַנק דער הילף פון די ניו-יאָרקער חברים איז מיר געלונגען צו טרעפן זיך אינעם שטאַט מאַסאַטשוזעטס און ניו-דזשערסי מיט די יידישע וועבער-אַרבעטער, מיט אַ שטאַרק אַקטיוון קלאַסן-חוש, מיט אַ קאַמפּסלוסטן און געזונטן פּאָליטישן צוגאַנג, מיט אַ יידישער יאַדערדיקער פאָלקסטימלעכקייט, אָבער אָן דער „נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער" אידעישער במלנות.

און דאָ האָבן אָנגעהויבן צו דערגיין צו מיר ידיעות וועגן אַן אַלוועלטליכער קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטן=אינטערנאַציאָנאַליסטן אין צימערוואַלד און עפּעס אין גאָר אַ שטעטל (געמיינט — קינטאַל, שוין אין אַפּריל 1916). קיינער האָט גענוי נישט געוווסט ווער, וואָס און ווען, אַ חוץ איינס — אַז עס גייט וועגן מיטלען אָפּצושטעלן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן די מלחמה. צום ערשטן מאָל — איך געדענק נישט פון וואַנען — איז מיר אויסגעקומען צו הערן דעם אויסדרוק „פאַרוואַנדלען די אימפעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגער=קריג קעגן דעם קאַפּיטאַליזם“. איך האָב מיין גייסטיקע רו פאַרלוירן, געקומען קיין שיקאַגאָ און גלייך צום חבר און שכן — בערג (גרוזענבערג=באָראָדין). ער האָט מיך פיין אויפגענומען און געגעבן אַ בינטל ליטעראַטור אין רוסיש. וועגן צימערוואַלד האָט ער שוין געוווסט, וועגן קינטאַל — גאָר נישט. און דערפילט האָב איך, אַז איך בין באַמעריקע, וליבי (און מיין האַרץ) — ברוסלאַנד.

געווען איז דאָס ערב דער וואַל=קאַמפּאַניע פון 1916.

ווקס פון אַמעריקאַנער דזשינגאָיזם און זיין אויסווירקונג אויף יידן

די וואַל-קאַמפּאַניע פון 1916 איז אַדורך אונטער צייכן פון דער קאַרדינאַלער פראַגע: צי טרעט אַמעריקע אַריין אין דער וועלט-מלחמה אויפן צד פון דער אַנטאַנטע אָדער נישט, מלחמה אָדער שלום? די רעפּובליקאַנער האָבן באַשולדיקט דעם פּרעזידענט ווילסאָן, אַז ער פירט אַ נישט גענוגנדיק „פּאַטריאָטישע" פּאָליטיק דערמיט, וואָס ער האַלט אָפּ אַמעריקע פון דירעקטן אַנגאַזשירן זיך אין דער מלחמה, און אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פונעם מיליטאַריסט יוז קעגן ווילסאָנען. די דעמאָקראַטן, שפּעקולירנדיק אויף די אַנטימלחמה-שטימונגען פון די ברייטסטע מאַסן אין אַמעריקע, האָבן ווידער אַמאָל אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון ווילסאָנען, ווייל „ער האָט אונדז צוריקגעהאַלטן פון דער מלחמה". געווונען האָבן די דעמאָקראַטן מיט זייערע שלום-לאָזונגען, כדי גלייך נאָכן אויסוויילן פון זייער קאַנדידאַט ווילסאָן אַלס פּרעזידענט, אָפן אָנהייבן צוצוגרייטן אַמעריקע צום אָנשליסן זיך אין דער מלחמה. ביי אַ סך האָט די אומפאַרשעמטע דעמאַגאָגיע און צביעות אַרויסגערופן אַ צאָרן און אויפגעבראַכטקייט. ביי מיר שוין נישט. איך בין שוין צו יענער צייט — אַנטשולדיקט מיר פאַר דער „באַרימעריי" — נישט געווען אַזוי נאַיוו צו זיין איבעראַשט פון אַזעלכע זאַכן. וואָרום דעם פּרצוף פון דער אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע" האָב איך שוין מער אָדער ווייניקער געקענט.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַמעריקע איז געגאַנגען באַרג אַרויף. דער עקספּאָרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך מער ווי פאַרטאָפּלט אין צוויי יאָר צייט. אַמעריקע האָט נישט נאָר אַדאַנק די מלחמה-רווחים אויסגעצאָלט די אייראָפּעישע לענדער אַלע חובות, נאָר איז געוואָרן דער קרעדיטאָר פון ביידע מלחמה-פירנדיקע צדדים. אין די יאָרן 1915 און 1916 האָט אַמעריקע פאַרשטאַרקט אירע פּאָזיציעס אין די לאַטיין-אַמעריקאַנער לענדער: סאַן-דאָמינגאָ, האַיטי, מעקסיקע, פּערו, טשילי מיט דער

הילף פון דאָלאַרן, און ווו עס האָט נישט געהאָלפן דער דאָלאַר־דרוק, האָט מען געלאָזט אין גאַנג מיליטערישע עקספּעדיציעס און קריגס־שיפן. ביי איינער פון די אַמעריקאַנער מיליטערישע אַוואַנטורעס אין מעקסיקע ביי וועראַ קרוץ איז אומגעקומען איין איינציקער אַמעריקאַנער זעלנער, צופעליק אַ ייד. האָט איר געדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ מיליטערישן כבוד מען האָט אים מקבר געווען און וואָס פאַר אַ „פּאַטריאָטישן" שרים־טאַנץ די יידישע „געזעלשאַפטלעכקייט" האָט אויפגעהויבן. און געהאַנדלט האָט עס זיך מכוח דערשטיקן די פאָלקס־באַוועגונג אין מעקסיקע, אַזוי ווי עס איז די „יענקיס" געלונגען צו מאַכן אין האַיטי און סאַן־האָמינגאָ.

אין מענטשן האָבן מיט פּאַטאָס געזונגען: „אַמעריקע, אי לאָוו יו" („אַמעריקע, איך ליב דיך, פונקט ווי מיין בעסטן פריינד! פון אָקעאַן ביז אָקעאַן, דיר געהערט מיין פרייהייט"). און „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך". אין דעם פּאַטריאָטישן עקסטאַז האָט דער יידישער גרילצנדיקער פאַלסעט און באַגייסטערטער קול הממה דקה נישט געפעלט. און אין דער מאָס, ווי די מאָרגאַנס און אַנדערע פינאַנס־מאַגנאַטן, וועלכע האָבן ריזיקע קאַפּיטאַלן אינוועסטירט אין די אַנטאַנט־לענדער, האָבן אַלץ אַנטשלאָסענער געפאָדערט דעם אָנשלאָס פון אַמעריקע אין דער מלחמה — אַלץ מער האָט אָנגעהויבן פּלאַצן די „אַנטירוסישע" אָריענטאַציע ביי באַדייטנדיקע טיילן פון יידישן בירגערטום און זיך „איבערגעקוליעט" אויף דער זייט פון דער „אַנטאַנט": ענגלאַנד, פראַנקרייך. און ווער רעדט נאָך, אַז אַמעריקע וועט זיך אָנשליסן (און צו דעם איז דאָך געגאַנגען!), קאָן מען שוין „מוחל זיין", וואָס צווישן זיי איז פאַראַן דער צאַר אויך, מיט זיינע פורישקעוויטשעס און אַנדערע שוואַרץ־מאהדיקע פּאָגראָמשטשיקעס.

די פרעסע האָט וועלטן געקערט. די צייטונגען האָבן אויסגענוצט דאָס דערטרינקען יערע. פּאַסאַזשיר־שיף — ספּעציעל פון דער „לוזיטאַניא", אויף וועלכער אַ סך אַמעריקאַנער זענען געפאָרן — דורך די דייטשן, כדי צו אַגיטירן פאַרן אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלדיקע קאַמפּאַניע קעגן די דייטשישע רציחות, וועלכע זענען באמת געווען און קעגן דער דייטשישער שפּיאָנאַזש־און סאַבאָטאַזש־טעטיקייט, וועלכע האָט באמת געהאַט אַן אָרט, נאָר וועגן וואָס מ'האָט „ביז איצט" געהאַלטן פאַר נייטיק צו שווייגן, כל זמן עס האָט די טרעסטן און קאַרטעלן געלוינט צו האַנדלען מיט ביידע צדדים. אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַ פילם (דעמלט נאָך אַ שטו־

מער), וועלכער שמעלט פֿאָר, ווי די דײַטשן באָמבאַרדירן ניו-יאָרק און מענטשן זעען בפועל ממש, ווי זייערע הײַזער, ווו זיי וווינען אָדער אַרבעטן, פֿאַלן זיך פֿאַנאַנדער ווי קאָרטן-הײַזלעך אונטער די דײַטשישע באָמבעס.

אין דער פּראָ-אַנטאַנטישער „פּאַטריאָטישער" שפּיל האָט אויך נישט געפֿעלט קיין יידישע „ראָזשינקע". די אַמעריקאַנער „איינפֿלוסרייכע ספֿערן" האָבן גאָרנישט געהאַט קעגן אויפֿלעבן ביי יידן... ציוניסטישע אַספּיראַציעס. דער געדאַנקען-גאַנג איז געווען אַזאַ: טערקיי וויל נישט געבן יידן ארץ-ישראל. דער גייסטיקער איסלאַם-פֿירער פֿון די אַראַבישע מוסולמענער, דער מופֿטי — אויך נישט. איצט אין דער מלחמה, אויב די אַנטאַנט וועט זיגן, וועט פּאַלעסטינע אַרונטערפֿאַלן אונטער דער ממשלה פֿון ענגלאַנד, וועלכע וועט די יידן, דעם „ביבל-פֿאָלק" געבן דאָס רעכט צו שאַפֿן אַן „עפֿנטלעך-רעכטלעך געזיכערטע היים אינעם לאַנד פֿון זיינע אבות". איין קליינע קאַפּוליער אָנצוהערעניש איז פֿאַר די אַמעריקאַנער ציוניסטישע עסקנים גענוג געווען, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן צו רירן. פֿאַר די אַזוי אויך באַוועגלעכע און טומלדיקע „אַרבעטער-ציוניסטן" פֿון פֿאַר-שידענע מינים, וועלכע האָבן דעמלט געהאַט אין אַמעריקע זייער גאַנצן „גענעראַל-שטאַב" מיט בן-גוריונען און זרובבלן בראש, איז דאָס געוואָרן אַ צייכן אויף אַרויסצושווימען אויף „ברייטע" פּאָליטישע וואַסערן.

איך פאַרלאָז אַמעריקע

דאָס היסטאָרישע 1917 יאָר, וועלכן ס׳איז „באַשערט“ געווען צו ווערן אַן איבערברוך־יאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — האָט זיך אויך אין אַמעריקע אָנגעהויבן מיט בולטע סימנים פון אַן איבערברוך.

שוין אָנהייב פעברואַר 1917 האָט אַמעריקע איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט דייטשלאַנד, וואָס עס איז געווען אַ קלאָרער סימן, אַז אין דער וועלט־מלחמה האָט זיך אַמעריקע בפירוש געשטעלט אויף דער זייט פון דער אַנטאַנטע, דעם 6־טן אַפּריל, האָט זיך אַמעריקע אָפּיציעל אָנגעשלאָסן אין דער מלחמה.

בינו לבינו, איז אין ווייטן רוסלאַנד פאָרגעקומען אַ „קלייניקייט“ — אַ ר ע וו אָ ל ו צ י ע. דער פאָלקס־צאָרן האָט באַזייטיקט די העכער דרייהונדערט יאָריקע ממשלה פון די ראָמאַנאָווס, און רוסלאַנד איז געוואָרן אַ רעפּובליק, שוין אָן צאַרן, אָבער נ אָ ך מיט קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זייערע מאַכט־פּאָזיציעס און פּריווילעגיעס. נישט קיין קליינע ראָל אין דעם נצחון פון דער אַנטיצאַרישער, דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע האָט געשפּילט די שטרעבונג צו מאַכן אַ סוף צו דער פאַרברעכערישער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. פונדעסטוועגן האָט דאָס אָ פ י צ י ע ל ע אַמעריקע מיט „באַגייסטערונג“ אויפגענומען די רוסישע רעוואָלוציע, האָפנדיק, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וועט זיך ערשט... ווי געהעריק נעמען צו פירן די מלחמה קעגן דער דייטש־עסטרייכישער קאָאַליציע „ביז צום זיגרייכן סוף!“ די צייטונגען האָבן זייער „פּראָמינענט“, מיט ריזיקע קעפּלעך, געשריבן וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און מיט סימפּאַטיע, ווי וועגן אַ געשעעניש, וואָס וועט אין רוסלאַנד באַזייטיקן די פּראָדייטשישע און פאַרשטאַרקן די פּראָ־אַנטאַנטישע רעגירונגס־עלעמענטן. אין די ערשטע

חדשים פון 1917 יאָר האָבן די הערשנדיקע קרייזן פון אַמעריקע געהאָפט, אַז עס וועט געלונגען דאָס „פרייע רוסלאַנד“ פון די קערענסקיס, עסערן און מענשעוויקעס איינצושפּאַנען אין זייער רייטוואָגן.

אמת, כמעט אין די זעלבע טעג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „פּאַטריאָטישע“ מלחמה=היסטעריע איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אין אַ... „פּלאָמבירטן וואַגאָן“ (סענסאַציאָנעל=קנאַקנדיק!!) איז קיין רוסלאַנד געקומען פון דער שווייץ „איינער אַ“... לענין (הו איז דאָס באַי“ — „ווער איז דער בחור?“ — פלעגן דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער פּאַרטשעפּען געקומענע פון רוסלאַנד), וואָס איז אויפן פּעטראָגראַדער וואָקזאַל מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן דורך אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן און האָט עפּעס גערעדט „מאָדנע“ („סטריינדזש“) עקסטרעם און... „נישט פּאַטריאָטיש“, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן קאָמפּלימענטן אויפן אַדרעס פון קערענסקי, טשערנאָוו, דאַן, ליבער, גאָץ, אַז זיי זענען „גרעיט“ (גרויס), אָבער דער לענין מוז זיין אַ „טראָבל מייקער“, ד. ה. אַזעלכער, וואָס האָט ליב אָנצוטאָן צרות.

גאָר אַנדערש איז די רעוואָלוציע אויפגענומען געוואָרן דורך די אַרבעטער, וועלכע האָבן דערוואַרט סאָציאַלע ענדערונגען. די ערשטע נישט גענויע ידיעות וועגן די לענינישע אַפּריל=טעזן האָבן ביי אַרבעטער, אפילו ווייטע פונעם קלאַסן=באַוווסטזיין אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע סענסאַציע און געוועקט האָפענונגען. אָבער גראַד דאָס איז דורך דער „גרויסער פּרעסע“ נישט אַזוי „פ ר ע מ י נ ע נ ט“ (אָנזעעוודיק) געגעבן געוואָרן. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן האָבן צונויפגערופן אין איילעניש אַ פּאַרטיי=קאָנפערענץ אין סט. לואיס און בהפזון אָנגענומען אַ פּאַרעווע, גאָרנישט זאָגנדיקע און צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע אַנטימלחמה=רעזאָלוציע, פאַרשווייגנדיק דעם הויפּט=אינהאַלט פון די פּלאַמיקע דיסקוסיעס אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן אין צימערוואַלד (1915) און קינטאַל (1916), הגם וועגן דעם, וואָס דאָרט איז געשען האָט דער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מאָרים הילקוויט נישט געקאָנט נישט וויסן. נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער „פּאַרעוודיקייט“ פון דער רעזאָלוציע האָט דאָס געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון וועלכער די עקסטרעם פּראָמלחמה=עלעמענטן מיט דזשאָן ספּאַרגאָ בראש זענען פון דער פּאַרטיי אַרויס. אַ קורצע צייט שפּעטער זענען אויך אַוועק אַנדע=

רע, צווישן זיי אויך היינט וועלט־באַקאַנטער בורזשואַזער פּובליציסט — וואָלטער ליפּמאַן. אָבער גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ לינקע, אינטערנאַציאָנאַליסטישע ריכטונג צווישן די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, וועלכע האָט דערפירט מיט אַ יאָר שפּעטער צו אַ שפּאַלטונג. צום כבוד פון די אַמעריקאַנער קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זענען אויך אַוועק אַזעלכע, ווי דער אַלטער, ווונדערבאַרער יוהזשין דעבס — דער אַמעריקאַנער זשאָרעס, וועלכער איז ביזן לעצטן אָטעם־צוג טריי געבליבן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם קאַמף פאַר שלום, ווי אויך רוטענבערג, דזשאָן ריד און אַ גאַנצע פּלעיאַדע שפּעטערדיקע „לינקע“.

אין די קרייזן פון דער רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע — צווישן וועלכע יידן האָבן פאַרנומען אַ זייער אָנגעזען אָרט — האָט די פראַגע פון אַמעריקאַנער אַריינטריט אין דער מלחמה פאַרנומען אַ צווייטראַנגיק אָרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמת פריידיקע „לויפעניש“ צוריק אַהיים, אינעם פרייען רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. אין דעם יידישן וועלט גופא האָבן די אויפטרייסלענדיקע ענדערונגען פונעם אָנהייב 1917 אַרויסגערופן פאַרשידענע טענדענצן: פון איין זייט — אַ דראַנג „איבערצושאַצן אַלע ווערטן“, און פון דער אַנדערער זייט — אַ פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישע שטימונגען. אַ קרבן פון אָט דעם יידיש־נאַציאָנאַליסטישן פּסיכאָז, איז אויך געוואָרן „מיין“ פּאַרטיי, די קליינע גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. אויף דער קאָנפערענץ פון דער דאָזיקער פּאַרטיי אין ניו־יאָרק אין דער ערשטער העלפט פון 1917 האָט זיך דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן אַרויסגעזאָגט פאַר דעם , אַז אין דער געגעבענער היסטאָרישער סיטואַציע האָט דער „טעריטאָריאַליזם“ די מעגלעכקייט רעאַליזירט צו ווערן אין פּאַלעסטינע. נחמן סירקין האָט געוויזן דעם וועג. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָב איך אויף דעם שאַרפסטן אופן פּראָטעסטירט קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער היסטעריע און גלייך אויפן אָרט דערקלערט, אַז איך האָב מיט זיי קיין מגע ומשא נישט מער און אַז איך פאָר קיין רוסלאַנד. מיין שטאַנדפּונקט האָבן דעמאָלט פאַרטיידיקט לייזער טאַלמי (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט), מענדלסבערג (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַן „אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסט“) און נאָך עטלעכע.

אַ פרייער מענטש, אָן „פּאַרטיי“־התחייבותן, בין איך געפאָרן אײ־

דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע. פאַרן אַוועקפאָרן בין איך אַריין אין דער רעדאַקציע פון „אַמעריקען סאָשעליסט" — דעמאָלט אַ וואָכן־אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — און גענומען אַ קאַרטע אַלס קאָרעספּאָנ־דענט אין רוסלאַנד, וואָס האָט מיר שפּעטער, אין פּעטראָגראַד, שטאַרק געהאָלפן.

די רעוואָלוציע רופֿט...

ביז היינטיקן טאָג איז מיר אין זכרון פֿאַרבליבן די פֿריידיקע אויפֿרודערונג, וואָס האָט אַרויסגערופֿן די מעלדונג אין די אָוונט=צייטונגען (געווען איז עס אין שיקאַגאָ) מיט ריזיקע קעפּ: „רעוואָלוציע אין רוסלאַנד“. מענטשן אין דער געגנט פֿון דיוויזשאָן סטריט און האָמבאָלד פּאַרק, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט, וואָס איז געווען באַוווינט דער עיקר דורך רוסישע און פּוילישע ייִדן, דורך רוסן, אוקראַיִנער און טיילווייז שוועדן — האָבן זיך די הענט געדריקט, געקושט און געהאַלדזט, געטאַנצט אין די גאַסן, וואָס אין אַמעריקע איז אַ זעלטענע דערשיינונג. איך בין גלייך מיט דער צייטונג אין דער האַנט אַוועק צום חבר בערג, אַריינגעריסן זיך ווי אַ ווינט גלייך אין עס=צימער און געטראָפֿן אים מיט זיין פֿריי און אַ פּאָר באַקאַנטע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען ניקאָליי ב ו כ אַ ר י ן און געטראָפֿן זיי ביי אַ... „בלעק האָרז“ — „שוואַרצער פֿערד“ (איינער פֿון די בעסטע מינים פֿון שאָטלענדישער וויסקי), מאַכנדיק דעם ריכטיקן לחיים. איך האָב זיך נאָך דעמאָלט נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז דער ריזיקער געלאַסענער פּעדאַגאָג, וועגן וועלכן איך האָב בלויז געוווּסט, אַז ער איז אַ סאָציאַל=דעמאָקראַט, וואָס וויל צו דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי נ י ש ט געהערן, וואָס רעדט מיט אַזאַ אַנטיפּאַטיע וועגן דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָס קוקט מיט אַזאַ סימפּאַטיע אויף מיין אַקטיוויטעט אין דער איי=דאַבליו=דאָבליו. והגם נישט ער און נישט איך זענען געווען סינדיקאַליסטיש געשטימט, בלויז אויס שנאה צו דער רעאַקציאָנער=אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פֿון גאָמפּערסעס „אַמעריקאַנער פֿעדעראַציע פֿון אַרבעט“ און מיט אַזאַ איראָנישן שמייכל אויף מיינע דעמאָלטע טעריטאָריאַליסטישע אַנשויונגען אין דער ייִדן=פֿראַגע — וועט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויפֿשווימען אַלס די כמעט לעגענדאַרע פֿיגור פֿון „טאָוואַרישטש באָראָדין“, (דער סאָוויעטישער ראַטגעבער ביי... טשאַן קיי=שעקן, איידער ער האָט פֿאַראַטן די רעוואָלוציע), וואָס האָט דורכגעמאַכט

נאָך דער בלוטיקער דערהרגעונג פון דער „קאַנטאָנער קאָמונע“ דורך טשאַנ־קיי שעקן זיין באַוואונדערונגספולן, פאַסציאָנירנדיקן אַנטלויפן דורך כינעזישע און מאָנגאָלישע מדבריות צוריק אין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער אַ לחיים האָבן מיר געמאַכט אַ גאָר־גאָר פויגלדיקן.

עס איז נישט אַריבער קיין וואָך, ווי די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון צאַרישן רוסלאַנד פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, כדי צוריק צו פאָרן אינעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. פון די אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן האָבן דעמלט געוווינט אין אַמעריקע: בוכאַרין, טראָצקי, וואָלאָדאַרסקי, בינטשיק די אַנאַרכיסטן: שאַטאָוו, וואָלין, אַ חוץ דעם אַ גרויסע גרופּע רעוואָלוציאָנערע מאַטראָסן פון קרייצער „פּאָטיאָמקין“, און ווייַ אָנגעזעענע לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. עס זענען אין אַלע גרעסערע שטעט געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די רוסישע קאָנסולאַטן, וועלכע האָבן פון דער קערענסקי־רעגירונג באַקומען אַ פאַראָרדענונג אָפּצושיקן קיין רוסלאַנד אויפן חשבון פון דער צייטווייליקער רעגירונג די רעגיסטרירטע דורך די אינטערפּאַרטייאישע קאָמיטעטן. אַ סך ייִדן זענען געווען צווישן די, וועלכע האָבן זיך רעגיסטרירט אויף צוריקפאָרן. פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן איז כדאי צו דערמאָנען אַלעקסאַנדער כאַשין, משה כ״ץ, לייזער טאַלמי און הונדערטער אַנדערע פּאָליט־עמיגראַנטן פון פאַרשידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען. אויב איך האָב קיין טעות נישט איז צווישן די רעעמיגראַנטן קיין רוסלאַנד פון אַמעריקע געווען אויך בער באָראָכאָוו. הונדערט פּראָצענט זיכער בין איך נישט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז צווישן די צאָלרייכע בונדיסטן — פּאָליט־עמיגראַנטן איז דער פּראָצענט רעעמיגראַנטן געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק קלענער, וואָס לאָזט זיך לויט מיין מיינונג, דערקלערן דערמיט, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע און האָט זיך גרינגלעכער און שנעלער אַמעריקאַניזירט, פאַרנעמענדיק אָפט אַ באַדייטנדיק אָרט אין דער וואַקסנדיקער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אין די דעמלטיקע נאָך עקזיסטירנדיקע „ייִדישע פאַכן“ (שניידער, לעדער־פּראָדוקציע מכל המינים). טייל בונדיסטן — פּאָליט־עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און פּוילן האָבן שפּעטער אין אַ באַדייטנדיקער מאָס בייגעשטייערט צו דער אַנטשטייונג פונעם לינקן פליגל אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

די פאָרמאַליטעטן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט מיין אָפּפאָרן

קיין רוסלאַנד האָבן זיך פֿאַרצויגן ביז חודש מאַי 1917. היות די מלחמה איז דעמלט געווען אין ברען און איבער דעם אַטלאַנטיק האָבן געבושעוועט די דייטשישע אונטערוואַסער=שיפֿן — האָבן מיר געמוזט פֿאָרן דורך דעם פּאַציפֿיק, דורך װלאַדיװאָסטאָק און יאָקאָהאַמאַ (יאַפּאַן), לעוו טראָצקי האָט אָבער צוליב איילקייט פֿראָבירט פֿאָרן דורך קאַנאַדע, וואָס איז דעמלט געווען אין מלחמה צושטאַנד, איז ער טאַקע אין קאַנאַדע אַרעסטירט געוואָרן. עס האָט זיך שנעל געענדיקט בשלום אַדאַנק דער אינטערווענץ פֿון די קאַנאַדער אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס און פֿון דעם פּעטראָגראַדער אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַט, ווי אויך פֿון דער קערענסקי=רעגירונג. בערג=באָראָדין, געדענק איך, איז געווען שטאַרק ברוגז אויף טראָצקין פֿאַר זיין „אוכאַרסטוואָ" (ווויליונגערישקייט).

ווען איך בין איינעם באַשטימטן טאָג געקומען אויפֿן באַנהויף אין שיקאַגאָ, כדי צו פֿאַרנעמען מיין אָרט אין דעם ספּעציעלן צוג, וועלכער האָבן אונדז דערפֿירט צום פּאָרט וואַנקאָווער אין דער בריטישער קאָלומביע — האָט דער וואָקזאַל פֿאַרגעשטעלט מיט זיך א הערלעך בילד, וואָס האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרוווּנדערונג און באַוווּנדערונג ביי אַלע צופֿעליקע פּאַסאַזשירן. הונדערטער אָפּפֿאָרנדיקע, טויזנטער באַגלייטער, רויטע און שוואַרצע (אַנאַרכיסטישע) פֿענער, די וואַגאָנען באַפּוצט מיט טראַנספּאַרענטן, וועלכע זינגען שבח דער רוסישער רעוואָלוציע, געזאַנג פֿון „מאַרסעליעזע", „אינטערנאַציאָנאַל", „וואַרשאַוויאַנקע" און דעם פּרעכטיקן לויט דער מעלאָדיע אַנאַרכיסטישן הימן, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „לאָמיר זשע זינגען א ליד אונטער דעם קלאַנג פֿון עקספּלאָזיעס, אונטער געשרייען און קוילן, אונטער דעם פֿלאַם פֿון שרפֿות..."

צענדליקער טראַנספּאַרענטן... הוראַ! מיר פֿאָרן אין דעם לאַנד פֿון רעוואָלוציע!

מיט די כוואַליעס פֿון אַטלאַנטיק
אויף די ברייטע שליאַכן פֿון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד

מיט גרויס באַגײַסטערונג, ממש פֿאַרשיכורט פֿון פֿרייד האָבן מיר, עטלעכע הונדערטער פּאָליט־עמיגראַנטן, זיך געלאָזט אין וועג אַריין, כדי אָנצושליסן זיך אין דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אין באַפֿרייטן פֿון די צאַרישע קייטן רוסלאַנד.

אויפֿן וועג קיין וואַנקאָווער האָבן אונדז אויף די נישט צאָלרייכע סטאַנציעס, וווּ מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן, האַרציק באַגריסט די קאַנאַדער אײַזנבאַנער און פֿאַרמערס. זיי האָבן אונדז באַגלייט מיט אויסגעשרייען: „דערשלאָגט דעם דײַטש צום טויט!“ ווײַל אַ סך פֿון זיי האָבן אונדז געהאַלטן פֿאַר דער „פּאַטריאָטישער יוגנט“, וואָס פֿאָרט קיין רוסלאַנד זיך שלאָגן פֿאַר דער „זאַך פֿון די פֿאַרבינדעטע“. זיי האָבן, נעבעך, נישט פֿאַרשטאַנען דעם זין פֿון אונדזער הילכיקן געלעכטער אַלס תשובה אויף יענעלעכע אויסרופֿן, עס איז צו זייער באַוווּסטזיין נישט דערגאַנגען אונדזער אויסגעשריי: „שלום די געצעלטן — מלחמה די פּאַלאַצן!“ מיט געציילטע עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן זיי עס מסתמא שוין יאָ פֿאַרשטאַנען...

נאָכדעם, ווי מיר האָבן פֿאַרנומען כמעט אַלע קאַבינעס פֿונעם צווייטן קלאַס (על חשבון הגביר — פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג) אויף דער גרויסער שיף פֿון „קונאַרד ליין“ אונטערן נאָמען: „די אימפּעראַטאָרשע פֿון רוסלאַנד“, זענען די טעג אַריבער אין הייסע לײַדנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס צווישן באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, עסערן, אַנאַרכיסטן, דער עיקר אויף דער טעמע: די פּערספּעקטיוון פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. לענינס אַפּריל־טעזן זענען שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט און דער עיקר האָט זיך די דיסקוסיע געדרייט אַרום די האָזיקע טעזן. נישט קוקנדיק אויף די פֿאַרשידענע איבערצײַגונגען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָט זיך די מערהייט אין די עיקרדיקע פֿראַגן אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער באָלשעוויסטישער שטעלונג. דעם שטאַרקסטן

יצחק גאָרדין פאָטאָגראַפירט אין שיקאַגאָ, אַפּריל 1917
פֿאַרן אָפּפאָרן אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד

טומל אין די דיסקוסיעס, ווי אויך די הויפט־רעדלפירער אין דער צייטונג פון דער „שיף־קאָמונע" זענען געווען צוויי אנארכיסטן: שאטאוו, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן א באלשעוויק, דער בויער פון „טורקסיב" (אומגע־קומען אַלס קרבן פון... 1937) און וואָלין — שפּעטער דער העכסטער פּאָליטישער קאָמיסאַר ביים „באַטקאָ" מאַכנאָ, דערשאָסן געוואָרן בעתן ליקווידירן די מאַכנאָ־באַנדעס. ביידע — גלענצנדיקע רעדנער מיט... אַן אַכט אנארכיסטישן מיש־מאַש אין די מוחות. און דערצו — וויציקע מענטשן. א קרבן פון זייערע וויצן בין איך אויך „געפאַלן" אין דער העקטאגראפירטער שיף־צייטונג, וואָס זיי האָבן רעדאַגירט. איך האָב עטלעכע מאָל באַרירט אין די דיסקוסיעס די נאַציאָנאַלע פראגע. קיין לעניניסט בין איך נאָך דעמלט אין דער פראגע נישט געווען, נאָר קעגן דער מענשעוויסטישער איינשטעלונג און עסערישער אין דער דאָזיקער פראגע בין איך אַרויסגעטראָטן. די אנארכיסטן ווידער האָבן געטענהט: די סאָציאַלע רעוואָלוציע און די ליקווידאַציע פון מלוכה בכלל וועט ממילא אויך לייזן די נאַציאָנאַלע פראגע. וואָס טוט גאָט? האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז צווישן די געציילטע „צופעליקע" פּאַסאַזשירן איז געווען א פּיליפּינישע פּיאַניסטין, וועלכע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די לייַדנשאַפט־לעכע דיסקוסיעס און פלעגט אָפט מיך בעטן איך זאָל איר אויפקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך האָב עס געַרן געטאָן, בפרט, אַז זי איז מיר בכלל געפעלן געוואָרן. מאַכט זיך, אַז איינמאָל בין איך אויף אַ דיסקוסיע נישט געווען, לייען איך איבער אַ מעלדונג אין דער שיף־צייטונג, אז איך בין אויף דער לעצטער דיסקוסיע נישט געווען, ווייל איך „בין שטאַרק פאַרנומען מיט שטודירן די נאַציאָנאַלע פראגע אויף די פיליפּינער אינדזלען". אסור, אויב איך בין אויף דעם „פלאַמיקן ביל", אויף שאַ־טאוון היינט עס, ברוגז געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן בייסיקן וויץ. גיכער דערמאָן איך אים אין מיינע מחשבותן לשבח צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פריינד — קרבנות פונעם מאַקאַברישן 1937 יאָר.

דער וועג האָט אונדז געפירט דורך יאקאהאמא (יאפאַן), פוזאַן (קאָרעע) ביז דער סטאַציע קלאַנטשענדזי — די ערשטע רוסישע גרענעץ־סטאַציע אויף דער כינעזיש־מזרחדיקער אייזנבאַן. אויף דער פען בעטן זיך אייניקע אינטערעסאַנטע באַגעגענישן אין טאָקיאָ, ספּעציעל אין דער גרויסער מלוכהשער ביבליאָטעק, ווו אַן אַלטמשקער יאַפּאַנישער וויסנ־שאַפטסמאַן האָט זיך מיר אין דער אָריענטאַליסטישער אָפּטיילונג פאָר־געשטעלט מיט די ווערטער: „גם אני מזרע ישראל" און צוגעגעבן:

„ובשם אלהי ישראל אני מאמין“, ווי אויך מיט אַן אָנטיילנעמער פון דער רוסיש=יאַפּאַנישער מלחמה, וועלכער האָט גערעדט אַן אַנשטענדיקן רוסיש און ביים געזעגענען זיך, שעפּטשענדיק אויפן אויער, צו מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל זען דעם אַלטן קאַטאַיאַמאַ (דעם וועטעראַן פון דער יאַפּאַנישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג) זאָל איך אים גריסן. אינטערעסאַנט וואָלט אויך געווען צו דערציילן, ווי אַזוי איך בין אויף אַ הייליקן באַרג הינטער פוזאַן שיער נישט געלינטשט געוואָרן ווייל איך בין אַרויף אויף דעם באַרג מיט שיך אויף די פיס. נאָר דאָס וואָלט אונדז ווייט פאַרפירט אין אַ זייט.

דער וועג פון קלאַנטשענדזי ביז כאַרבין איז געווען אַן אמתער טריומף=מאַרש. בוכשטעבלעך אויף יעדער סטאַציע — און אויך אויף די א. ג. „פּאָלסטאַנקעס“, וווּ דער צוג פאַרהאַלט זיך בלויז אַ מינוט — האָבן אונדז די סאָלדאַטן און אָפיצירן פון די אָרטיקע גאַרניזאָנען, די אייזנבאַנער און די אַרבעטער פון אייזנבאַן=דעפּאָס מיט זייערע משפחות, די שול=יוגנט געצוווּנגען צו זאָגן עטלעכע ווערטער. אויף איינער פון די סטאַציעס איז אַרויסגעטראָטן אַ געוויסער עסער און האָט אָנגעהויבן צו אַגיטירן פאַר „מלחמה ביז צום זיגרייכן סוף“. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די צאָרנדיקע אויסגעשרייען פון די סאָלדאַטן: „נידער מיט דער מלחמה! — מיר דאַרפן שלום, ערד און פרייהייט!“ די אינטערנאַציאָנאַליסטישע און אַנטימיליטאַריסטישע עלעמענטן צווישן אונדז האָבן אָנגעקוואָלן פון נחת און לענינס נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האַלט איך פאַר נויטיק צו דערציילן אויך פון אַ צווייטן עפּיזאָד אין אַ גאָר אַנדערער, קעגנזעצלעכער ריכטונג. מיט אונדז איז געפאָרן אַ געוויסער יידישער אַרבעטער=טוער, אַ סאָציאַליסט=טעריטאָריאַליסט לויט זיינע פאַרמלחמהדיקע איבערצייגונגען — וועמענס פאַמיליע=נאָמען איך האָב פאַרגעסן, נאָר מען האָט אים גערופן מיט אַ ביסל אַ קאָמישן פסעוודאָנים — יאַשקע ציפּלאָנאָק. אינעם מאָמענט פון זיין אַרויספאָרן פון אַמעריקע איז ער שוין געווען אַ פלאַמפייערדיקער באָלשעוויק. אויף דער סטאַציע יעקאַטערינענבורג (היינטיקער — סווערדלאָווסק) האָט זיך אים פאַרגלוסט אַראָפּצוגיין אין שטאָט און אָנטיילנעמען אין אַ דיסקוסיע אויף אַ סאָלדאַטן=מיטינג, נישט ווייט פון דער סטאַציע. געקומען איז ער... אַ צעבלוטיקטער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן דער

מלחמה און קעגן קערענסקין, האָט מען אים דאָרט צעמזיקט און פאַרטריבן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען ערשט יוני 1917, ווען קערענסקי איז נאָך געווען אַן אָפּגאָט, און די מערהייט פון די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַטן איז נאָך געווען אין די הענט פון די מענשעוויקעס און עסערן, און אַז דאָס איז געשען העט-העט ווייט פונעם פראָנט. דאָס איז געווען דער פּעריאָד, ווען עס איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר די נשמות און באַוווּסטזיין פון די מיליאָניקע פאָלקס-מאַסן.

איך וואָלט געקאָנט דערציילן עטלעכע אינטערעסאַנטע איינדרוקן פון אירקוטסק, ווו צוויי וואָכן באַפרייטע דורך דער רעוואָלוציע פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס און פאַרשיקטע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער עשעלאָן, צווישן וועלכע איך האָב באַגעגנט אַ לאָדזשער ייִדישן וועבער, אַ בונדיסט, מיט וועמען איך האָב אין די צייטן פון דער סטאָליפּין-רעאַקציע צוזאַמען געאַרבעט אינעם קולטור- און געזאַנג-פאַריין „האַרפע“. ער האָט מיך דערקענט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין 1910 יאָר זענען מיר צוזאַמען געזעסן אין דער טורמע אויף דער מילשאַ-גאַס (הײַנט — קאָפּערניקאַ), נאָר אויף אַנדערע אָפּטיילונגען, אַזוי, אַז מיר האָבן זיך דאָרט נישט געטראָפן אויף די שפּאַצירן. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אויפן וועג אַ גאַנץ צופעליקע באַגעגעניש מיט דער אַלטיטשקער קעמפערין פון די עסערן — ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ, וועלכע האָט גראָד געהאַט אַ פאַרלעזונג אינעם דעפּאָ פון טשיטאַ: דערציילן וועגן דעם באריכות וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט.

אינעם רעוואָלוציאָנערן פּעטראָגראַד (לענינגראַד) בין איך אָנגעקומען צוויי טעג נאָך די היסטאָרישע יולי-געשעענישן, ווען די אַרמיי פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָט צעשאָסן די פרידלעכע דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער און סאָלדאַטן.

א דערדריקנדיקן איינדרוק האָט געמאַכט דער אויסערלעכער אויסזען פון דער שטאָט, מיט איר וווּנדערבאַרער אַרכיטעקטור, מיט אירע ברייטע גאַסן, וועלכע זענען איצט געווען פול מיט שאָלעכץ פון באַניעקערן ביז די קנאָכן, מיט מיטינגען, מיטינגען אויף אַלע קרייצונגען, מיט קערענסקיס שפּיאָנען, וועלכע האָבן זיך בסדר גערוקט וואָס נעענטער צום רעדנער. אַ פרייד איז אָבער געווען צוצוהערן זיך און צוצוקוקן זיך צו דער שטימונג פון די אויפגעברויזטע מאַסן. אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט היטלעך,

קאַפּעליושן, שירעמס, נישט אומעטום זענען נאָך די בלוט-פלעקן פון די מאַסאַקרירטע רעמאָנסטראַנטן שוין אָפּגעוואַשן געוואָרן, אָבער געפילט האָט מען שוין, אַז קערענסקיס בלוטיקע אָפּרעכענונג מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים אין מונדירן און אין ציוויל איז אַ פּירוס-נצחון. די באָלשעוויסטישע לאָזונגען פון שלום און סאָציאַליזם זענען שוין באַשיינפּערלעך געוואָרן אַ מעכטיקע מאַטעריעלע קראַפט. מיט זיכערע טריט האָט דאָס לאַנד אָנגעהויבן צו גיין צום ז י ג ר י י כ ן אָ ק ט אָ ב ע ר.

אין זעלנערישן שינעל קעגן מלחמה

קומענדיק קיין פּעטראָגראַד, אָן אַ שום פאַרבינדונג, האָב איך זיך געדרייט ווי אין אַ באַצווייבערנדיקן עולם התוהו. אַזויפיל יאָרן האָב איך גערעדט און געטרוימט וועגן רעוואָלוציע. א י צ ט ה אָ ב א י ך ז י י ג ע ז ע ן אין איר שטורמישן, רעאַלן דראַנג, גאָר־גאָר נישט ענלעך צו די אויסגעחלומטע ראָמאַנטישע אידיליעס פון מײַנע יוגנט־יאָרן מכוח דעם „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע“. גאַנצע טעג האָב איך זיך געדרייט איבער די גאַסן פון רעוואָלוציאָנערן פּעטראָגראַד, אָנטיילגענומען אין צענדליקער ספּאָנטאַנישע מיטינגען פון אַרבעטער, מאַטראָסן, סאָלדאַטן און סטודענטן, צוגעהערט זיך צו די פלאַמיקע דיסקוסיעס מכוח די עיקרדיקסטע גורל־פראַגן פאַר דער רעוואָלוציע. געהערט, געשוויגן, געשלונגען יעדעס וואָרט און טיף איינגעאָטעמט אין זיך די פאַרשיכורנדיקע, היפּנאָטיזירנדיקע אַטמאָספער פון רעוואָלוציע, וועלכע איז אין יענעם פּעריאָד געווען ווי אַ וווּלקאַן ערב דעם אויסברוך. דאָס צאַנדיקע פייערל אין די אויגן פון די סאָלדאַטן און מאַטראָסן, זייערע אויסגעשרייען קעגן די „קראַוואָפּייצי“ (בלוטזויגער) און הייזעריקע רופן: „דאָלאָי קראָווישקו פּראָלעוואַט“ (גענוג בלוט פאַרגיסן) האָט אויף מיר פיל שטאַרקער געווירקט, ווי אַלע אַרגומענטן, וועלכע די „באָוועסטיגיקע“ רעדנער פון דער אָדער יענער ריכטונג האָבן באַנוצט.

אין זכרון זענען בײַ מיר פאַרבליבן אײניקע קוריאָזע עפּיזאָדן: אַ וווּנדערשיינע מיטל־יאָריקע פרוי אין דער קליידונג פון אַ נאָנע מיט אַ גרויסן צלם אויף איר ברוסט דרייט זיך איבער דעם נעווסקי פּראָספּעקט און מורמלט צו זיך אַליין: „פּראַווילנאָ, פּראַווילנאָ... איר האָט זיך געבונטעוועט, מיט „קראַמאָלע“ זיך פאַרנומען! האָט טאַקע דער „צאַר־באַטיושקאַ“ פון אײַך זיך אָפּגעזאָגט. איצט האָט איר דאָס, וואָס איר האָט פאַרדינט“. קלאַנגען זענען געווען פאַרשפּרייט, אַז דאָס איז איינע פון די הויף־דאַמען, וועלכע איז פון זינען אַראָפּ צוליב די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן.

אָדער אַן אַנדער עפּיזאָד: אין דער געגנט פון דער וועלט=באַרימטער קאַטעדראַל „איסאַאַקיעווסקי סאָבאָר“ גייט אַ ספּאַנטאַנע, דורך קיינעם נישט צוגעגרייטע מאַניפעסטאַציע מיט אויסגעשרייען: „נידער מיט דער מלחמה! ערד און פרייהייט! צו אַלדי רוחות (ק'טשאָרטאָוואָי מאַטיערי) די צען מיניסטאָרן=קאַפּיטאַליסטן!“ (אַ פּאָלקסטימלעכע איבערזעצונג פון דעם באַקאַנטן באָלשעוויסטישן לאָזונג), און אין מיטן דריגען גייט פון דער קאַטעדראַל אַרויס אַ גרופּע פון אַן ערך 150 מענטשן — טיפּישע „קופּיעצקע“ מאָרדעס, צדקניתן און משינאָווניקעס מיט הייליקע פּענער און מיט געזאַנג פון „קאָל סלאַוויען נאַש האָספּאָד וסיאָניע“ — און די ריזיקע מערהייט פון די צאַרנדיקע הענמאָנסטראַנטן לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און כאַפּט אונטער דאָס „הייליקע“ ליד.

עס האָט זיך געפונען דערמאַלט אַ גימנאַזיע=לערער מיט אַ שיטער בערדל אין אַ לערער=מונדיר, וועלכער האָט געוואָלט דאָס דיסקאַנטירן פאַר דער „פאָלקס=איינהייט“ אין קאַמף „קעגן דעם דייטש“ („גיעממשו=ראַ“) און געגומען לויבן די „פאַרבינדעטע“ (סאָיוזניקי), רופנדיק צו „מלחמה ביז דעם ענדגילטיקן נצחון“ — האָט ער געכאַפּט אַ גאָב, אַז אונטער אַ טומלדיקער קאַץ=מוזיק איז ער פאַרשוואונדן אויש הינטער דעם „אַדמיראַל=פּאַלאַץ“ מיט דער היסטאָרישער „אַדמיראַל=נאָדל“.

לאַנג און פיל האָב איך געטראַכט וועגן אָט דעם באַשייפערלעכן קאָנטראַסט.

דער שטורעם=ווינט פון דער רעוואָלוציע האָט מיך עמאָציאָנעל איינגאַנצן פאַרשלונגען. ביים טאַוורישן פּאַלאַץ האָב איך צופעליק זיך אָנגעשטויסן אויף מיינעם אַ געוועזענעם לאָדזשער אידעען=חבר, מיט נאָמען אַלעקסאַנדער (זיין פאַמיליע=נאָמען האָב איך פאַרגעסן), וועלכער איז גלייך נאָך לענינס „אַפּריל=טעזן“ אריבער צו די באָלשעוויקעס. ער האָט מיך געפירט איבער די אַרבעטער=קוואַרטאַלן פון פּעטראָגראַד, ווו איך האָב געהאַט די געלעגנהייט באַשייפערלעך צו זען און ממשותדיק פילן דעם פּראָצעס פון כסדר=וואַקסנדיקער אַנטוישונג מיט דער פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס און עס=ערן. איך האָב אים שטאַרק מקנא געווען, ווייל ער איז געווען איינער פון די טעכנישע פאַרבינדלער מיט לענינען, וועלכער איז דעמאָלט געווען אומלעגאַל. ער האָט מיך איינמאָל געבראַכט אויף אַ פאַרזאַמלונג, ווו עס איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע פון אַנטקעגנשטעלן זיך קערענסקיס אַגיטאַציע פאַר אַ „מלחמה ביז אַן ענדגילטיקן נצחון“. אויף דער פאַרזאַמלונג האָב איך באַגעגנט מיין אַמעריקאַנער

באַקאַנטן — דעם שפּעטער באַרימטן וואָלאָדאַרסקי (איך געדענק אפילו נישט, צי ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ באָלשעוויק, אָדער נאָך נישט). איך האָב אים נישט דערקענט אין אַ „גימנאַסטיאָרקע" מיט אַ פֿאָרמלאָזן „שינעל" און עטלעכע טעג נישט קיין ראַזירטן. זעענדיק, ווי די אַרומיקע קוקן אויף מיר מיט חשד, ווייל איך בין געווען דער איינציקער „פּאַצעט" אין אַן אַמעריקאַנער אַנצוג מיט אַן אַמעריקאַנער קראַוואַט, האָט ער לאַכנדיק געזאָגט צו די אַרומיקע, אַז איך בין נישט קיין בורזשוי, נאָר אַ פּאָליטישער עמיגראַנט פֿון אַמעריקע. דער אומצוטרוי פֿון מיט עטלעכע מינוט צוריק האָט זיך פֿאַרביטן אויף פֿריינדלעכע שמייכלען. אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט מען אַפּעלירט צו גיין אַלס פֿרייוויליקע אַקטיוויסטן אויפֿן פֿראָנט, כדי „פֿאַנאַנדערצולייגן" די סאָלדאַטן, זיי זאָלן פֿאַרלאָזן דעם פֿראָנט און אַקטיוו אַרויסטרעטן קעגן קערענסקיס מלחמה=פּלענער. אַלס איינער פֿון די לעצטע, נאָך אין אינגערלעכן ישוב, צי וועט דאָס מיר נישט שטערן צו פֿאַרבינדן זיך מיט די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד און צו מיין צוריקקער קיין פּוילן — האָב איך זיך פֿאַרשריבן אין דער ליסטע. וואָלאָדאַרסקי האָט מיר לאַכנדיק געזאָגט: „עס וועט אייך אויסקומען אַ קאַפּעטשקע צוצוואַרטן מיט אַ טעריטאָריע פֿאַר יידן, וועלכע וועט זיך האָפֿנטלעך אין רוסלאַנד, נאָך דעם ענדגילטיקן זיג פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, געפֿינען". מיין חבר אַלעקסאַנדער איז געווען איבערגליקלעך פֿון דער דאָזיקער באַמערקונג, באַמיענדיק זיך מיך צו איבערצייגן, אַז מיט זיין פֿאַרלאָזן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון זיינע טעריטאָריאַליסטישע איבערצייגונגען. אַ, הייליקע פּשטות!

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך פֿאַרפּאַקט מיין אַמעריקאַנער אַנצוג, געקראָגן אַ שינעל, שטיוול, אַ גימנאַסטיאָרקע און אַ פֿעלד=פֿלאַש (מאַגיערקע) — דערביי האָב איך בלויז פֿאַר די שטיוול געצאָלט מיט געלט, און פֿאַר די איבעריקע זאַכן מיט... מאַכאָרקע — און בין אַוועקגעפֿאָרן קיין דווינסק, וווּ עס איז דעמאָלט געווען די הויפּט=קוואַרטיר פֿון דער 5=טער אַרמיי. גלייכצייטיק האָב איך אָנגעבונדן באַציונגען מיט מיינע אידעען=חברים, פֿאַר וועלכע איך האָב פֿאַרשוויגן מיין דווינסקער מיסיע, דערקלערנדיק בלויז, אַז איך האָב אַן ענין צו דערליידיקן אין דווינסק, און זיי האָבן מיר געראָטן צו פֿאָרן קיין פּאָלאָצק, וווּ דעמאָלט האָט צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג „געקיניגט" אַלס באַפֿולמעכטיקטער פֿון „יעקאָפּאָ" — אַ הילפֿס=אָרגאַניזאַציע פֿאַר יידישע מלחמה=פּליטים — און אַקטיווער

טער פון די „פּאַראַיינינקטע“, דער גלענצנדיקער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר מיט שפּרודלדיקער ענערגיע — מאיר פּײַנלייך.

די 12 טעג, וואָס איך בין געווען אויף דעם דווינסקער פראָנט־אָפּשניט, זענען געווען אַ פעריאָד פון גרויסן טריומף פון אונדזער מיסיע. צוזאַמען מיט די איבעריקע נײַן חברים, וועלכע זענען גלײַכצײַטיק מיט מיר אהינ־געקומען, צווישן וועלכע עס זענען געווען מענטשן מיט און אָן בילדונג, גוטע און שלעכטע רעדנער, האָבן מיר ממש מיטגעריסן די מאַסן זעלנער. חלילה נישט מיט אונדזער כוח הדיבור, נאָר מיט די לאָזונגען, וואָס מיר האָבן געוואָרפן. דאָס איז שוין געווען אין פעריאָד פון פאַרשאַרפטן טעראָר. מ'האָט שוין די סאָלדאַטן פעסט אײַנגעצוימט. די „שפּיצלעס“ פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג האָבן זיך שוין אומעטום געדרייט. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער אַרמיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. מען האָט דעריבער געמוזט באַנוצן די טאַקטיק פון פערזענלעכער אַגיטאַציע, אין קליינע גרופּן, וואָס ווײַטער פון די קאַזאַרמעס. קיין איין עפנטלעכע אַרויסטרעטונג אונדזערע האָט נישט געדויערט לענגער, ווי 10 — 15 מינוט, בעת וועלכע דער רעדנער איז כסדר איבערגעריסן געוואָרן מיט געשרייען: „פּראַווילנאָ!“ אָפט פלעגן די סאָלדאַטן אַרומרינגלען דעם רעדנער אין אַוועקפירן אים וואָס ווײַטער, כדי די אונטערגעהעצטע קאַדעטן און טרײַ־אונטערטעניקע „געאָרגיעווסקי־קאַוואַלערן“ זאָלן אים נישט צעמזיקן. דער אינהאַלט פון די רעדעס איז געווען אַ קורצער און ביז גאָר אַ פשוטער:

„אין די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטישע בלוט־זויגער זענען הונדערטער טויזנטער פון אײַך אומגעקומען און מיליאָנען פאַרקריפּלט געוואָרן. איצט וויל מען ווידער איר זאָלט מיט אײַער בלוט און יסורים העלפן די קאַפּיטאַליסטן און פריצים צו פאַרפעסטיקן זיך אויף אײַער קאַרק און דערשטיקן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און פאַרפעסטיקן די קאַפּיטאַליסטישע ממשלה אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. פאַרלאָזט דעם פראָנט! גייט אַהיים מיט געווער אין די הענט, כדי אָפּצונעמען די ערד בײַ די פריצים און פאַרטרײַבן די קאַפּיטאַליסטן פון די פאַבריקן!“ און עס האָט גענומען, אוי, גענומען!

איינמאָל געדענק איך — נישט ווײַט פון נעוועל איז דאָס געווען — ווי נאָך אַ 5 מינוט רעדן, האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצו־לויפן. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַדײַט, ביז עמעצער האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום דאַרף אָנקומען אַ צוג. זעענדיק, אַז איך בין צעטומלט, האָבן מיך אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן

אַרומגערינגלט און אונטערוואַרפנדיק אין דער הויך ביז די געדערעם האָבן זיך ביי מיר צעטרייסלט, האָבן זיי מיר געזאָגט: „ניע אביזשאַיסיא, בראַטישקאַ“ — באַליידיק זיך נישט, ברודערל. מיר זענען דאָך פאַר דער רעוואָלוציע. און אַז מיר וועלן זיך נישט איילן צום צוג, קאָנען מיר נאָך פאַרשפּעטיקן „זעמליו בראַט“ (פאַרכאַפּן די ערד ביי די פּריצים).

גליקלעכע 12 טעג אין מיין לעבן זענען דאָס געווען. איך האָב געפילט דעם אָטעם פון דער רעוואָלוציע. ווען עס האָט אונדז אָנגעהויבן „ברענען אונטער די פיס“, זענען מיר — די „גרופּע „פרעמדע“ אַגיטאַטאָרן זיך צעפאָרן. איך — קיין פּאַלאַצק — וואָס איז פאַר מיר געוואָרן אַ מין הויפּט-קוואַרטיר, פאַר מיין פאַרצווייגטן לעקציע-טורנע איבער צענדליקער שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם יידישן תחום-המושב.

אויף די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע

אינעם פעריאָד, ווען די טאָפּל־מאַכט פון קערענסקים צייטווייליקער רעגירונג און פון די אַרבעטער־, פויערים־ און סאָלדאַטן־ראַטן האָט זיך פאַרענדיקט דורך דער צעשיסונג פון דער פרידלעכער אַרבעטער־ און סאָל־דאַטן־דעמאָנסטראַציע אין די יולי־טעג 1917 אין פעטראָגראַד; ווען אינעם גענעראַל־שטאַב האָט זיך געגרייט אַ מיליטערישע פאַרשווערונג בראש מיט דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן גענעראַל קאָרנילאָוו — האָט מען אין די שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם יידישן תחום המושב זיך נאָך געפּלפּולט אַרום די פראַגן ווער האָט רעכט: די מענשעוויקעס אָדער די באָלשעוויקעס, און דער עיקר האָט מען פייערדיק דיסקוטירט מכוח דער לעזונג פון דער יידן־פראַגע אין דער רעוואָלוציע: צי... אַ שמאָלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע, ווי דער „בונד" האָט געוואָלט אָדער אַ „ברייטע נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע", ווי די „פאַראייניקטע" האָבן פאַרלאַנגט, און ווען יעדער טאָג האָט אונדז דערנענטערט צו דעם שטורמישן אָקטאָבער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט, האָבן ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אויף די אויבן־דערמאָנטע טעמעס פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון וויטעבסק און מאָהילעוו, שקלאָוו, קאַפּיס און ראָגאַטשאָוו, מינסק, קיִעוו און האָמעל, נעוועל, באָברויסק און סלוצק.

פון די דעמאָלט ווירקנדיקע יידישע פאַרטייען — איז בלויז דער „בונד" געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער רוסישער סביבה, אָבער אויף דער זייט פון מענשעוויזם. די נעמען פון די בונדישע פירער ל י ב ע ר און אַ ב ר אַ מ אָ וו י ט ש זענען געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די נעמען טשכעאידזע, דאַן, סקאָבעלעוו, טשערנאָוו, גאָץ און אַנדערע מענשעוויקעס און עסערן. אַנדערש איז געווען מיט די איבעריקע אידעיִשע ריכטונגען אין דער יידישער סביבה, וועלכע האָבן געזוכט פאַרבינדעטע אין דער רו־

סישער רעוואָלוציע און זיך אָנגעשלאָסן אין די, וועלכע האָבן זיי דאָס דערמעגלעכט צוליב געוויסע פּאַראיבערגייענדיקע ט אַ ק ט י ש ע סיבות.

אַ באמת קאָמישער שידוך איז געווען, למשל, דער וואָל=בלאָק צווישן די „פּאַראייניקטע“ און די... עסערן. באשר ובכן צווישן די „סיימאָוועצעס“, וועלכע האָבן זיך פּאַראייניקט מיט די סאָציאַליסטן=טעריטאָריאַליסטן אין איין פּאַרטיי, איז געווען אַ גרופּע פירער — אַזעלכע ווי מאַרק ראַטנער, ד״ר זילבערפאַרב, יהודה נאָוואַקאָווסקי א.א. — וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געהאַט אידעישע און פערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט עסערן, אָבער די עסערן זענען איינגעגאַנגען אויף אַרויסצושטעלן אין זייער ליסטע צו דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג עטלעכע „פּאַראייניקטע“ און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. אָדער די פּועלי=ציון. אומעטום האָבן זיי אין שטאָטראַטן מיטגעאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס, אונטערשטיצנדיק די באָלשעוויסטישע לאָזונגען און זייער אַגיטאַציע און די באָלשעוויסטישע פאָדערונגען אין די שטאָט=ראַטן און אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַטן. אין וויטעבסקער שטאָט=ראַט איז אַ פּועלי=ציוניסט געווען דער ראש=המדברים (די באָלשעוויסטישע פראַקציע איז באַשטאַנען פון עטלעכע נישט געניט דערפאַרענע יונגע סאָלדאַטן). זיינע רעדעס אין אַ גלענצנדיקן רוסיש האָבן געמאַכט אַן איינדרוק און די מענשעוויסטישע פירער אין שטאָט=ראַט האָבן געהאַט אַ שווערן ביסן פּאָלעמיזירנדיק מיט אים. איך, זייענדיק (אין אויגוסט 1917) אַ מיטגליד פון וויטעבסקער שטאָט=ראַט האָב אויך אונטערגעשטיצט די באָלשעוויסטישע פאָרשלאָגן אַזוי, אַז אַ רוסישע מאָנאַרכיסטקע — אַן אַנטיסעמיטקע האָט דאָס אויסגענוצט, כדי אין איר אַרויסטרעטונג אין נאָמען פון איר פראַקציע, וועלכע האָט געטראָגן אַ ווייסרוסישן נאָמען, אונטערצושטרייכן, אַז אַלע יידן אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען זענען באָלשעוויקעס, קעגן וואָס עס האָט שטאַרק פּראָטעסטירט איינער פון די מענשעוויסטישע פירער, אונטערשטרייכנדיק, אַז ער איז אויך אַ ייִד.

דאָס אַלץ איז נוגע, אַזוי צו זאָגן, די פירערשאַפט. צווישן די ברייטע יידישע מאַסן, צווישן „עמד“ זענען צו יענער צייט פאָרגעקומען טיפע, רעוואָלוציאָניזירנדיקע פּראָצעסן, זיי האָבן געזען די סכנה, וועלכע שטעקט אין דער פּאָליטיק פון די מענשעוויסטיש=עסערישע פּאַרטייען, און אַלץ אָפטער אונטערגעשטיצט די לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס. דער פּראָצעס פון פאַנאַנדערפאַלן פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַר דעם נצחון פון דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע — אַן ערך אין סעפּטעמבער 1917.

אין מײַנע נסיעות איבער ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע האָב איך זיך שוין אָנגעשטויסן אויף נײַע שטימונגען בײַ די ייִדישע פאָלקס־מענטשן און אויף אַ וואַקסנדיקן ריס צווישן דער מאַסע און די פירער אין די ייִדישע פּאַרטייען.

דער אָפּהילך פון די קאַנאָנען־שאָסן פון דער קרייצער־שיף „אַוראָראַ" איז אין די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע דערגאַנגען דורך טויזנטער סאָלדאַטן, מאַטראָסן און... „בורזשויען" מכל המינים, וועלכע האָבן פאַרפולט אַלע צוגן אין דער ריכטונג, דער עיקר פון, אָבער אויך קיין פּעטראָגראַד. אויף יעדער סטאַציע זענען געשטאַנען הונדערטער ייִדישע האָרעפּאַשניקעס און ממש געשלונגען דעטאַלן דערפון, וואָס עס איז געשען, אויסהערנדיק אָן אַ שיעור באַגײַסטערטע ברכות און אויך נישט ווייניק קללות אויף די „באָלשעוויקעס". דאָס אַלגעמיינע געפיל איז געווען, אַז עטוואָס ג ר ו י ס ע ס, וואָס עס איז שווער תופס צו זײַן, איז געשען. עס האָבן זיך געפונען נישט ווייניק חכמים פון דער הגדה, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו טענהן, ווי יענער שלום־עליכמס העלד מכוח דער אײַזנבאַן, אַז „עס וועט נישט אויסהאַלטן". אַ שמיקל בלבול המוחות האָט דאָס אַרויסגערופן בײַ די אַקטיווע טוער פון די ייִדישע פּאַרטייען („בונד", פּאַראייניקטע, ציוניסטן, פאָלקיסטן).

איך געדענק אַ געשפּרעך אויפן וואָקזאַל אין באָברויסק. אַן עלטערער ייִד האָט אײַנגעטענהט מיט אַ גרופּע בונדיסטן און פּאַראייניקטע כהאי לישנא: „איך בין אַ סטאָליער. מײַן טאַטע און זיידע זענען געווען סטאָליאַרעס. מײַן עלטער־זיידע, עליו השלום, איז אין קאָפּיס, ליאַדי און שקלאָוו געווען באַקאַנט ווי רבי שמאי דער סטאָליאַר. ער איז געווען אַ בן־בית בײַם הרב הקדוש (דער באַרימטער גרינדער פון דער ליובאַוויטשער שיטה אין חסידות), וואָס זענען מיר אַלע געווען? קבצנים, דלפנים, עפר ואפר. איצט זענען מיר סטאָליאַרעס, שוסטער־יונגען, שניידער, באַלעגאָלעס, שמידן, געוואָרן די אמתע יחסנים. סוף כל סוף האָב איך דערלעבט, אַז עס איז מקוים געוואָרן דער „ממשלת זדון תכלה מן הארץ". דאָס איז געווען אַן אינסטינקטיווע רעאַקציע פון אַ פּשוטן ייִדישן האָרעפּאַשניק, וואָס די איינציקע אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט געהערט זענען געווען... חברה משניות און חברה תהילים.

אין דער זעלבער צײַט — אַן ערך צווישן דעם 10־טן און 15־טן נאָוועמבער 1917 יאָר האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אסתר פרומקין, העניע גאָרעליק און בראַון —„סערגעי" („בונד"), משה ליטוואַקאָוו

משה באַלטיקאָקליס — גוטמאַן און מאיר פֿייגלייב (פּאַראַייניקטע), וועמען איך האָב דערציילט וועגן דער סענטענץ פֿון דעם אַלטן באָברויסקער סמאָליער. זייער רעאַקציע איז געווען פֿאָלגנדיקע:

אסתר פרומקין — יאָ, אַ פֿאַקט איז, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט די ערשטע געזיגט אינעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד, אַנדערש ווי מיר האָבן געדענקט. דאָס וועט בלי ספֿק צווינגען אונדז גרינטלעך איבערשאַצן די ווערטן. די פֿראַגע איז בלויז, ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען איינשליסן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, הײַנט „בונד“ אין דער געענדערטער סיטואַציע.

העניע גאָרעליק — (זי לעבט איצט אין קאַליפֿאָרניע) האָט אומגעדולדיק רעאַגירט אויף אסתרס ווערטער: „די איבערשאַצונג פֿון די ווערטן דאַרף פֿאָרקומען וואָס שנעלער און וואָס טיפֿער. מיר האָבן אַ סך איבערצוטראַכטן אויף דאָס נײַ“.

משה ליטוואַקאָוו — דער בייסיקער למדן מיט אַ קנאישער גאַמור, מיט אַ צונג און פֿען, וואָס האָט געשפּריצט מיט הומאָר און... גאַל — האָט געזאָגט, אַז אויב די באָלשעוויקעס וועלן קומען קיין קיעוו (ווי עס האָט דעמלט געווינט) וועט ער ווערן אַ... מאַקסימאַליסט. וואָס הייסט? — פֿרעג איך. ענטפֿערט ער: „איך וועל גאַנצענע טעג זיצן ביי „מאַקסימען“ (אַזאַ גרויסע קאַוויאַרניע אין קיעוו) און טרינקען טיי אָדער קאַווע, וואָרום... פּאָליטיש טעטיק וועל איך נישט קאָנען זיין“.

משה גוטמאַן, דער גוט באַקאַנטער אין פּוילן אונטערן פּסעוודאָנים „בערל“ און „זעליקאָוויטש“ — וועמען ליטוואַקאָוו האָט בייסיק באַצייכנט מיט דעם נאָמען „אַ סאָלדאַט, וועמען מ׳האָט פֿאַרגעסן אָראָפּצונעמען פֿון פּאָסטן“, ער איז אַגב געווען אַ דעלעגאַט אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די ראַטן (וועלכער האָט באַשטעטיקט לענינס היסטאָרישע אָקטאָבער־דעקרעטן). ער האָט דאָרט אָפּגעגעבן אַ מעטושטששע דעקלאַראַציע מיט „דעמאָקראַטישע“ מוסר־זאָגערײַ אין נאָמען פֿון די „פֿאַראייניקטע“ (אָ ווי־פֿל קאָמישע קוריאָזן קומען פֿאָר בשעת וועלט־דערשיטערנדיקע געשעענישן! עס בעט זיך, ממש, אַ... שלום־עליכם אָדער מאַרק טוועין פֿאַר הײַנט). ער האָט מיר דערקלערט, אַז „אמת, די סיטואַציע האָט זיך געענדערט, אָבער מ׳דאַרף פֿאַרשטאַרקן אונדזער פּאַרטיי („פֿאַראייניקטע“), כּדי צו... באַאיינפֿלוסן די ראַטן־מאַכט צו לעזן די יידן־פֿראַגע אינעם טעריטאָריאַליסטישן גייסט און גאַראַנטירן די ספּעציפֿישע יידישע באַדערפֿענישן.

פֿייגלייב — מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין אַמעריקע —

איז פּשוט געווען אין כּעס און האָט מיט רוגזה דערקלערט: „מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו ענדערן. זיי (ד. ה. די באָלשעוויקעס) וועלן קיין צוויי חדשים נישט אויסהאַלטן. דאָס זענען אַוואַנטוריסטן, בלאַנקיסטן. ענגלאַנד און די „סאָיוזניקעס“ (אַנטאַנט) וועלן צו דעם נישט דערלאָזן“.

ב ר אַ י ן — (געשטאַמט פון ריגע), אַ גלענצנדיקער בונדיסטישער רעדנער: „די באָלשעוויקעס באַגראָבן די רעוואָלוציע. דאָס קאָן קיין קיום נישט האָבן, דער חוב פון ערלעכע סאָציאַליסטן איז צו באַקעמפן אָט די „אַוואַנטוריסטישע חברה“. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט „געהאַלטן וואָרט“. אַ פאַרעקשנטער מענשעוויק איז ער פאַרבליבן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג (געשטאָרבן איז ער, דוכט מיר, פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ערגעץ אויף דער עמיגראַציע). אַלע איבעריקע אויבן־דערמאָנטע — אַ חוץ פיינליבן, וועלכער איז געבליבן אַ מאַטעריאַליסט ביז זיין לעצטן אָטעם, זייענדיק אין פאַרשידענע לענדער אויף עמיגראַציע און וועלכער האָט שפּעטער געהאַט שטאַרקע פּראָסאָוויעטישע סימפּאַט'עס — זענען אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוואָרן קאָמוניסטן — דער גרעסטער טייל פון זיי — אַקטיווע קאָמוניסטן.

אָבער דער פּראָצעס, וואָס האָט געפירט מיט אַן אייזערנער אינערלעכער לאָגיק און אומפאַרמיידלעכקייט צום אונטערגאַנג פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — „בונד“ און „פאַראייניקטע“, „פּועלי־ציון“, (די לעצטע האָבן זיך פּרובירט אַ צייט איינהאַלטן אונטערן נאָמען „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי“) האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָכן דערשטיקן דעם קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַרום דעם גענעראַל־שטאַב (סטאַווקא), וואָס האָט זיך געפונען אין מאָהילעוו אויפן דניעפּר מיט דעם גענעראַל דוכאָנין בראש, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע „שלאָג־באַטאַליאָנען“ פון „געאָרגיעווסקי־קאַוואַלערן“, רעאַקציאָנערע יונקערס און דער גאַנצער אָפּפאַל פון דער קאָנטררעוואָלוציע, וואָס אין די געביטן פון געוועזענעם יידישן תחום־המושב האָט זיך אָנגעהויבן צו ווירבלען מיט פאַרשידענע ווייסרוסישע, אוקראַינישע און אַנדערע נאַציאָנאַליזמען, אויף וועלכער דער יידישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך פּרובירט צו אָריענטירן — איז די מאַסע יידישע האָרעפּאַשניקעס געווען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער ריס צווישן מאַסע און פירער איז מיט יעדן טאָג שטאַרקער געוואָרן אינערהאַלב אַלע יידישע פּאַרטייען.

עס האָט נישט געהאָלפן דער אָנטייל פון יידישע סאָציאַליסטישע פּאַר=

מייען אין יענעם א. ג. פאָרפאַרלאַמענט, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן סוף אויגוסט, כדי צו ראַטעווען קערענסקיס „דעמאָקראַטיע". דער האָמלער אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַט, ווו צווישן די אַרבעטער-דעלעגאַטן האָבן יידישע אַרבעטער רעפּרעזענטירט אַ זייער באַדייטנדיקן טייל, איז געווען איינער פון די ערשטע צו אונטערשטיצן די באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע, וואָס דער פּעטראָגראַדער ראַט האָט אָנגענומען. אין מינסק, ווו די יידישע אַרבעטער האָבן דאָמינירט אין דער אַרבעטער-רעפּרעזענטאַנץ פון אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַט — איז אין די ערשטע טעג נאָכן איבערנעמען די מאַכט אין פּעטראָגראַד איינגעפירט געוואָרן די ראַטן-מאַכט.

צווישן דער יידישער יוגנט האָט זיך אַנטוויקלט אַן אויסערגעוויינלעכער דראַנג צו „עמיגראַציע" אין די גרויסע צענטערן, כדי אָנצושליסן זיך אין די אָפּטיילונגען פון דער רויטער גוואַרדיע. אין די רויט-גוואַרדייאישע באַטאַליאָנען, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין די פאַבריקן פון די שטעט מיט אַ קאָמפּאַקטער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיך מאַסנווייז געצויגן יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס.

פונעם מאָמענט זינט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט געזיגט איז די געגנטן פון געוועזענעם יידישן תחום המושב — ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע — געוואָרן אין משך פון אַ לענגערער צייט איינע פון די צענטערס פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוחות. און קאָנטררעוואָלוציע איז געגאַנגען געפּאָרט ווי געוויינלעך מיט אַנטי יידישע פּאָגראָמען. יידיש בלוט האָט זיך טייכנווייז געגאָסן דורך די פּעטליוראַ- און מאַכנאָ-באַנדעס, דורך די סאַווינקאָוו און דעניקין-באַנדעס. יידן זענען באַרויבט און פּאָגראָמירט געוואָרן דורך די פּוילישע „דאָוובאָרשטשיקעס" און ווייסרוסישע נאַציאָנאַליסטן.

און די יידישע ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן? יידישע אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּצוקערן פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זוכן פאַרבינדונגען מיט די באָלשעוויקעס, וואַרטן, „ווען וועלן שוין די „רויטע" קומען". וואָרום, פון אַלע „ראַדעס" און העטמאַנעס, דייטשן און פּוילישע לעגיאָנען, פון אַלע באַנדעס אין נאָמען פון „סאַמאָסטינאָסטי" און „יעדינאַיאַ ניעדעלימאַיאַ", פון דער גאַנצער „דעמאָקראַטיע" אין איר קאַמף קעגן די „סאָוויעטן" איז פון חודש צו חודש געווען אַלץ מער... נישט אויסצוהאַלטן. און געוווּסט האָבן זיי, אַז ראַטעווען דערפון קאָן בלויז דער נצחון פון די באָלשעוויקעס.

צוליב מיין אָנטייל אינעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין מאָהילעוו איז דער שלום-בית מיט מיינע אידעען-חברים, וואָס זייער צענ-

טער איז דעמלט געווען אין קיעוו — צעשטערט געוואָרן. פון דאָרט האָב איך באַקומען אַ בריוו מיט דער פאָדערונג אַרויסצוטרעטן פון מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וואָס איך האָב זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָפּגעזאָגט צו טאָן. צו יענער צייט האָבן בלויז צוויי מיינע געוועזענע אידען־חברים מיך אין דעם אונטערגעשטיצט. געווען זענען דאָס: ב ו ר ג י ן — אַ הערלעכער טיפּ פון אַ יידישן אינטעלעקטואַליסט־רעוואָלוציאָנער, אומזיניק אומגעקומען שפּילנדיק זיך ערגעץ הינטער ניו־יאָרק און — איך צו לאַנגע, לאַנגע יאָר — די ליבע, האַרציקע, וווּנדערבאַרע יידישע טאָכטער און פלאַם־פייערדיקע רעוואָלוציאָנערין — ג ו ט ע מ אַ ר ג אָ ל י ס.

זייענדיק געצוווּנגען צו פאַרלאָזן מאָהילעוו איז פאַר מיר געשטאַנען די דילעמע: וווּהין פאָרט מען? וואָס טוט מען? אגב, אויף דער סטאַנציע דאָגאַטשאָוו בין איך אַרעסטירט געוואָרן דורך דאַזובאַרטשיקעס, וועלכע האָבן, צום גליק, נישט געוווּסט וועגן מיין טעטיקייט אין מאָהילעוו. ווען נישט דער דעמלטיקער פרייהנס־ריכטער פון מאָהילעוו, חבר סלאַווין, וועלכער האָט ריזיקירט ממש מיט זיין לעבן און מיך אַרויסגעשלעפּט פונעם צוררים הענט, וואָלט איך איצט נישט געקאָנט שרייבן קיין זכרונות.

געקומען בין איך קיין קיעוו, שטאַרק צעווערטלט זיך מיט משה ליטוואַקאָוו, מיכאל ראַשקעסן און יהודה נאָוואַקאָווסקין. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט מיטצומאַכן די שפּיל פון מיין פּאַרטיי. דערווייל האָב איך אין קיעוו געטראָפן אַן אַלטן יוגנט־פריינד, אַ געוועזענעם עסער־מאַקסימאַליסט (אין 1917 יאָר איז ער שוין געווען אַ באָלשעוויק) וואָס האָט מיך איינגעלאַדן קיין אָדעס. איך בין אַהינצו גערן געפאָרן.

אויף עטלעכע חדשים האָבן זיך איבערגעריסן מיינע פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סביבה. איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַן אַרבעט, וואָס האָט מיך שטאַרק פאַסיאָנירט. אָדעס איז דעמלט געווען אונטער דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אָקופּאַציע. די שטימונגען צווישן די זעלנער פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי איז געווען, אויב נאָך נישט קיין רעוואָלוציאָנערע, איז לכל־הפּחות אַן אָפּאָזיציאָנעלע לגבי דער מלחמה. זיי האָבן אָנגעהויבן אַליין אָפּטער צו פאָדערן, אַז מען זאָל זיי שיקן אַהיים. עס זענען געווען פאַלן, ווען זיי פלעגן אַרויסווייזן אָפּענע נישט־סובאָרדינירטקייט. בעיקעדיק נאָך ממשותדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין אַ שטאַרק־קאָנספּירירטער גרופּע, וואָס האָט געפירט אַן אַנטי־מיליטאַריסטישע טעטיקייט צווישן די עסטרייכישע, אונגאַרישע, פּוילישע און טשעכישע זעלנער פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי. אָט די אַרבעט האָט מיך ממש פאַר־

שלונגען, עס איז נישט אַריבערגעגאַנגען קיין טאָג, אַז די זעלנער זאָלן אין זייער קאַסינאָ, אין די קעשענעס פון זייערע מאַנטלען נישט געפינען קיין בלעטלעך, וועלכע אַפּעלירן, זיי זאָלן נישט אַרויסטרעטן קעגן דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, זיי זאָלן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די רוסישע אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, גיין אַהיים און אַראָפּוואַרפן די ממשלה פון די האַבסבורגן, פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

פון אָדעס איז מיר און נאָך דריי חברים אויסגעקומען צו פאַרשווינדן כהרף עין, ממש ווי מען גייט און שטייט. חברים — עסטרייכישע זעלנער האָבן געוואָרנט, אַז די פעלד=זשאַנדאַרמעריע איז געפאַלן אויף אונדזער פוס=טריט. אומר — געזאָגט, ועושה — געטאָן. איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין נישט ווייסנדיק וווהין, מיט אַ לעבל בלויט, אַ געזאַלצענעם פיש און אַ... „אויסווייז" אין האַנט.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פ ר ײ ל ע כ ע ידיעות פון דייטשלאַנד. בונטן פון מאַטראָסן, דיסציפּלין=ברוך אין דער דייטשישער אַרמיי, אַ כוואַליע פּאָליטישע שטרייקן אין דייטשלאַנד, דייטשישע און רוסישע רעוואָלוציאָנערע זעלנער ברידערן זיך אויף די פראָנטן. זעלנער=ראַטן אין דער דייטשישער אַרמיי ווערן געשאַפן. און ענדלעך, דעם 10=טן נאָוועמבער 1918 דערגייט די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

דער פלאַם פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פאַרשפּרייט זיך. נאָך די ראָמאַנאָווס זענען געפאַלן די האָהענצאָלערנס און די האַבסבורגס!

אָט די ידיעה האָט מיך געטראָפן אין האָמעל. ענדלעך, נאָך לאַנגע חדשים שטיי איך ווידער אויף דער טריבונע פון האָמלער שטאָטראַט, נישט מיט אַ רעפעראַט וועגן ליטעראַטור אָדער געשיכטע, נאָר מיט אַ קאַמפּף=רוף. דעם טאָג, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, איז באַזייטיקט געוואָרן די מאַכט פון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי אין האָמעל, און אין דער ספּאָנטאַנער דעמאָנסטראַציע אויף די גאַסן פון האָמעל — האָבן דעם אויבן=אָן פאַרנומען די יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס פון דער האָמלער „ראָוו". (געגנט פון דער יידישער אָרעמקייט).

גלייך נאָך דעם האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן דירעקט אַהיים — קיין פּוילן.

צוריק אַהיים

מיין וועג פון רוסלאַנד קיין פּוילן איז געווען אַ שווערער, דאָרנדיקער און לאַנג־דויערנדיקער.

געוויי מיין מאַרשרוט געדענק איך נישט — איך געדענק בלויז, אַז איך בין געקומען קיין מאָזיר, כדי אָנצוטאַפּן דעם הופק וואָס ווייטער צו טאָן. פאַרוואָס דווקא אין מאָזיר? ערשטנס, ווייל איך האָב באַקומען אַ בריוול צו אַ קאָוונער משפּחה פון פּליטים, וועלכע האָט זיך איינגעאָרדנט אין מאָזיר און האָט פאַרבינדונגען מיט „יענער זייט“, ד. ה. מיט דעם טייל ווייסרוסלאַנד, ווי אויך ליטע און פּוילן, פון וואַנען די דייטשישע אָקופּאַנטן זענען נאָך נישט פאַרטריבן געוואָרן; צווייטנס — ווייל איך האָב דאָרטן געהאָפט צו טרעפן די באַקאַנטע לינקע טוערין פון „בונד“, העניע גאָרעליק, מיט וועלכער איך האָב פריער בלויז איין מאָל אַ קורצן אָבער זייער אינטערעסאַנטן געשפּרעך געהאַט, און וועלכע איך האָב שטאַרק געוואָלט זען, דווקא פאַרן פאָרן קיין פּוילן (העניע גאָרעליק איז געווען איינע פון די קאָנסעקווענטסטע קעמפער קעגן דעם אַראָפּזינקען פון די רעכטע עלעמענטן פון „בונד“ אינעם זומפּ פון מענשעוויסטישער קאָנטררעוואָלוציע. איך האָב זי מיט עטלעכע יאָר צוריק געזען אין אַמעריקע, זי איז צוזאַמען מיט איר קינדער טריי געבליבן דעם סאָציאַליזם). אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז העניע איז אין מאָזיר נישט געווען, און די קאָוונער משפּחה האָט מיר ווייניק וואָס געהאָלפן. זי וואָלט מיר אפשר געהאָלפן, ווען איך האָב... מער געלט, ווי איך האָב געהאַט. אָבער חברים האָב איך געטראָפן, און זיי האָבן מיר יאָ צוגעהאָלפן דורך אַריבערשיקן אין כרך... פּעטריקאָוו (אַ שטעטעלע אין פּאָלעסיע). דאָס איינציקע, וואָס איך געדענק פון דעם מלופים־שטעטעלע, אַז פאַר איין גלאָז טיי האָב איך באַצאָלט אַ סומע, וואָס וואָלט געווען גענוג פאַר אַ צימער אין אַן ערשטקלאַסיקן האָטעל אין... קיעוו, לאָמיר זאָגן. פאַרוואָס? באשר בכן, מ'האָט ספּעציעל פאַר מיר געשטעלט דעם סאַמאָוואַר... אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז געקומען אַ פרוי און געגעבן מיר אַ פאַר־

בינדונג מיט לוניניעץ און געזאָגט, אַז אויב איך וויל — קאָן איך פאָרן מיט איר צוזאַמען מאָרגן אין דער פרי אָדער מיט עמעצן אַנדערש — אין אַ שעה אַרום. איך האָב אויסגעקליבן אין אַ שעה אַרום: ערשטנס, ווייל כ'האָב מיט איר נישט געוואָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין (פון די ערשטע פאָר ווערטער האָט זי אָנגעהויבן מיט מיר צו רעדן וועגן... סאַכאַרין און דייטשישע קאָסמעטישע מאַטעריאַלן), און צווייטנס — אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער כאַליאַסטרע וואַנצן, וועלכע האָבן שפּאַצירט איבערן בעט, ווו איך וואָלט געדאַרפט שלאָפן, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין לוניניעץ.

אין כרך לוניניעץ איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטן אַן ערך אַ וואָך. געטראָפן האָב איך דאָרט זייער סימפּאַטישע אידעישע מענטשן, וועלכע זענען טאַקע געווען קרובים פון דער פעטריקאָווער „סאַכאַרין־ און קאָסמעטיק־דאַמע", אָבער גאָר אַנדערע מענטשן. אויף מיין גאַנצן וועג פון האַמעל האָב איך געזען, ווי די העטמאַנישע מאַכט צעפאַלט זיך ווי אַ קאָרטן־הייזל, ווי די דייטשישע זעלנער באַנעמען זיך באַשיידן, גאָרנישט מעשה אָקופּאַנט, אַז מ'וואַרט אויף די באָלשעוויקעס. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָב איך קיין באַקאַנטשאַפטן נישט געשלאָסן. איך ווייס נישט פון וואַנען, נאָר עטלעכע פון מיינע נייע באַקאַנטע האָבן זיך דערוווּסט, ווער איך בין, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציִען צו מיר פריינדלעכער.

איינמאָל קומט אָן מיט אַ פויערישער פור אַן עלטערער ייד, מיט אַ לאַנגער גראָער באָרד. אַ האַלבע שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן. דער ייד איז געקומען פון פינסק. אין אַ שעה שפּעטער גיט מען מיר צו לייענען אַ לאַנגן בריוו געשריבן פון אַ ברודער אין פינסק צו אַ שוועסטער אין לוניניעץ. פון דעם בריוו דערוויס איך זיך, אַז צווישן די דייטשישע סאָלדאַטן זענען פאַראַן שטאַרקע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציע און אַז עס זענען פאַראַן פאַלן פון אָפענעם דיסציפּלין־ברוך. איך האָב גלייך געבעטן צוצואיילן מיין פאָרן קיין פינסק. אויף דער צווייטער נאַכט האָב איך מיט דער זעלבער פור, וואָס האָט געבראַכט דעם אַלטן, געלאָזט זיך אין וועג אַריין. אזייגער פינף פאַרטאָג בין איך בשלום אָנגעקומען קיין פינסק, ווו איך האָב שוין געהאַט פאַרטייאישע פאַרבינדונגען.

אין פינסק האָב איך זיך אין „איין האַלבער שעה" דערוווּסט מער, ווי פאַר דער גאַנצער צייט, זינט דער דייטשישער רעוואָלוציע וועגן דעם, וואָס עס הערט זיך אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד און אין דער... אַרומיקער

גענגט (פינסק — באַראַנאָוויטש — בריסק). אין פינסק בין איך שוין פאַרבליבן אַ פּאָר וואָכן. דאָ האָב איך געהאַט אַ היפּש ביסל אידעען־חברים און פריינד. דאָ האָב איך זיך שוין מער אָדער ווייניקער לייטיש אָנגעטאָן, זיך „איינגעפונדעוועט" אַ פּאָר גוטע שיך, געהאַלטן אַ ריי האַלב־לעגאַלע פאַרזאַמלונגען, געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ יידישע שול און געקראָגן פאַרבינדונגען מיט דייטשישע סאָלדאַטן, מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד און צוויי פּוילישע סאָלדאַטן פון דער דייטשישער אַרמיי פון פּויזן, וועלכע האָבן אויך געהאַט סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס. נאָך איין קורצן געשפּרעך מיט זיי אין אַ גרופּע פון אַן ערך 20 מאַן. באַקום איך אַן איינלאַדונג צו קומען אויף אַ דייטשישן מיליטערישן מיטינג אין דעם לאָקאַל פון „באַיאַרסקים קינאָ" אויף דער גרויסער גאַס. דער זאַל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט דייטשישע זעלנער און אויך אָפיצירן. פּלוצלינג גיט מען מיר דאָס וואָרט אויף אָפּגעבן אַ גרוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך ווייס נישט, צי איך האָב ווען נישט איז פריער געהאַט אַזאַ שטורמישע אָוואַציע. איך האָב גערעדט אַן ערך אַ שעה, רופנדיק זיי נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון די רוסלענדישע אַרבעטער און פּויערים, זיי זאָלן פאָרן אַהיים, כדי נישט דערלאָזן, אַז די יונקערס, פאַבריקאַנטן און אַנדערע בלוט־זויגערס זאָלן פאַרכאַפּן פאַר זיך די געווינסן פון דער איבערקערעניש אין דייטשלאַנד און פאַרענדיקט מיט דעם לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!"

נאָך דער אַרויסטרעטונג האָבן די דייטשישע חברים אין מיליטערישער קליידונג נישט געלאָזט מיך רוען און געבעטן העלפן זיי — מיט עצות — צו אָרגאַניזירן אַ סאָלדאַטן־ראַט, וואָס איך האָב גערן געטאָן. דער זעלבער סאָלדאַטן־ראַט האָט מיר אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געגעבן אַ „פּאַסירשיין" צו פאָרן ווייטער, קיין פּוילן. אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אַרויסטרעטונג אויף דעם דייטשישן סאָלדאַטן־מיטינג דערמאָן איך מיט ליבע די אָנוועזנדיקע אויף דעם מיטינג חבר ליפּשיץ (אַ פריזיער, שפּעטערדיקער קאָמוניסט, וועמען איך האָב אין די דרייסיקער יאָרן געטראָפן אין ראַטנפאַרבאַנד) און דוד שלאָסבערג ביים היינטיקן טאָג אַן אַקטיווער טוער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין וראָצלאַוו.

אָט אַזוי האָב איך גייענדיק אין די פוסטריט פון דער דייטשישער רעוואָלוציע אַלץ מער זיך דערנענטערט צו פּוילן.

ווידער אין היימישע מקומות

אַרויסבאַגלייט האָט מען מיך אין וועג אַריין בכבוד גדול. די יידישע חברים פון פינסק — מיט אַ „ליאַמע“, מיט געזאַנג פון יידישע פאָלקס־לידער ביזן העלן טאָג און ברכות, גליק־ווינטשן אָן אַ שיעור. די גרופּע דייטשישע זעלנער־חברים — מיט אַ גרויס שטיק „שפּעק“, דריי פּעקלעך דייטשישע ציגאַרעטן און אַ פלאַש ווײַן, באַגלייטנדיק מיך מיט געשרייען: „פרייהייט“ און „פרוינדשאַפט“. חוץ דעם האָבן זיי מיר אַ גרויסע טובֿה געטאָן לויט יענע צייטן: אַרײַנגעזעצט מיך אין אַ וואַגאָן פאַר דייטשישע זעלנער־רעקאָנוואַלעסצענטן, וווּ איך האָב זיך געקאָנט באַקוועם אײַנאָרדענען, און קיינער האָט מיך דעם גאַנצן וועג ביז בריסק נישט געטשעפּעט. און מיינט נישט, אַז עס האָט געדויערט בלויז עטלעכע שעה, ווי געוויינלעך — דעמלט האָט דאָס געדויערט מער ווי אַ מעת־לעת! שעהן־לאַנג האָב איך געשמועסט מיט די פאַרווונדעטע, אויסגעמאַטערטע זעלנער, וועלכע האָבן באמת קיין שום שנאה צו די „רוסן“ — אַזוי האָבן זיי אונדז אַלעמען אָנגערופן — נישט געהאַט און אויסגעדריקט פאַרערונג פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זיי האָבן מיך אין וועג געלערנט בענקענדיקע דייטשישע פאָלקס־לידער און איך זיי — רעוואָלוציאָנערע רוסישע לידער. אַ קליינע אַנקעטע האָב איך צווישן זיי דורכגעפירט: וויפל פון זיי האָבן געהערט וועגן קאַרל מאַרקס און קאַרל ליבקנעכט. אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אויף 36 מענטשן האָבן 14 געהערט פון זייערע טאַטעס און נאָענטע קרובים וועגן קאַרל מאַרקסן און בלויז דריי וועגן קאַרל ליבקנעכטן. קיין סך נחת האָט מיר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די דאָזיקע „אַנקעטע“ נישט פאַרשאַפט.

קומענדיק קיין בריסק האָב איך זיך געמוזט אויסקויפן פון „גיין אין באָד אַרײַן“, ד. ה. אויף אַ סאַניטאַרער אינספּעקציע, כדי צו באַקומען אַן „ענטלאַוזונג־שיין“, אָן וועלכן מ׳האָט נישט פאַרקויפט קיין בילעטן אין דער ריכטונג פון וואַרשע. אויפן וואָקזאַל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די,

וואָס מאַכן אַדורך די דאָזיקע פּראָצעדור, בלייבן אָפּט אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, און איך האָב נישט געוואָלט ריזיקירן. איך האָב שטאַרק חשק געהאַט אַריינצוכאַפּן זיך אין שטאָט אַריין, זען דעם קיסרס סאָד", דעם „ריאַד קראַמען", דעם „נעווסקי" און — ווער ווייסט? — אפשר טרעפן באַקאַנטע. אָבער די ריזיקע צו בלייבן שטעקן אין בריסק „ביי די דייטשן" איז געווען צו גרויס. האָב איך געמוזט געבן אין „יד אַריין" אַ דייטשישן באַן־באַאַמטן, וועלכער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ וואַגאָן, וואָס איז מיט אַ פיר שעה שפּעטער אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַרשע. עס רעדט זיך אַזוי — וואַרשע; ווייטער ווי ביז ביאַלע איז ער נישט געגאַנגען. אָבער געזעסן בין איך אין אַ וואַגאָן ווי אַ פּריץ מיט אַ בילעט און מיט אַן „ענטלאָזונג־שיין" אין האַנט. אפשר אַ פינף שעה האָט געדויערט דער וועג בריסק—ביאַלע, ביז מיר האָבן דערהערט אַ קול אין דער פינצטערקייט פון שפּעטע אָוונט־שעהן: „אויסשטייגן!" ווייטער קאָן מען נישט פאָרן, ווייל אין מעזריטש... טרייבט די באַפעלקערונג אַרויס די דייטשן און עס קומען פאָר באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן צווישן אַנטלויפנדיקן דייטשישן מיליטער און דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

פון דעם וואַגאָן זענען אַרויס אַ פּאָר צענדליק פּערזאָן, וועלכע זיצנען ביז איצט געזעסן שווייגנדיק אָדער זייער שטיל גערעדט צווישן זיך. אַז מ'איז אַרויס אויפן פּעראָן אין ביאַלע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אַלע זענען פוילישע פליטים פון... דער רעוואָלוציע. אַ טייל פון אונדז איז אַריין אין אַ יידישער קרעטשמע און צעלייגט זיך אין די אָרעמע דריי צימערן, ווי מ'האָט געקאָנט. פויערים זענען געקומען און דערציילט, ווי אַזוי מען פאַרטרייבט די דייטשן פון מעזריטש. סאַראַ פּתהגים עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די דייטשישע יונקעריש־פאַרריסענע אָפיצירן אין סאָלדאַטן, ווי שפּלדיק זיי באַנעמען זיך, ווען זיי שטויסן זיך אָן אויף אַ שטאַרקערן כוח. מ'האָט דערציילט, ווי די פויערים אין די דערפער האָבן אָרגאַניזירט גרופּן, כדי צו קאָנטראָלירן, ווער עס פאָרט אָדער גייט דורך די וועגן, כדי צו כאַפּן די אַנטלויפנדיקע דייטשן, וועלכע טוען זיך איבער אין ציווילע מלבושים. מיר, דער צענדליק מענטשן אין דער יידישער קרעטשמע, ווו איך בין געווען, האָבן געדונגען צוויי פויערישע פורלעך און באַשלאָסן שוין די זעלבע נאַכט לאָזן זיך קיין שעדלעץ, אויסמייַדנדיק די שטאָט מעזריטש.

און כך הוה, אַרייַנגעזעצט זיך אין די וועגעלעך, גענומען מיט זיך אַ וואָיט פון אַ דאָרף הינטער שעדלעץ און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

מיינע מיטפאָרער זענען געווען אַ יונגע פּוילישע פּריצטע מיט אַ רוסישוייסן אָפיציר, אירס אַ פּאַרערער, אַ פּאָר פּוילישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך — ווי זיי האָבן מיר געזאָגט — געאיילט קיין פּוילן, כּדי נישט צו דערלאָזן, אַז די פּוילישע רעוואָלוציע — וועלכע איז, ווי זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אומפאַרמיידלעך, זאָל גיין אויף רוסישע וועגן (מיר מיזן האָבן אַ פּוילישן קערענסקי — האָבן זיי מיר אַריינגעטענהט... מיט אַריקנביין, מיט ציין, „פּאַן כיבאַ זראָזומיאַל?"). האפּערדיק א י ז מ י ר נישט געווען אויף דער נשמה, ווען איך האָב זיך צוזאַמען מיט אָט דער חברה אַריינגעזעצט אין פּויערישן וואָגן, אָבער עס איז אַריבער בשלום. צוויי מאָל האָבן פּויערים מיט ביקסן אין די הענט אונדז פאַרהאַלטן מיט איין פראַגע: „נישטאָ קיין דייטשן?", אַריינגעקוקט, אַ מאַך געטאָן אַ פּאָר פּעקלעך, דערהערט, אַז עס זענען „פּאָליאַקן", פּליטים, „וואָס פאָרן אַהיים" — און געלאָזט פאָרן ווייטער. אַזוי זענען מיר אין אַ פּאָר געציילטע שעהן אָנגעקומען קיין שעדלעץ, וואָס איז שוין געווען אין פּוילישע הענט.

די פּריצטע איז געווען איבערגליקלעך, אַז זי האָט אַזש אונטערגעטראָגן איר האַנט, כּדי דער אַלטער יידישער שענקער זאָל זי אַ קוש טאָן. און ווען ער האָט דאָס נישט געטאָן, האָט זי אים אַ קוש געטאָן אין באָרדיקן פּנים. דער פּאַרערער פון קערענסקין האָט מיט אַנטציקונג גערעדט וועגן דעם, ווי שיין און איידל די פּוילישע זעלנער מיט די אָדלערלעך זעען אויס. אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען מיר אַלע „אַריינגעזעצט" געוואָרן אין איין וואַגאָן (אַז מ'האָט נישט געקאָנט אויסקומען אָן שוחד־געלט — איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג), אַ פינצטערן מיט אויסגעהאַקטע שויבן און געלאָזט זיך אין וועג אַריין קיין וואַרשע. אַ פּאָר מינוט פאַרן אָפּגיין פון צוג האָב איך דערהערט אַ ווילדן ווײ־געשריי, און דערנאָך אַ טומל און אַ הייזעריקע נאָכקרימעניש: „איי־וויי, מאָשעק, גענשי, גענשי". לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָבן די „שיינע און איידעלע זעלנער צוגענומען ביי אַ יידן אַ גאַנדז, און אַז ער האָט פּראָטעסטירט, האָבן זיי אים אויסגעריסן די באָרד. דערווייל האָט דער צוג גערירט.

אַ גאַנצע נאַכט, זיצנדיק אין אַ ווינקל פון שמוציקן און פינצטערן וואַגאָן, האָב איך אונטער דעם מאָנאָטאָנעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון די רעדער געטראַכט וועגן די יאָרן, וואָס זענען פאַרגאַנגען זינט איך בין געווען אין די מקומות, וועלכע איך פאָר איצט אַדורך אין אַ פינצטערער, אומהיימלעכער נאַכט, וועגן מיינע איבערלעבונגען פאַר דער צייט און וועגן

דעם „שײנעם“ קבלת־פּנים אויפֿן שטעדטעלצער וואָקזאַל מיט דעם ייִד, מיט די געװדז, מיט דער באָרד...

און װען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און איך האָב דערזען דעם הינטערװאַרשעדיקן פּײזאַזש, האָב איך אָנגעהויבן צו מורמלען אַ ניגון, אַ ייִדישן ניגון, װאָס איך האָב אַלײן נישט געװוסט, פֿאַרװאָס ער איז מיר אין געדאַנק געקומען. דעם רעפֿרײן געדענק איך:

„אַז מ׳צאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט אַרויס און מע מוטשעט מיך
פֿאַמעלעך,
לאַך איך מיר פֿון די שונאים אויס און גײ מיר גאָר
אַ פֿרײלעכס“.

אָט שטעלט זיך אָפּ דער צוג. דער גרעסטער טײל פֿון מײנע מיטפֿאָרער האָט געהאַט נאָענטע מענטשן, װעלכע האָבן זײ אָפּגעװאַרט. איך בין אײנער אַלײן אַרויס אויפֿן װינער באַן־הויף און פֿון דאָרט אויף מאַרשאַל־קאָװסקע. דאָרט האָב איך גענומען אַ װאַרשעװער „דרינדע“ און געפֿאָרן אויף דעם אַדרעס, װאָס איך האָב געהאַט: לעשנאָ 49. נישט אײנמאָל װעט מיר נאָך אויסקומען צוריקקערן זיך צו אָט דעם הויז, און נישט אײן דערינערונג רופֿט אָט דער אַדרעס אַרויס בײ מײזנטער ייִדישע אַרבעטער אין פּױלן, אַמעריקע, ישראל אָדער פֿראַנקרײך. אויף דער ידיעה װעגן מײן קומען זענען בליץ־שנעל געקומען צװײ חברים. אײנער אַן אַלטער באַקאַנטער נאָך פֿון לאָדזש — י ש ר א ל ג ײ ס ט און דער צװײטער, אַן אומבאַקאַנטער י אַ נ ק ע ל ע ד אַ נ צ י ק ע ר, און נאָכן אָפּשמועסן מיר אַ שלום־עליכם איז יאַנקעלע אַרויסגעשפּרונגען און אין אַ 20 מינוט אַרום אַרײנגעפֿירט אַ צעמישטן, קלײן דאַר מענטשעלע, װעמען איך האָב פֿון פֿריִער שיעור אין מײנע אָרעמס נישט דערשטיקט — ה ע ר ש ע ל ע ד אַ נ י ע ל ע װ י ט ש.

אַזױ האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה: פּױלן אין צװישן־מלחמות־פּעריאָד.

ווידער אין וואַרשע

אַט בין איך ווידער אין וואַרשע. פאַרלאָזן האָב איך קאָנגרעס־פּוילן, ווען עס איז נאָך געווען אַ „פּריוויסלאַנסקי קראַי", אַ צאַרישע פּראָווינץ בײַ דעם טײַך ווייסל, און געקומען בין איך קיין וואַרשע — די הויפּטשטאָט פון אַן אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים נאָך אַן ערך אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט פון נאַציאָנאַלער אונטעריאָכונג און צעטיילונג צווישן 3 מאָנאַרכיעס, אין אַ וואַרשע, פאַר וועלכער קיעוו און מינסק זענען אויסלאַנד, קראָקע און פּויזן — אייגענע שטעט פון דער זעלבער מלוכה.

פאַר מיר איז דאָס געווען נײַ. איך האָב אַ קנאַפּן באַגריף געהאַט וועגן דעם, ווי ווערט די נײַע מלוכה אויסזען, ווי ווערט דאָס „קלאַפּן". אָבער בכדי זיך ווי נישט איז פאַנאַנדערקלײַבן אין אַט דער עיקרדיקער פראַגע וואָס האָט מיך אינטערעסירט, האָט זיך געפאָדערט צייט, האָט זיך געפאָדערט שליסן נײַע באַקאַנטשאַפטן, קריגן אַ צוטריט צו קוואַלן פון סאָלידער אינפאָרמאַציע, וואָס פאַרדינט צוטרוי. דאָס וואָס מײַנע באַקאַנטע האָבן מיר געקאָנט דערציילן אינעם ערשטן טאָג פון מײַן קומען קיין וואַרשע, סוף נאָוועמבער 1918, איז פאַר מיר קיין נײַעס נישט געווען. אָבער ידיעות וועגן יידישן לעבן אין וואַרשע — און בכלל פּוילן בשעת דער מלחמה — האָב איך גלײַך אָנגעהויבן שעפּן מיט דער פולער האַנט. מײַנע פרײַנד האָבן מיך פשוט נישט געלאָזט אָפּרוען און פאַר די הענט געפירט איבער דער לעש און פשעיאַזד, איבער הזשיקע, נאָוואָליפּיע פּאַוויע, גענשע, פראַנציסקאַנער, נאַלעווקעס און מוראַנאָוו, נישט לאָזנדיק מיך כאַפּן דעם אָטעם און רעדנדיק, דערציילנדיק, אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף. און איך... האָב געשלונגען מיט מתיקות.

און דערוווּסט האָב איך זיך, אַז... „קורילקאַ לעבט" (פון רוסישן שפּריכוואָרט: „זשיוו קורילקאַ") — אַז אַלע יידישע פּאַרטייען און ריכטונגען זענען בקו החיים והשלום, אַז עס איז דאָ דער „בונד", „פּועלי־

ציון", סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע האָבן זיך משנה השם גע־
ווען אויף „פּאַראייניקטע" (באשר אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ פאַר־
אייניקונג צווישן די „אומקאָמפּראָמיסלעכע" טעריטאָריאַליסטן און שאַר־
פע קעגנער פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, די אַזוי גערופענע „עס עס",
וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר כפול־שמונהדיקע מאַרקסיסטן, מיט די
אַזוי גערופענע „יע עס" — איןביידע פאַלן רוסישע ראשי־תי־
בות — וועלכע זענען געווען פלאַם־פייערדיקע אויטאָנאָמיסטן און טערי־
טאָריאַליסטן בלויז אין דער פּערספּעקטיוו...), און אַ חוץ דעם אַלגעמיינע
ציוניסטן פון עטלעכע מינים, און פאָלקיסטן, און רעליגיעז־פּאָליטישע
ריכטונגען, און פּלוטאָקראַטיש־אַסימילאַטאָרישע תקיפים, וועלכע צוזאַמען
מיט די חסידים האַלטן זיי פעסט די מאַכט אין די יידישע קהילות, מיט
איין וואָרט — אַ „פאַרצווייגט יידיש לעבן". מער נישט אַלע האָבן זיך
אַ קאַפּעטשקע אייגנסטאַטקעוועט און זיך „צוגעפּאַסט צו די געענדערטע
באַדינגונגען". אַלע סאָציאַליסטישע יידישע פאַרטייען האָבן געהאַט זייערע
אייגענע קאָאָפּעראַטיוון, קיכן, קולטור־אינסטיטוציעס און פּראָפעסיאָנעלע
אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן קאָנקורירט צווישן זיך, און וועלכע זענען
אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון זייערע פּאָליטישע איינ־
פלוסן.

אַ סך יאָרן לאחר המעשה מוז איך מודה זיין, אַז דער דאָזיקער צו־
שטאַנד האָט מיר ווייט נישט אימפּאָנירט, און אַז פאַר מיר איז עס נישט
געווען קיין סימן פון... „פילזייטיקייט", „פילפאַרביקייט", גייסטיקער רייכ־
קייט", „אידעיִשע זוכונגען" פון יידישן לעבן אין פּוילן, מיט וועלכע פיל
דראַמאַטיקער פון „יידישער אייגנאַרט" האָבן זיך אַזוי געקוויקט. נאָר מי־
לא: איך בין דאָך געווען אַ גאַסט, האָב איך געהערט און געשוויגן.

איך האָב מיינע העפלעכע פרייַנד שוין דעם ערשטן טאָג איבערגע־
געבן געוויסע איינדרוקן פון רוסלאַנד. זיי האָט עס שטאַרק פאַראינטערע־
סירט. שוין פון די אויבערפלעכלעכע געשפּרעכן איז פאַר מיר קלאָר גע־
וואָרן, אַז די יידישע רעאַקציע שטעלט פאָר אַן ערנסטע סכנה. דעם קאָנ־
קורענץ־קאַמף צווישן די באַזונדערע פאַרמייען אַרום שולן, קאָאָפּעראַטיוון,
קלובן און אַנדערע „אינסטיטוציעס" האָב איך אָפּגעשאַצט ווי עפּעס
אַזויגס, וואָס וועט אינעם לויף פון די געשעענישן, וועלכע וועלן אָנקומען,
זיך אַרויסווייזן אַלס פאַטאַלער אומזין. און ווען איך האָב דעם דאָזיקן
געדאַנק אַרויסגעזאָגט מיין דעמלטיקן חבר שלמהקע זוסמאַן (איינער פון
די ערשטע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן אין פּוילן, שפּעטער אַ שול־

טוער פון „בונד", געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אַמעריקע), האָט ער מיט זיין קלוגן שמייכל און כאַראַקטעריסטישן זשעסט פון פאַרריקן דעם מאַנזשעט פון העמד אין אַחבל אַריין מיר געזאָגט: „יצחק, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן: דו וועסט זיך מוזן איינקלייגן אין די פאַרמען, וועלכע האָבן זיך ביי אונדז אַנטוויקלט". און איך האָב טאַקע געמוזט! צוויי יאָר צייט האָב איך איינגעלייגט זיך אין די פאַרמען, וועלכע זענען מיר פון דער ערשטער מינוט נישט געפעלן געוואָרן, ביז איך האָב... פורץ גדר געווען.

דער ליבינקער הערשעלע האָט זיך שווייגנדיק צוגעהערט צו מיין פריינדלעכן וויכוח מיט שלמהקען, און ווען ער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט אויף קאַרמעליצקע גאַס, ביי דער פועלי־ציוניסטישער קיך, האָט ער אַרויסגענומען זיין איינגעשמאַלצן ביכעלע פון קעשענע און האַלטנדיק עס, ווי אַ סידורל אין האַנט, אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן שטיל און פרום:

קעמפט, איר אַרבעט־שקלאַפן...

. . . .

קעמפט און זוכט קיין רעכט
אויפן וועג צום זיג.
אייביק וועט דאָס שלעכט
זיין מיט אייך אין קריג...
נאָר באַווייזט דעם לעבן

. . . .

אַז איר קענט עס געבן
צוריק אַמאָל אַ שפּיי.
(איך געדענק בלויז פראַגמענטן פונעם האַזיקן געדיכט).

האַריציקער הערשעלע! ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס ליד געפעלט מיר, אָבער עס איז פון נעכטיקן טאָג, און אַז איצט זענען מיר אַריינגעטראָטן אין אַן עפּאָכע פון נצחון, און אַז נישט „שפייען" אין פנים די אונטערדריקער שטרעבן מיר איצט, נאָר זיי צו באַזיגן און אַ לעבן צו בויען. ער האָט מיך טרויעריק אָנגעקוקט און געזאָגט: „הלוואי!" זאָלן די דאָזיקע פאָר ווערטער דינען אַלס אַ בלימל אויף דעם אומבאַקאַנטן קבר פון דעם צאַרטן, איידעלן, ביי טער געשלאָגענעם דורך דעם גורל אין די לעצטע יאָרן פאַרהושכטן און אַנטווישטן פאָלקס־זינגער צווישן די חורבות פון וואַרשעווער אָדער אָטוואָצקער געטאָ, אָדער צווישן די אַש פון טרעבלינקע.

טלאָמאַצקע 13

אָט דעם אַדרעס איז באַשערט געווען פֿאַראייביקט צו ווערן אין דער געשיכטע פֿון די וואַרשעווער יידן אינעם פּעריאָד צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט=מלחמה. עס זענען געווען ווייניק וואַרשעווער יידיש=רעדנדיקע יידן, וואָס זאָלן נישט האָבן כאָטש אַ פּאָר מאָל אין יאָר זיך אַריינגעכאַפּט אויף טלאָמאַצקע. אויך פּויליש=רעדנדיקע יידישע „פּאַניענקעה", וועגן וועלכע מ'האָט געשאַפֿן אַ וויציק לידל, געזונגען לויטן מאָטיוו פֿון וויספּיאַנסקיס „וועסעליע" „מיאַלעש, כאַמיע, זלאָטי רוג", „פּאַננעם זענען מיר, פּויליש רעדן מיר, פּויליש איז דאָך אונדזער שפּראַך, יידיש איז אַ מיאוסע זאַך" — פֿלעגן זיך גאַנץ אָפֿט אָפּרעדן אויף „ראַנדקעס" אויף טלאָמאַצקע און „באַוואונדערן" די „זשאַרגאָנאָווע" שרייבער, וועלכע האָבן „מימאָ וושיסטקאָ" מאַלאַנט הסידישע בהורימלעך אין קאַפּאָטעס פֿלעגן זיך אַריינכאַפּן, כדי צו שלינגען וועלטלעך=נאַציאָנאַלע תורה און קולטור פֿון די יידישע ליטעראַטור=שעפֿער און פּאָפּולערע כלל=טוער. און נאָך דעם חורבן, היסטאָרישער אויסראָטונג איז טלאָמאַצקע 13 פֿאַרצייכנט געוואָרן לדור=דורות אין אַ ריי ליטעראַרישע שאַפֿונגען.

בוכשטעבלעך אויפֿן צווייטן טאָג נאָך מיין קומען קיין וואַרשע, סוף 1918, האָט מיך יאַנקעלע דאַנציגער מיט הערשעלען אַוועקגעפֿירט אינעם יידישן ליטעראַטן=פֿאַריין. די „דייטשישע שול" (אָדער באָר=שול), וועלכע איז געשטאַנען בשכנות, האָט מיר דערמאָנט די מתיקות פֿונעם חזן סיראָטעם בגינה און אויף דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק געהאַט מיט ד"ר גרשון לעווין פֿון „הזמיר" וועגן דער אָפּשטאַמונג פֿון כל=נדרי ניגון. (אַ סובטעלער קענער פֿון מוזיק, אַן אמתער ערודיט אין מוזיקאָלאָגיע און אַ האַרציקער ליבהאָבער פֿון פֿאָלקלאָר — נישט דווקא יידישן — איז ער געווען, אָט דער אָריגינעלער מעדיצין=דאָקטער).

דאָס אָפּגעדראַפּעטע הויז מיט די שמוציקע הילצערנע טרעפּ און דער נישט נאָר ריח=ניחוחדיקער הויף פֿון דעם שכנישן הויז, פּונקט אַנטקעגן

דעם פּושעיאַזד מיט די קאַזאַרמעס פון דעם שרעקלעכן „וואָלינער פּולק" (אַרסענאַל=בנין), ווו דער ליטעראַטן=פאַריין האָט זיך געפינען אויפן ערשטן שטאָק — האָט מיר אַבסאָלוט נישט אימפּאָנירט. אויך נישט די אינגעווייניקסטע איינאָרדענונג, א חוץ דעם בופעט, אויף וועלכן עס זענען געווען מאכלים, וועלכע איך האָב שוין לאַנג נישט געזען, ווי למשל, געהאַקטע לעבערלעך, געפילטע פיש אויף אַ יידישן שטייגער, פון וועלכע ביים ערשטן ביסן ווערט „אַ שרפה אין מויל", געגזעגנע גריוון (מיט ציבעלעס). שטייענדיק אַזוי ביים בופעט, שטאַרק פאַרטאָן אין דעם ענין, וועלכע פון די מעדני מלך זאָל איך באַשטעלן אויף איבערבייסן, גיט מיר יאַנקעלע אַ שושקע אינעם אויער: „אָט דאָרטן זיצט דינעזאָן". איך האָב איבערגעריסן מיינע קולינאַר=גאַרמאַזשערישע מחשבות און האָב זיך דערנענטערט צום טישל, ווו עס איז געזעסן דאָס אַלטיטשקע גרייז=גרויע קינד — דינעזאָן צוזאַמען מיט נאָמבערגן. יאַנקעלע האָט מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט, הערשעלע האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז ער קען מיך נאָך פון לאָהוש, און אַז „איך האָב אַ שטיקל פאַרשטענדעניש פאַר ליטעראַטור אויך, און מ'קאָן מיט מיר רעדן", פון וואָס דער טייוולאָניש קלוגער ה. ד. נאָמבערג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אויפן קול.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געשפּרעך. דינעזאָן האָט זיך אינטערעסירט מיט יידישער ליטעראַטור הן אין אַמעריקע, הן אין רוסלאַנד. וועגן אַמעריקע האָב איך עפּעס געקאָנט דערציילן, וועגן רוסלאַנד כמעט גאָרנישט. נאָמבערג ווידער האָט זיך דער עיקר אינטערעסירט מיט רוסלאַנד, און נישט אַזוי פיל וועגן יידישער ליטעראַטור, ווי וועגן דער רעוואָלוציע און איר השפּעה אויף דער רוסישער ליטעראַטור. איך האָב גלייך אין אים דערפילט נישט קיין שול=הויף=יידן, נאָר אַ וועלט=גייסט. ער איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, און איך האָב אים געשטעלט אַ שקאָצישע פראַגע: „צי פאַרנעמט נאָך ציאָן=קאַלי אַן אָנגעזעענעם אָרט אין זיין ליטעראַרישן שאַפן"? (אַ רמז אויף אַ פּעסימיסטישער נאָוועלע זיינער, ווו אַן אַנטוישטע קורסיסטקע באַגייט זעלבסמאָרד, געשריבן אינעם פּעריאָד פון דער סמאָלפּינישער רעאַקציע), האָט ער מיר אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און געזאָגט, לאַכנדיק: „איצט איז אַן אַנדער עפּאָכע". איך האָב אים מיט פאַרשטענדעניש די האַנט געדריקט און אויפגעהערט צו רעדן, ווייל עס איז צוגעקומען הלל צייטלין מיט דעם טונקעלן. צייטלינען האָב איך נאָך געקענט פון 1908 יאָר און מיט דעם טונקעלן האָב איך זיך ערשט באַקענט. צייטלינען האָב איך געקאָנט ענטפערן אויף אַ ריי פראַגן וועגן

מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך אינטערעסירט. מיט גרויס בענקעניש האָט ער גערעדט וועגן ז ײ ן — דוכט מיר — הײמשטאָט האָמעל. ער האָט זיך אינטערעסירט שיעור נישט מיט יעדער גאַס. ער האָט גלײַכצײַטיק אויסגעהערט וועגן דעם אָנטײל פֿון האָמעלער ייִדישע האָרעפּאַשניקעס אין דער רעוואָלוציע, נאָר דער עיקר זיך אינטערעסירט מיט פּערזאָנען, וועלכע שטאַמען פֿון האָמעל, און וועלכע איך האָב באַגעגנט אָדער געקאָנט באַגעגענען ערגעץ אַנדערש. ער האָט זיך אין דעמאָלט אינטערעסירט מיט דעם גורל פֿון אַ גאַנצער רײ ייִדישע כּלל־טוער, באַזונדערס האָט ער הנאה געהאַט פֿון דעם אַוועקגײן פֿון סאָציאַליסטישע ייִדישע טוער פֿון דער באַוועגונג. וועגן יעדן פֿון די אַוועקגעגאַנגענע האָט ער געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגן: וועגן ניגער, לאַצקי־בערטאָלדי, דניאלי. באַזונדערס אַקטיוו איז ער געווען, ווען איך האָב דערצײלט וועגן דעם גורל פֿון ברוך סטאָלפּנער, וועלכער האָט זיך אין 1908 יאָר אויף דאָסנײַ... מגייר געווען. „יאָ, ער פֿאַרנעמט זיך מיט פֿילאָזאָפֿיע? אַ שאַרפֿער מוח אַלעמאָל געווען“. — אַזוי האָט ער מיט התפּעלות איבערגעריסן יעדעס וואָרט מײַנס. דער טונקעלער האָט זיך צוגעהערט און געווען בפֿירוש צופֿרידן פֿון יעדער „שפּילקע“, וועלכע איך האָב אַרײַנגעשטעלט די אַלע „גלאָריפֿיקאַטאָרן פֿון הרב הקדוש און... ניצשע“, וועלכע זוכן אין „מיסטישער גורלדיקײַט א תשובה אויף די ברענענדיקע פֿראַגן פֿון אונדזער צײַט“.

אין אַ געוויסן מאָמענט רײַסט ער איבער מיט אַ תּיקו־פֿראַגע, "בקיצור, וועלן מיר האָבן באָלשעוויזם אין פּוילן, אָדער נישט?" אָט דאָס איז געווען שוין אײנמאָל אַ פֿראַגע! אויף דעם האָט געענטפֿערט דער פּיקח שבפּיקח — נאָמבערג: „נישט אַזוי שנעל! וואָרום א י ך ה אָ ב מ ו ר א (בוכשטעבלעך אַזוי האָט ער געזאָגט), אַז די אַנטאַנט וועט אויסנוצן די אײַנגעוואָרצלטע שנאה פֿון די פּאָליאַקן צו די „מאָסקאַליעס“, כּדי צו מאַכן פֿון פּוילן אַ „סאַניטאַרן קאָרדאָן“ קעגן דעם באָלשעוויזם. סוף כּל סוף וועט זיך עס אויסלאָזן צו פּוילנס קאָפּ און צו אונדזערע ייִדישע קעפּ. בײַ די ווערטער האָבן מיר באַמערקט, אַז דער אַלטיטשקער דינעזאָן האָט מיט אַ זיסן ליבן שמײכל אויף די ליפּן, זיצנדיק געכאַפּט אַ דרימל. מיר האָבן דאָס געשפּרעך איבערגעריסן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט טלאָמאַצקע 13. — דאָס איז געווען אַ גאָר אײגנאַרטיקע אינסטיטוציע. דעם גאַנצן „אויבנאָן“ פֿון דעמאָלטיקן ייִדישן קולטור־לעבן האָט מען דאָרט געקאָנט געפֿינען. דאָס

האָט צוגעצויגן ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און פאָלקס-קולטור, ווי אויך סנאָבן און ליבהאָבער פון ליטעראַרישע רכילות.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער גרעסטער טייל באַזוכער איז געווען זשורנאַליסטן, האָט מען אָבער וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אינעם לאַנד זייער ווייניק דאָרט גערעדט. בלויז צוויי זשורנאַליסטן פון דער בורזשואַזער פּרעסע האָבן געהאַט א טיפערע ידיעה וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין פּוילן. געווען זענען דאָס נאַטאַן שוואַלבע און בערנאַרד זינגער — ביידע פון צייטונגען, וועלכע זענען דערשינען אין פּויליש. בערנאַרד זינגער איז געווען דער ערשטער נאָך מיין קומען קיין פּוילן, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ קלאָר בילד וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. כמעט אלע איבעריקע האָבן געשוועבט אין די עולמות העליונים פון יידישלעכער אָפּגעגרענעצטקייט.

אַרבעטער-ראַטן

אַזוי שנעל, ווי די דייטשישע אָקופּאַנטן זענען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דער פּוילישער ערד האָבן זיך ספּאָנטאַן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַרבעטער־ראַטן אין די באַפֿרייטע שטעט און שטעטלעך, ווי אויך ראַטן פֿון די לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין די פּריצישע מאַיאָנטקעס. דאָס וואָרט „ראַט" האָט געקלונגען, ווי אַ באַפֿליגלדיק צויבער־וואָרט.

די איינציקע, וועלכע זענען פֿון אָנהייב אָן צוגעטראָטן באַוווּסטזיניק צו אָרגאַניזירן אַרבעטער־ראַטן — זענען געווען די סדקפּל און די „לעוויצאַ" פּפּס, וועלכע האָבן זיך דעם 16־טן ד ע צ ע מ ב ע ר 1918 פֿאַראייניקט אין דער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר אַ ר ב ע ט ע ר־פּ אַ ר ט יי פֿ ו ן פּ ו י ל ן. זעענדיק דעם ברייטן אָפּקלאַנג, וואָס די ראַטן פֿון סדקפּל און פֿון פּפּס־„לעוויצאַ" האָבן אַרויסגערופֿן ביי די אַרבעטער, זענען די פּפּס־פֿראַקעס צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קאָנקורענץ־ראַטן.

ביי די יידישע אַרבעטער האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ דראַנג צו שאַפֿן ראַטן. נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פֿאַקט, אַז יידישע אַרבעטער זענען דער עיקר געווען באַשעפֿטיקט אין דער קליינער — זעלטענער מיטלער — אינדוסטריע, און געווען צעבראָקלט, האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געמוזט פֿאַרברענגען זייער ליבע צו קוצו של־יוד־מחלוקות און איינגיין אויף שאַפֿן אַ טעכנישע קאָמיסיע פֿאַר דורכפֿירן וואַלן צום אַלגעמיינעם פֿאַראייניקטן אַרבעטער־ראַט.

אָבער אויפֿן וועג פֿון שאַפֿן אַן איינהייטלעכן אַרבעטער־ראַט (איך רעד איצט וועגן וואַרשע, נאָר אַזוי איז געווען אויך אין אַנדערע טיילן פֿון לאַנד) זענען געשטאַנען גרויסע מניעות. די סדקפּל און די „לעוויצאַ"— פּפּס (נאָך דעם 16 דעצעמבער שוין קאָמוניסטן!) זענען פֿון אָנהייב געווען פֿאַר דער ליקווידאַציע פֿון באַזונדערע פּאַרטייאישע ראַטן און פֿאַר אָרגאַניזירן אַרבעטער־ראַטן, וועלכע זאָלן אַרומנעמען אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פֿון איבערצייגונג און נאַציאָנאַליטעט.

אויפן וועג צו פאַראייניקן די אָפּגעזונדערטע פּאַרטייאישע ראַטן, אין דער עיקר אויף צולאָזן די יידישע אַרבעטער צום אַרבעטער־ראַט, האָט די פּפּס געמאַכט געוואַלדיקע שוועריקייטן. די פּפּס איז לכתחילה געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ באַזונדער ראַט פון יידישע אַרבעטער, מיט וועלכן עס דאַרף איינגעשטעלט ווערן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט דורך ספּעציעל־אויסגעקליבענע דעלעגאַטן. אָט די דאָזיקע „ברייטהאַרציקע" אָנערקענונג פון די „באַזונדערקייטן" פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט ביי די גרעסטע חסידים פון יידישער אָפּגעזונדערטקייט נישט אַרויסגערופן קיין אָנערקענונג. יעדער יידישער אַרבעטער האָט דאָס אויפגענומען ווי אַן אַקט פון דיסקרימינאַציע.

די מאָטיוון פון דער דאָזיקער שטעלונג זענען געווען אין אַלגעמיין גענומען פאָלגנדיקע:

עס הערשט אַ „הויכע שפּאַנונג" פון אַנטיסעמיטישע שטימונגען ביי די אַרבעטער־מאַסן.

די יידישע דעלעגאַטן רעפּרעזענטירן דער עיקר קליינבירגערלעכע, האַלב־אינטעליגענטישע ספערן.

און דאָ קומט דער אמתער „צימעס".

די „יידישע פראַקציע" (הערט אַ לשון! פאַרטרעטער פון יידישע אַרבעטנדיקע מוזן פאָרשטעלן אַ „יידישע פראַקציע"!), וואָלט געווען דאָס צינגל ביי דער וואָג צווישן דעם קאָמוניסטישן און פּפּסישן שטראָם, אַזוי אַז יידן וואָלטן דעצידירט וועגן די סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון „זשאַרגאָן" אין די ראַטן קאָן קיין רייד נישט זיין, און דעריבער מוזן זיי האָבן אַ באַזונדערן ראַט, זיי זאָלן זיך פריי קאָנען אַרויסזאָגן.

אויף דער קאָנפערענץ פון פּפּס ביי אַ ספּעציעלער אָפּשטימונג מכוח דער פראַגע פון שאַפן אַן איינהייטלעכן ראַט צוזאַמען מיט די יידישע דעלעגאַטן — האָבן 39 שטימען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר און 54 קעגן. אָבער אַלץ ברייטערע פּוילישע אַרבעטער־מאַסן האָבן דרינגענדיק געפאָדערט אַן איינהייטלעכן ראַט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. א גרויסע הילף אין דער לעזונג פון אָט דער פראַגע איז

יעוגן די שטעלונג פון דער אקאָרשט אַנטשטאַנענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, וועלכע איז גלייך צוגעטראָטן אָרגאַניזירן יידישע ארבעטנדיקע אין אירע רייען, באַקעמפנדיק דעם נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם פון פּפּס און פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ביי די וואַלן צום פּאַראייניקטן אַרבעטער־ראַט צווישן די יידישע אַרבעטער האָבן די קאָמוניסטן באַקומען א צאָל שטימען, וואָס האָט זיי געשטעלט אויפן צווייטן אָרט נאָכן „בונד“ און די עטלעכע צענדליק יידישע דעלעגאַטן זענען צוגערעכנט געוואָרן צו דער אַלגעמיינער צאָל קאָמוניסטישע דעלעגאַטן. דעלעגאַטן פון יידישע אַרבעטער אַלס טייל פון אַן אַלגעמיינער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט פון פּוילן איז געווען א היסטאָרישע, רעוואָלוציאָניירנדיקע געשעעניש פאַר זיך גופא.

דער וואַרשעווער אַרבעטער-ראַט

דעם 5 יאַנואַר 1919 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע זיצונג פונעם פאַראייניקטן ראַט פון אַרבעטער-דעלעגאַטן, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן סמך פון אַלגעמיינע וואַלן אין אַלע וואַרשעווער פאַבריקן און צווישן די אַרבעטער פון אַלע פאַכן און בראַנזשעס. אין דער געביידע פון דער קאָנסערוואַטאָריע, אויף אָקאָלניק (שפּעטער אויך אין קאַמינסקיס טעאַטער אויף אָבאָזשנע און אין דעם זאַל פון „פּאַנאָראַמאַ“ אויף קאַראָווע 18) האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער ערשטער אין דער געשיכטע פון אונדזער הויפּטשטאָט „אַרבעטער-פּאַרלאַמענט“, ווי מ'האָט אים גערופן.

גראַד אין דעם זעלבן טאָג זענען די וואַרשעווער אַרבעטער געווען אונטערן פרישן איינדרוק פון די לוויות פון די אומגעקומענע אַרבעטער אין דעם „בלוטיקן זונטיק“ (29 דעצעמבער). זיי זענען געפאַלן אַ קרבן בעת דעם בלוטיקן פאַנאַנדערטרייבן מעכטיקע פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס פון וואַרשעווער פּראָלעטאַריאַט. אין דעם זעלבן טאָג איז אויך פאָרגעקומען די ענדעקישע פאַרשווערונג קעגן מאַראַטשעווסקיס א. ג. „פאָלקס-רעגירונג“, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס „יאַנושאַיטיס-פאַרשווערונג“. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס די צענטראַלע פראַגע אויף דער זיצונג איז געוואָרן די ראָזיקע פאַרשווערונג.

די וואַלן צום פאַראייניקטן אַרבעטער-ראַט זענען פאָרגעקומען לויט פּאַרטיי-ליסטעס. געווען איז אַ האַלבע טוץ פּאַרטייען, וועלכע האָבן „קאָנטראָלירט“ די וואַלן אויף אַזאַ אופן, אַז אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען באמת עפּעס ענלעכס צו אַ פּאַרלאַמענט, מיט צווישן-פּאַרטייאישע אונטערהאַנדלונגען, באַזונדערע דעקלאַראַציעס און אָפּמאַכן „וועגן אַ געמיינזאַמער פאַרטיידיקונג“, מיט דעם גאַנצן פּאַרלאַמענטאַרישן כל וולך. אין איין הינזיכט איז דער אַרבעטער-ראַט נישט געווען קיין פּאַרלאַמענט: נישט די רעגירונג איז לגבי אים געווען פאַראַנטוואָרטלעך, און נישט עס איז אין אים געווען אַ מערהייט, וואָס האָט געשטרעבט צו דעם, אַז דער אַרבעטער-

ראַט זאָל ווערן אַ מאַכט־אָרגאַן. צו דעם האָבן געשטרעבט בלויז די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהאַט דריי הונדערט און פינף שטימען. די פּפּס, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַנען אַזעלכע, ווי יאַוואָראָווסקי, מאַלינאָווסקי, וואָס האָבן שפּעטער פאַראַטן זייער אייגענע פּאַרטיי און געשטעלט זיך אין פולשטענדיקן רשות פונעם דיקטאַטאָר פּילסודסקי, ווי אויך אַזעלכע טרויעריק־באַרימטע „סאָציאַליסטישע" טוער ווי זאַרעמבאַ און פּוזשאַק — האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן. פאַרקערט, זיי האָבן געשטרעבט, אַז דער ראַט זאָל זיין אַן אונטערשטיצונגס־זייל און הילפס־אָרגאַן פאַר דער רעגירונג, וועלכע שטייט אויף „אַכטונג" פאַר פּילסודסקין.

אויסער פּפּס, וועלכע האָט געהאַט אינעם ראַט 313 דעלעגאַטן, איז אויך געווען אַ גרופּע פון 45 פּאַרטרעטער פון די א. ג. „פּוילישע פּראָפּאַרייגען", ד. ה. אויסדריקלעך אַנטיסאָציאַליסטישע, שאָוויניסטישע, אַנטיסעמיטישע עלעמענטן פון ענדעקישן חדר, און דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צווישן זיי האָט דעם אויבנאָן פאַרנומען דער „בונד" מיט זייגע 137 שטימען, די „פּאַראייניקטע" 41 שטימען, און די פּועלי־ציון מיט 31 שטימען.*)

לויט דער רעפּרעזענטאַנץ האָט דאָס ווירקלעך אויסגעזען זייער אימפּאָזאַנט, באמת ווי אַן „אַרבעטער־פּאַרלאַמענט". פון דער פּפּס, למשל, זענען אַ חוץ די אויבנדערמאָנטע געווען אויך ניעדזשאַלקאָווסקי און ד״ר פּערל (רעם), זשאַרסקי און לאַנדי (די לעצטע צוויי זענען מיט איין יאָר שפּעטער געוואָרן קאָמוניסטן). אַ טעות וואָלט געווען צו דענקען, אַז די פּפּס איז געווען פון איין טייג אויסגעקנאָטן: אַ שטאַרקער אינערלעכער אידעיש־פּאָליטישער קאַמף איז ביי איר פּאָרגעקומען. נאָך פאַרן סוף פון דער קורצער עקזיסטענץ פון די ראַטן, וועלכע זענען פון אינעווייניק צעבראָכן געוואָרן דורך די בורזשואַזע רעגירונגען, ווען די „פּאָלקס־רעגירונג" האָט פּרייוויליק — פּאַרדאָן, נישט אינגאַנצן „פּרייוויליק", נאָר אויף פּילסודסקיס באַפעל — איבערגעגעבן די מאַכט — האָט זיך שוין בולט אַרויסגעוויזן דער אינערלעכער קאַמף אין דער פּפּס, וועלכער האָט דערפירט דערצו, אַז באַדייטנדיקע גרופּן פּפּסישע טוער זענען אַוועק צו די קאָמוניסטן.

צווישן די קאָמוניסטן האָט מען אינעם ראַט געקאָנט זען די אימפּאָנירנדיקע פיגור פונעם אַלטן וואַרסקי — וואַרשאַווסקי, אויף

*) אַ חוץ דעם האָט פּפּס געהאַט נאָך 78 סימפּאַטיקער און די קאָמוניסטן — 33 סימפּאַטיקער.

וועלכן הונדערטער דעלעגאַטן האָבן געקוקט מיט אַ באַזונדער גרויסן דרך־ארץ, דעם פּלאַמיקן תּלמיד־חכם — וואַלעצקי — האָראָוויץ וועגן וועמען דער „פֿראַק" מאַליניאָווסקי האָט פֿון דער טריבונע געזאָגט, פּאָלעמיזירנדיק מיט אים, אַז ביי אים האָט ער זיך געלערנט דעם אַלף־בית פֿון סאָציאַליזם, דעם באַליבטן ביי דער וואַרשעווער אַרבעטער־מאַסע מעטאַל־אַרבעטער גזשעלשטשאַק (דער אַלטער „מאַרצין"), קרוליקאָווסקי, דעם שפּעטערדיקן קאָמוניסטישן סיים־דעפּוטאַט, טשישעווסקין, שטיין־קראַיעווסקין, וועלכער איז אינעם ראַט אַרויסגעטראָטן אונטערן פּסעוודאָנים דאָמבראָווסקי (וועגן וועלכן מ'האָט שוין דאַן געוווּסט, אַז ער איז געווען דער פֿאַרטרעטער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט אויף דער קינטאַלער קאָנפֿערענץ פֿון די אינטערנאַציאָנאַליסטן בשעת דער מלחמה), סטאַד בורזינסקין „טראַדיציא" — וועגן וועמען עס זענען שוין דעמאָלט אַרומגעגאַנגען לעגענדעס (וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט בשעת דעם צאַריזם, וועגן זיין אָנטייל אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע), און וועלכער האָט פֿריינד און קעגנער באַצייבערט מיט זיין רעוואָלוציאָנערן ברען.

צווישן די בונדיסטישע דעלעגאַטן האָט זיך אויסגעטיילט די שלאַנקע געשטאַלט פֿון וולאַדימיר מעדעם, וועלכער איז אויף די פּלענאַרן זיצונגען פֿונעם ראַט געווען אַ שווייגער, איבערלאָזנדיק די טריבונע פֿאַר הענריק ערליכן, זיבערטן, וויקטאָר אַלטערן. אַזשעכן א. א.

פֿון צווישן די „פֿאַראייניקטע" זענען אינעם וואַרשעווער ראַט געווען: ד"ר קרוק, שלומקע זיסמאַן, מאיר מענדעלסבערג (אַ לערער), פּיניע בוקסהאָרן, יעקב ליבמאַן, ישׂראל גייכט, פּינעס, פֿון צווישן די פּועלי־ציון — יצחק לעוו, ליאָווע מאַנאַסזאָן, ישׂראל שורע.

אינעם וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט זענען אויך געווען פֿאַרטראָטן ייִדישע אַרבעטער־טוער פֿון דער געוועזענער סדקפּל און פּפּס־לעוויצא, אויסגעקליבענע אויף דער קאָמוניסטישער ליסטע. באַזונדער דאַרפֿן דערמאָנט ווערן די חברים: ווייצבלום („שבנא", „קאַראָלסקי") — אַ פּלאַמיקער מאַסן־רעדנער מיט ליטעראַרישע פֿעיִקייטן, זאַטאָדסקי (סטאַד), „מאַרטין" גרינבערג, „מערי" ראָטענבערג און בלומקין, אַ טאַבאַק־אַרבעטער.

שוין ביי די ערשטע טריט פֿון דעם וואַרשעווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די שאַרפֿע שייד־ליניע צווישן דער שטעלונג פֿון פּפּס און דער שטעלונג פֿון די קאָמוניסטן, די דאָזיקע שייד־ליניע

און דער „גאָלדענער מיטן“, וואָס די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געשטרעבט צו פאַרנעמען, האָט אַנטפּלעקט די הילפלאָזיקייט פון וואַרשעווער אַרבעטער=ראַט.

די ערשטע גרויסע פייער=פּראָבע איז אין דעם אַרבעטער=ראַט געווען די גענעראַל=דיסקוסיע וועגן דער ענדעקישער מלוכה=פאַרשווערונג. פאַר דער פּפּס איז דאָס געווען אַ פאַרשווערונג קעגן דער רעגירונג, וועלכע האָט אין אירע אויגן רעפּרעזענטירט די „מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים“, און זי האָט גערופן צו וואַכזאַמקייט, צו „רעוואָלוציאָנערער גרייטקייט“, כדי צו פאַרטיידיקן... די רעגירונג און אונטערגעשטראָכן „מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט“ די נויטווענדיקייט צו אַנטוואָפענען די „ווייסע גוואַרדיע“, נישט רופנדיק, חלילה, דעם אַרבעטער=ראַט ער זאָל מאָביליזירן די מאַסן צום רעוואָלוציאָנערן אַנטוואָפענען די „ווייסע גוואַרדיע“ **דורך די מאַסן גופא.**

די קאָמוניסטן ווידער האָבן פאַר דער פאַרשווערונג געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך די „פאָלקס“=רעגירונג גופא, וועלכע האָט מיט איר שאַכער=מאַכער מיט דער רעאַקציע, מיט איר פּשרה=פּאָליטיק און בפירושער אונטערשטיצונג פון די פאָלקס=שונאים, מיט איינפירן אויסנאַם=צושטאַנד, מיט טאָלערירן אַרבעטער=מאָרדן און פּאָליצייאיש=מיליטערישע גוואַלד=טאַטן איבער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, בלויז דערמוטיקט די טעראָריסטישע קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. די קאָמוניסטן האָבן אין זייער רעזאָלוציע גערופן די אַרבעטער און זעלנער צום שאַרפסטן קאַמף פאַר דעראָבערן די מאַכט פון אַרבעטער=קלאַס, פאַר שאַפן אַ רויטע גוואַרדיע, וואָס זאָל זיין אונטערגעוואָרפן די אַרבעטער=ראַטן, פאַר באַוואָפענען דאָס פאָלק און אַרויסרייסן די מאַכט פון די הענט פון דער בורזשואַזיע.

אַ חוץ דעם זענען נאָך געווען צוויי פּראָיעקטן פון רעזאָלוציעס: פון „בונד“ און די „פאַראייניקטע“. די בונדיסטישע רעזאָלוציע האָט גערופן צום שאַפן אַן אַרבעטער=מיליץ אונטער דער קאָנטראָל פונעם אַרבעטער=ראַט, כדי „אָפּצושלאָגן די אינטריגעס פון דער קאָנטררעוואָלוציע, וועלכע שטרעבט צו מאַכט“, אויך דער בונדיסטישער פּראָיעקט פון דער רעזאָלוציע באַשולדיקט די פּפּסישע „פאָלקס“=רעגירונג אין וואַקלדיקייט, האַלבהייט און נישט דערלאָזבאַרער טאָלעראַנץ לגבי דער „דראָענדיקער קאָנטררעוואָלוציע“. די „פאַראייניקטע“ ווידער שאַצט דאָס אָפּ אויף דעם זעלבן אופן, אויף וויפל עס האַנדלט זיך מכוח פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער „פאָלקס“=רעגירונג פאַר דער וואַקסנדיקער חוצפּהדיקייט פון דער קאָנטר=

רעוואָלוציע און רופט צו שאַפן אַ „אייגנהייטלעכע סאָציאַליסטישע רעגירונג, אין וועלכער עס זאָלן אַריין פאַרטרעטער פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט און וועלכע זאָל ביז דער קאָנסטיטואַנטע זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ראַטן פון אַרבעטער- און פויערים-דעלעגאַטן".

די פועלי-ציון האָבן קיין אייגענע רעזאָלוציע נישט אַריינגעטראָגן, שטימענדיק צוזאַמען מיטן „בונד".

די אָפּשטימונג אין וואַרשעווער אַרבעטער-ראַט איבער די 4 אַריינגעטראָגענע פּראָיעקטן פון רעזאָלוציעס וועגן יאַנושאַיטיסעס מלוכה-פאַרשווערונג האָט געגעבן 213 שטימען פאַר דער פּפּס, 162 — פאַר די קאָמוניסטן. פאַר די רעוואָלוציעס פון „בונד" און „פאַראייניקטע" 161 שטימען. ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט מיט עטלעכע טעג שפּעטער אַ דיסקוסיע אַרום דעם קאָמוניסטישן פאָרשלאָג צו ענטפערן מיט אַן אַלגעמיינעם פּראָטעסט-שטרייק קעגן דעם טעראָר לגבי די אַרבעטנדיקע מאַסן הן מצד די רעגירונגס-אָרגאַנען, הן מצד דער „שוואַרצער מאה", און די בונדישע דעלעגאַציע איז אַרויסגעטראָטן פאַרן קאָמוניסטישן פאָרשלאָג, האָבן זיך פון די פּפּסישע בענק געלאָזט הערן הויך-אויסשרייען: „ווער וועט שטיצן: די הערינג- און די ציבעלע-הענדלערקעס פון די האַליעס?" — רעדנדיק גלייך נאָך דעם, אין די קולואַרן מיט ד"ר פערל און ביעזשיאַלקאָווסקין פון פּפּס מכוח דעם דאָזיקן אויסגעשריי, זענען זיי געווען „באַטריבט", אויסגעדריקט באַדויערן און גלייכצייטיק באַשולדיקט די בונדישע דעלעגאַציע אין „אומטאַקטישקייט".

די ערשטע שוואַלבן

שוין סוף 1918, נאָך איידער דער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־ראַט איז אַנטשטאַנען אויפֿן יסוד פֿון אַלגעמיינע וואַלן, איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג ביי די „פּועלי־ציון", פֿון וועלכע עס איז אַוועק אַ גרופּע פֿון 150 מאַן מיט דעם מיטגליד פֿונעם וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון די פּועלי־ציון — טאַובענשלאַג בראש. פֿון דער דאָזיקער גרופּע, וועלכע איז געווען די „ערשטע שוואַלב", וואָס האָט געבראַכט דעם פֿרילינג פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם צו די יידישע אַרבעטער, זענען געקומען אַזעלכע טוער, ווי דער שאַרפֿער מוח — אברהם זאַכאַריאַש און — אים צו לאַנגע יאָר זיין ברודער — שמעון זאַכאַריאַש.

יעדע זיצונג פֿונעם וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט האָט צוגעאיילט דעם פּראָצעס פֿון דיפֿערענציע, און כאָטש מ'האָט נאָך געשטימט לויט דער „פּאַרטיי־דיסציפּלין", האָט זיך שוין אָבער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ נייע פֿאָרם פֿון אידעיִשער חברשאַפֿט, וואָס האָט איבערגעוואַקסן די ראַמען פֿון „טראַדיציאָנעלער" ענגער פּאַרטייאישקייט.

ווען איך האָב גלייך אויף מאָרגן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿאַר מיינע וויילער, די טרעגער־אַרבעטער אויף לעשנאָ 49 ביי אַ פֿולגעפּאַקטן זאַל (געמישט בלויז טרעגער־אַרבעטער), האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געפֿאָדערט אונטערצושטיצן יעדן קאָמוניסטישן פֿאָרשלאַג און איבערלאָזן די פֿראַגע וועגן אַזאַ אָדער אַנדערע אויטאָנאָמיע און טעריטאָריע, ווען מען וועט מיט „די בורזשויען פּאַרטיק ווערן" און „אומזיסט לעבן. וועט אויפֿהערן צו זיין הפֿקר".

אין מיטן פֿון מיין רעדע איז אַריינגעקומען אַ יונגער, בלאַסער אַרבעטער, אַרויף אויף דער טריבונע און אויסגעשריגן: מ'שלאָגט אונדז ווידער אויף אָרלע!" (אויף אָרלע־גאַס 8 איז געווען דער לאָקאַל פֿונעם ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, וועלכער האָט זיך געפֿונען אונטערן איינפֿלוס פֿון די קאָמוניסטן). געווען איז דאָס איינער פֿון די כסדרדיקע

איבערפאַלן מצד די צעיושעטע „לעגיאָנערן“. אַ ברייטבייניקער קוילנטרעגער האָט זיך אָפּגערופן: „חבר יצחק, האָט קאַ פאַריבל ניט. אינגאַנצן, מײַן גאָט, מ׳שלוגט אינגאַנצן אינגהזעריקע“. און אַ גרופּע פון 6 מענטשן איז אַרויס צוזאַמען מיט דעם בלאָסן יונגערמאַן. מען האָט ווייטער דיסקוטירט: וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן „ווען וועט נעמען אַ סוף“, וועגן דעם, ווי אַזוי צו „פאַרבייגן קליינקייטן“ — און ברענגען צו „אחדות צווישן אַרבעטסלייט“, כדי „ביי אונדז צו מאַכן דאָס, וואָס עס איז שוין אין רוסלאַנד געמאַכט געוואָרן“. אייניקע האָבן פּרובירט אַרויסרוקן ספּעציעל־יידישע פּראָבלעמען, אָבער אַרום זיי האָט זיך קיין דיסקוסיע ניט אַנטוויקלט. געווען איז דאָס אָנהייב 1919.

זינט דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער בורזשואַז־פּריצישער מלוכה האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין אומאויפהערלעכע עקסצעסן, אָנפאַלן, בערד־שנײַדעריי, איינצל־מאָרדן ביז אַלגעמיינע פּאָגראָמען. אַזוי, למשל, איז דערמאָרדעט געוואָרן דער יידישער שרייבער א. ווייטער (יצחק אייזיק דעוועניששקי) אין ווילנע אין דעם ערשטן טאָג, ווען די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן דורך פּילסודסקיס „לעגיאָנען“. עקסצעסן און פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען: אין לעמבערג, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, פּינסק, דאָמבראָווע, קאַליש, ווילון, שידלאָוו, פּינטשעוו, בוסק, כמיעלניק, דזיעדזיץ, רוביעצק און נאָך, און נאָך... שוין ניט רעכענענדיק יידן, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן אויפן סמך פון חשד אין „באָלשעוויזם“, בלויז אויף דעם סמך, וואָס... „אַלע יידן זענען באָלשעוויקעס“.

דער אַקטיווסטער טייל פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע האָט זיך געצויגן צום קאַמף. און קאַמף האָט געהייסן אָנשליסן זיך אין די רייען פון די, וועלכע באַקעמפן דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן סיסטעם, וואָס רופט אַרויס פּאָגראָמען אויף יידן, אַלע גוואַלדטאַטן און גרוילטאַטן. — דאָס הייסט אין די רייען פון די קאָמוניסטן. די ניי־אַנטשטאַנענע קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון פּוילן האָט פון ערשטן מאָמענט אויך געפונען אַ ריכטיקן צוגאַנג צו די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון די יידישע אַרבעטער, צו זייער שפּראַך און קולטור. דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, פאַרוואָס ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס צווישן דער אַנפירערשאַפט פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן ניט געפעלט קיין אויסגעשפּראָכן אַנטיקאָמוניסטישע — „רעכטע“ און „צענטריסטישע“ — עלעמענטן, האָט אָבער קיין איינע פון זיי ניט געוואַגט דערנענטערן זיך אין יע=

אַ קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע סוף דעצעמבער 1918

נ ע ם פּ ע ר י אָ ד צו דער פּפּס און האָבן אין אַ גאַנצער ריי פֿראַגן געשטימט צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן. זייערע „אייגענע“ מיטגלידער וואָלטן זיך פֿון זיי אָפּגעטרייסלט, ווען זיי פֿאַרנעמען נישט אַ שטעלונג פֿון שאַרפֿער קעגנערשאַפֿט צו דער פּפּסישער „פֿאָלקס־רעגירונג“, אָדער צו דער אַגרעסיווער אַנטיסאָוויעטישער פּאָליטיק, אָדער ווען זיי שטיצן נישט אונטער די קאָמוניסטישע פֿאָרשלאַגן פֿון מאַסן־אַרויסטרעטונג קעגן טעראָר־פּאָליטיק. ס׳האָבן אויך נישט געפֿעלט אין יענעם מאָמענט קיין קוריאָזן. למשל, די האַלטונג פֿון פּאַרטייען און באַזונדערע מענטשן געטיילטע אויף ליבקס און רעכטס ביים פֿאָרשלאַג אינעם וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט צו דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרייק קעגן די טעראָריסטישע מעשים פֿון פּילסודסקים סאָלדאַטעסקע. די פּפּס איז געווען, ווי באַקאַנט, קעגן, זי האָט געדראָט מיט אַרויסטרעטן פֿונעם ראַט, אויב אַ שטרייק וועט באַשלאָסן ווערן. דער „בונד“ האָט אונטערגעשטיצט דעם פֿאָרשלאַג פֿון די קאָמוניסטן. די פּועלי־ציון האָבן איבערגעליציטירט דעם „בונד“. די „פֿאַראייניקטע“ האָבן זיך אויך געגרייט דעם פֿאָרשלאַג אונטערצושטיצן. באַזונדערס פֿאַר איז געווען ד״ר קרוק און מענדעלסבערג. איך, ישראל גייסט און נח שאַפּיראָ, גראָד די „ליבקסטע“, האָבן געהאַלטן, אַז עס וואָלט געהייסן הורא־רעוואָלוציאָנער, מיט דעם כּוח פֿון אונדזערע קליינאינדוסטריעלע יידישע אַרבעטער צו זיין אַ צינגל ביי דער וואָג און דעצידירן אין אַ מאָמענט, ווען עס האַנדלט זיך ווענן אָפּשטעלן די טראַמוויען, די גאַזאָווניע, די עלעקטראָווניע, לילפּאָפּ און אַנדערע גרויסע פֿאַבריקן, ווו די פּפּס האָט געהאַט אירע דעצידירנדיקע איינפֿלוסן. האָט מען מיר געזאָגט, און אויב איך בין אַזאַ „העלד“, זאָל איך מאַכן אַ דערקלערונג. און כּך הוה! איך האָב דעמלט געהאַלטן די קירצסטע רעדע אין מיין לעבן, זאָגנדיק כּמעט בוכשטעבלעך: „דער שטרייק איז נייטיק. אָבער ער קאָן דערקלערט ווערן בלויז מיט די שטימען פֿון אַלע פּאַרטייען. היות די פּפּס איז לייִדער קעגן — האַלטן מיר זיך אָפּ פֿון שטימען“. שלמהקע זוסמאַן האָט מיט אַ קלוגן געלעכטער אין די אויגן געזאָגט: „יצחק, די האָסט פֿאַרקאָכט אַ קאַשע. קיינער וועט איצט שוין נישט גלויבן אין דיין ליבקקייט“. און אַליין איז ער געווען אַ רעכטער שברעכטער.

צום שלום פֿון דער דעבאַטע האָט גענומען אַ וואָרט דער פֿירער פֿון די קאָמוניסטן אַדאָלף וואַרסקי און האָט דערקלערט, אַז „אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאַטעגאָרישער דערקלערונג פֿון יאַוואָראָווסקין, אַז די פּפּס איז נישט מסכּים און איז גרייט אַרויסצוטרעטן פֿונעם ראַט, אויב אונדזער

פאָרשלאַג וועט אָנגענומען ווערן, ציען מיר אונדזער פאָרשלאַג צוריק, כדי נישט צו צעקלאַפּן די איינהייט פונעם ראַט".

דעם ערשטן מאַי 1919 איז פאָרגעקומען אַ הערלעכע מאַניפעסטאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות אין וואַרשע און אין גאַנץ פוילן.

עס האָבן נאָך דעמלט עקזיסטירט די אַרבעטער־ראַטן. די יאַוואָראָווּ־סקיס, פּוזשאַקעס, זאַרעמבאַס און פּערלס האָבן נאָך געהאַלטן פאַר פּרי־ציטיק זיי צו ליקווידירן, האָפנדיק נאָך, אַז די ראַטן וועלן נאָך דורך זיי „איבערגענומען" אָדער „באַהערשט" ווערן. אַזוי, אַז עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן איינהייטלעכער 1־טער מאַי־מיטינג אויפן טעאַטער־פּלאַץ, וועל־כער איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, אונטער דער אויפזיכט פון דעם וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט. דער פאָרזיצער איז געווען יאַוואָראָווסקי, אין נאָמען פון פּפּס האָט גערעדט אַן אַלטער „פּראַק", אויב איך האָב קיין טעות נישט — גייבאָווער.

נאָך אים האָט גערעדט אין נאָמען פון די קאָמוניסטן ג ז ש ע ד ק אָ וו אַ ל ס ק י, וועלכע האָט דעם הויפּט־אַקצענט געלייגט אויף דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס. נאָך אים האָט גערעדט אַ פאָרשטייער פון „בונד", ד"ר קרוק פון די „פאַראייניקטע" און אַ פאָרשטייער פון די פּועלי־ציון.

ווען דער מיטינג האָט זיך פאַרענדיקט אונטער די טענער פון דער „מאַרסעליעזע", וועלכע דער אָרקעסטער האָט אויסגעפירט, האָט זיך אונ־טער די שטורמישע טענער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל" דער גרעסטער טייל פון דער מאַסע אַ לאָז געטאָן צום באַנק־פּלאַץ. נישט קיין מאַרש, נאָר אַ ברויזנדיקע מענטשן־כוואַליע איז עס געווען. טויזנטער פּוילישע און יידישע אַרבעטער, טויזנטער אומפּאַרטייאישע און פּפּסישע אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אונטער די קאָמוניסטישע פענער, צווישן וועלכע די פייערדיקע און לויטן אויסזען אימפּאָנירנדיקסטע איז געווען: „זאָל לעבן די רויטע אַרמיי".

די דעמאָנסטראַציעס פון די „פאַראייניקטע" און „פּ.צ." האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דער זעלבער ריכטונג, נאָר זיי האָבן צוליב דער געדיכט־קייט פון דער מאַסע נישט געקאָנט אַרויסגיין אויף זייער מאַרשרוט. אויפן באַנק־פּלאַץ זענען זיי אַדורך דורך אַ געדיכטער מאַסע פּוילישע קאָמוניס־טישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיי באַגריסט מיט געשרייען: „צו אונדז, חברים! נידער מיט דעם נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם!" ד"ר קרוק האָט גע־האַלטן, אַז דאָס איז נישט טאַקטיש... אָבער ווען די דעמאָנסטראַציע פון



די דעמאָנסטראַציע אין לאָדזש דעם 1 מאַי 1919

די „פּאַראַייניקטע“ איז דערגאַנגען צו לעשנאָ 49, ווו פון דעם באַלקאָן איז די דעמאָנסטראַציע פּאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן (גערעדט האָבן: ד״ר קרוק, איד, פינעס), האָבן מיר געזען, אַז עס פעלן אַ היפּש ביסל אָנטיילנעמער פון צווישן די פליישער, טרעגער און דער יוגנט. געקומען זענען זיי מיט אַ שעה שפּעטער, פול מיט אַנטציקונג, און שטעלנדיק די פראַגע: „גוואַלד, פאַרוואָס מאַכט מען שבת פאַר זיך?“

שלוחים פון מערב און... יאַבלאָנגע

די אויסגעשפּראָכן רעוואָלוציאָנערע שטימונגען ביי דעם אַקטיוויסטן טייל פון דער יידישער אַרבעטנדיקער מאַסע האָט באאיינפלוסט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע האָט שוין נישט געקאָנט באַגנוגענען זיך מיט אַלגעמיינע דעקלאַראַציעס, נאָר האָט פאַרלאַנגט פּאָליטישע מעשים.

אין יענער צייט האָבן די יידישע מאַסן געהאַט אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך ביי אונדז אין פּוילן מיט שלוחים פון דער מערבדיקער דעמאָקראַטיע. געווען איז דאָס אַן אַמעריקאַנער קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פון אַלטן מאָרגענטאַו אויף צו „פאָרשן“, דער עיקר, די גוואַלדטאַטן קעגן יידן אין פּוילן און אַ קאָמיסיע פון מערבדיקע סאָציאַליסטן אונטערן פאָרזיץ פון אַ דייטשישן רייכסטאַג-דעפּוטאַט, אַן אומאָפּהענגיקן סאָציאַל-דעמאָקראַט (ברייטשייד-לעדעבורס פּאַרטיי) אויף צו פאָרשן די „קלאַנגען“ מכוח דעם טעראָר אין פּוילן. מיינט איר, אַז אין זייערע באַריכטן זענען געקומען צום אויסדרוק די פּאָגראָמען פון לעמבערג, פּינסק, טשענסטאָכאָוו, קראָקע, ווילנע, די בערד-שניידעניש, די שמיץ, אאַז.וו.? חלילה! זיי האָבן טאַקע אַ ביסל וועגן דעם גערעדט, אָבער עס צו קליינגעלט געמאַכט.

איך, פּערזענלעך, למשל, האָב גערעדט מיט דער מאָרגענטאַו-דעלעגאַציע אין פאַרבינדונג מיט אַ קאָנקרעטן ענין. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּייניקן און אומגעזעצלעך האַלטן אין ווילנער תפיסה מיינע צוויי חברים פּערזענלעכע פריינד: גוטע מאַרגאָליס און משה גוטמאַן (בערל זעליקאָוויטש), אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען „באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן“, כאָטש אַלע האָבן דעמאָלט געהערט צו די „פּאַראייניקטע“. די תשובה איז געווען, אַז גוטע מאַרגאָליס איז געווען... פרעך און אַז זי טרייבט „היסטאָרישע גוזמאות“. בין איך אויך געווען גענוג „פרעך“ און אויפגעהויבן זיך און גלייך אַרויסגעגאַנגען מיט אַ באַמערקונג, אַז פּאַר

מיר וועט זיין מאָסגעבנדיק, וואָס זי וועט זאָגן און נישט די אָפּשאַצונג
פון דער „הויך=געשעצטער" קאָמיסיע.

דורך דער „סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע" איז
אונדזער דעלעגאַציע אויפגענומען געוואָרן צווישן דער בונדישער (מיט
ערליך און אַלטער בראש) און דער פּפּסישער (מיט דאַשינסקין בראש).
לויט די פראַגן, וואָס מ'האָט אונדז געשטעלט (אין דער דעלעגאַציע
זענען געווען: ד״ר. קרוק, מענדעלסבערג, שלמהקע זוסמאַן און איך)
האָבן מיר באַשיינפּערלעך געזען, אַז זי איז „אָנגעדרייט" דורך
דער פּפּס. זיי זענען אַרויסגעקומען מיט קלאָץ=קשיות, פאַרוואָס... לאָזן זיך
די פּוילישע יידן נישט ציוויליזירן, טראָגן קאַפּאָטעס, רעדן עפּעס א זשאַר=
גאָן און רוקן אַרויס ווילדע פאָדערונגען מכוח שבת=רו? פאַרוואָס זענען
מיר אַנדערש ווי די יידן אין זייערע לענדער א.ד.ג. ד״ר קרוק האָט געהאַלטן
אַ לאַנגן רעפעראַט, אויפקלערנדיק זיי, אַז נישט דאָס איז דער עיקר. ווי
נאָך איך האָב פּרובירט צו עפענען אַ מויל האָט מיר ד״ר קרוק „מאַקסיש"
איבערגעריסן מיט זיינע ענגליש=פּאַרלאַמענטאַרישע אויפקלערונגען און
שלמהקע זוסמאַן האָט מיך געשטורצעט אין די זייטן אַזוי, אַז איך האָב
אויפגעגעבן דעם פאַרלאַנג צו רעדן.

עס האָט זיך אָנגערוקט דאָס 1920 יאָר.

דער טעראָר אין לאַנד האָט געבושעוועט. די יידן זענען געווען דער
שעיר לעזאזל פאַר אַלע שוועריקייטן, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר דער
הערשנדיקער קליקע. אַפילו יענע יידישע יוגנט, וועלכע איז פ ר יי וו י=
ל י ק געגאַנגען אויף דער מלחמה, איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין א ספּע=
ציעלן לאַגער אין יאַבלאָננע, ווו מ'האָט זיי באַהאַנדלט ווי דעזערטירן,
שלאָגנדיק, פייניקנדיק זיי הן מאָראַליש, הן פיזיש. די לאַגע פון די יידן
איז געווען אַזאַ געדריקטע, אַז ווען די רויט'ע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן
האָבן ט ו י ז נ ט ע ר יי ד ן — פּשוטע יידן פון א גאַנץ יאָר: בעל=
מלאכות, קרעמער, לופט=מענטשן, זיך א לאָז געטאָן צוזאַמען מיט דער
רויטער אַרמיי, מורא האָבנדיק צו בלייבן צוזאַמען מיט די אַכזריותדיקע
„האַלערטשיקעס", „פּאָזנאַנטשיקעס" און פּילסודסקיס פּאָגראָם=העלדן.

אויף „זומער־וווינונג“ אין אורלע

אורלע איז אַ קליינע באַן־סטאַציע הינטער וואַרשע, וואָס אין איר געגנט געפינען זיך מערקווירדיק געמיטלעכע זומער־וווינונגען פאַר אַזעלכע, וועלכע האָבן ליב רו און שטילקייט אויפן שויס פון דער נאַטור. אין די הייסטע וואָכן, ווען מ'האָט די פילסודסקי־חיילות אַזוי אָפּגעוואָרפן פון קיעוו, אַז די רויטע אַרמיי האָט זיך געפונען הינטער וואַרשע — איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אורלע צוזאַמען מיט פיניע בוקסהאָרן, "שכנא“־קאַראַלסקי, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרונט נישט צו וועלן זיין אין וואַרשע אין יענע צייטן. אין אורלע האָב איך אויך געטראָפן דעם חבר שמיין — קראַיעווסקי — וואַרסקים איידעם — וועלכער האָט געהאַט נאָך מער גרונט ווי מיר נישט צו זיין אין וואַרשע.

די גאַנצע פרעסע צוזאַמען מיט דער קירכע, מיט דער פּאָליציי, ענדעקעס און פילסודטשיקעס, די פירער פון פּפּס, פּיאַסט, וויזוואָלעניע—האָבן געפירט אַ ווילדע העצע קעגן די קאָמוניסטן און קעגן דער יונגער ראַטן־מאַכט.

אין מיין דעמלטיקער „פּאַראייניקטער“ פּאַרטיי איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע: „וואָס טוט מען?“ און די דאָזיקע „דיסקוסיע“ איז געווען דער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפולט דעם כוס פון געדולד ביי מיר. איך האָב דערפילט, אַז איך זיץ צווישן מענטשן, וועלכע ווערן מיר אידעיש פרעמדע, אָבער לחלומין! נישט קיקנדיק אויף די שטאַרקע פעדעם פון לאַנגדויערנדיקער פריינדשאַפט.

איך האָב געשטעלט די פראַגע קורץ און דייטלעך: „מע מוז זיך, אויב מיר מיינען מיט דעם סאָציאַליזם און רעוואָלוציע, ערנסט, מיט פייער און ברען אַריינוואַרפן אינעם קאַמף פאַר דעם נצחון פון דער יונגער ראַטן־מלוכה איבער „אונדזער“ פריציש־קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג.

ד״ר יוסף קרוק און אַנדערע האָבן געוואָלט פירן אַ „בויגיקע“ פּאָליטיק, זייענדיק „פּרינציפּיעל“ קעגן דער דאָזיקער מלחמה. שלמהקע זוסמאַן איז

אַרויסגעטראָטן מיט אַ מענה־לשון קעגן מיר, אַז מיט מיין שטעלונג ברענג איך אַן „אומגליק“ אויף דער פּאַרטיי, אויף ייִדן, און אַז מ'קאָן גאָר אַזוי די פֿראַגע נישט שטעלן.

מיין שטעלונג האָבן דעמלט אונטערגעהאַלטן פֿיגיע בוקסהארן און גוטע מאַרגאַלים. איך געדענק נישט גענוי, צי בשעת אָט דער דיסקוסיע זענען ישראל גייסט, נח שאַפּיראָ און אַנדערע שוין אַוועק פֿון די „פֿאַראייניקטע“ צו די קאָמוניסטן אָדער נאָך נישט. אַ פֿאַקט איז, אַז איך בין אויף זיי דעמלט שטאַרק אין כעס געווען פֿאַר זייער „פּרינציפּיעלן“ אַרויסטריט, ווייל דאָס האָט געשטאַרקט מיינע „פּלענער“ צו פֿאַראייניקן זיך מיט די לינקע, קאָמוניסטישע עלעמענטן אין די איבעריקע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, קודם כל אינעם „בונד“. אַזאַ „אידעע־פֿיקס“ האָב איך דעמלט געהאַט.

ווי געזאָגט, האָב איך זיך געפֿונען אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אין אורלע. צייט האָב איך געהאַט דאָרטן איבערגענוג פֿאַר אַ שמיקל חשבון הנפש. און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיר איז געוואָרן פֿולשטענדיק פֿרעמד דער אויטאָנאָמיזם, דאָס צאַצקען זיך מיט די „ייִדישע מיניסטאָרן“ אין פּעטליורעס אוקראַינע, אַז פֿון מיין טעריטאָריאַליזם איז געבליבן בלויז אַ שם פֿון „אפשר יא, אפשר נישט, מהיכא תיתי — אויב נישט איז אויך קיין אומגליק נישט“ נאָך דעם נצחון פֿון דער רעוואָלוציע. די אָפּגעזונדערטע עקזיסטענץ פֿון ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָב איך שוין דאַן געהאַלטן אַלס שעדלעך.

ביי פֿאַרשידענע באַגעגענישן מיט אַרבעטער און יוגנט האָב איך דעמלט געשטעלט די פֿראַגע, וואָס איז פֿאָרמולירט געוואָרן אין די באַשלוסן פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון פּוילן:

„אין דעם גיגאַנטישן געראַנגל צווישן דעם באַרבאַרישן קאַפּיטאַל און דער וועלט־אויסלייזנדיקער רעוואָלוציע — אויף וועלכער זייט שטייט איר?“ — איך האָב געענטפֿערט אָן די מינדעסטע ספֿקות, אָן פּלפּולים, גריבלענישן, אָן „אָבערס“ און „אויבס“, אָן „פֿון איין זייט און דער דער אַנדערער זייט“, אַז איך שטיי אויף דער זייט פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, און אויב „מיין“ פּאַרטיי איז אַ מניעה צו דעם, בין איך גרייט צו פֿאַרלאָזן די פּאַרטיי, אָבער באין אופֿן

בישט פאַראַטן אָדער אָפּשוואַכן די איינהייט פונעם קאַמף פאַר דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע.

עס האָט אָבער אַ גאַנץ יאָר געדויערט, ביז איך האָב די אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנסעקווענצן דערפון אַרויסגעטראָגן. אַזאַ איז דער כוח פון געוווינהייטן! אָט דער אינערלעכער אידעישער און מאָראַליש־פּאָליטישער איבערברוך איז ביי מיר פאָרגעקומען אין אורלע. קיין וואַרשע בין איך צוריקגעקומען אין די טעג, ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געווען ביי אָטוואָצק, האַרט ערב דעם „נס ביי דער ווייסל“, אַגב געפאָרן אין איין פיוואַגאָן אַן ערך 16 שעה פון אורלע ביז וואַרשע צוזאַמען מיט דעם פּפּסישן פירער אַרצישעווסקי און זיין פרוי, וועלכע האָט מיך געהאַלטן אין איין אַגיטירן, סאַראַ שרעקלעכע מענטשן די „באָלשעוויקעס“ זענען

די סדרה שפּאַלטונגען

אין דעם 1921 יאָר זענען פֿאָרגעקומען שפּאַלטונגען כמעט אין אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין לאַנד. פֿון דער פּפּס האָט זיך אָפּגעריסן און אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ נייע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע מיט טשעשעיקאָ־סאָכאַצקי — דעם שפּעטערדיקן קאָמוניסטישן סיים־רעפּוטאַט בראש.

אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דאָס יאָר 1921 געבראַכט צו דער צעפּאַלונג פֿון דער פּאַרטיי „פּאַראייניקטע“, פֿון וועלכער עס איז אין פֿאַרלויף פֿון צוויי יאָר אַוועק דער אַקטיוויסטער עלעמענט. די געבליבענע, וועמענס פּאָליטישע איינפלוסן זענען געווען זייער שוואַכע, האָבן געפֿונען אַן „אויסוועג“: אַנשטאָט פֿאַרשווינדן „מיט האַק און פּאַק“ — אָנגעשלאָסן זיך אין ד״ר באָלעסלאַוו דראָבנערס פּאַרטיי פֿון „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן“, וועלכע ער האָט געשאַפֿן, נאָכן אַרויסטרעטן פֿון דער פּפּס, כמעט גלייכצייטיק מיט זשאַרסקיס גרופּע, וועלכע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. געוויסע טוער פֿון די „פּאַראייניקטע“, ווי יעקב פּאַט, שלומהקע זוסמאַן, איסר גאָלדבערג, ווי אויך בערל זעליקאָוויטש זענען אַריבער צום „בונד“. פֿון זיי איז בערל זעליקאָוויטש מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פֿון „בונד“ אַריבער צו די קאָמוניסטן. די איבעריקע פֿון די אויבנאויסגערעכנטע האָבן זיך געקייקלט אַלץ מער אויף רעכטס, ביז זיי האָבן זיך דערקייקלט אַזש אין די אָרעמס פֿון דער „פֿאָרווערטס“־קליקע און צום „סאָציאַליזם“ פֿון די טרויעריק־באַרימטע אַבראַמאָוויטשעס און דובינסקיס.

בײַ דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי זענען אין דעם פּעריאָד 1918 — 1921 פֿאָרגעקומען צוויי מינים שפּאַלטונגען: אַ שפּאַלטונג אויף „לינקע“ און „רעכטע“ פּועלי־ציון, און לכל הפּחות צוויי באַדייטנדיקע שפּאַלטונגען מצד רעוואָלוציאָנער־געשטימטע עלעמענטן, וועלכע זענען אַריבער צו די קאָמוניסטן. אין 1921 יאָר איז בײַ די פּועלי־ציון פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג,

וועלכע האָט געגעבן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן אַזעלכע אָנגעזעענע טוער, ווי שאול אמסטערדאַם-הענריקאָווסקי — א גלענצנדיקער רעדנער און ערשטקלאַסיקער פּובליציסט, א וויכטיקע טעאָרעטישע קראַפט און אומדערמידלעכער אָרגאַניזאַטאָר, יוסף לעווארטאָווסקי — א מסירות-נפשדיקער רעוואָלוציאָנערער טוער, א געוואלדיק-באַליבטער ביי די מאַסן אָרגאַניזאַטאָר, פאַר וועמען קיין „שווערע סיטואַציעס" האָבן כלל נישט עקזיסטירט און אַלפרעד לאַמפּע, וועלכער איז שנעל אויסגעוואַקסן צו אַן ערשטקלאַסיקער פּאָליטישער פּערזענלעכקייט, פריער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט-באַוועגונג, שפּעטער אין דער אָנפירונג פון דער קפּפּ.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער שפּאַלטונג אויף „רעכטע" און „לינקע" ביי די פּועלי-ציון, דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד מיט דעם באַזוך פון ד"ר נחמן סירקין אין פּוילן (איך געדענק נישט גענוי אין וועלכן יאָר עס איז געווען). אין זשורנאַליסטן-פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13 האָט דער „נביאישער סאָציאַליסט" ד"ר סירקין, וועלכער האָט שוין באַוויזן צו זיין סתם א ציוניסט, א „המון"-ציוניסט (עפּעס א מין „פּאָלקס-סאָציאַליסטישער" ציוניזם), א ציוניסט פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע", א סאָציאַליסט-טעריטאָריאַליסט, און ווידער אַ ציוניסט-סאָציאַליסט פון „רעכטן פּועלי-ציון"-שניט — געשמועסט מיט אַ לינקן פּועלי-ציוניסט דניאל לייבל. שוין ריין-אויסערלעך האָבן זיי אויסגעזען ווי... פּאַט און פּאַטאַשאָן אין די אַלטע פילמען: לייבל — א הויכער, דאַרער, פילאָזאָפיש-רואיקער און פלעגמאַטישער און ד"ר סירקין — א באַוועגלעכער, ליידנשאַפטלעך-ברענענדיקער ענטוזיאַסט, מיט א... פאַררונדיקטער פיגור און באַדייטנדיק נידעריקער פאַר זיין יונגן מיטשמועסער. איך בין אַריינגעקומען אין פאַריין גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ד"ר סירקין האָט מיט ברען געשריבן צו דניאלן: איך פאַרשטיי, לינקע פּועלי-ציון האָבן אַן עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג, די בורזשואַזע ציוניסטן — ווירקן אויף דער בורזשואַזער דיפּלאָמאַטיע לטובת דעם ציוניזם. ווייצמאַן האָט באַווירקט באַלפורן... וואָס איז? זייער פיין! פאַרוואָס זאָלן מיר, אַרבעטער-ציוניסטן, ציוניסטן-סאָציאַליסטן נישט באַווירקן לעגינען און טשיטשערינען? איבערצייגן זיי, אַז יידן דאַרפן האָבן זייער לאַנד, ארץ-ישראל...!" שמייכלט לייבל אונטער און זאָגט שטיל מיט דרך-ארץ קוקנדיק אויף סירקינען: „אָבער וואָס טוט מען, אַז זיי לאָזן זיך נישט איבערצייגן?" פאַלט נחמן סירקין אַן אויף אים מיט א געשריי: „וואָס הייסט זיי לאָזן זיך נישט? וואָס זענען זיי דען — לינקע פּועלי-ציון?".

באַזונדערס וויכטיק זענען געווען די פּראָצעסן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין דעם „בונד“.

אינעם 1921 יאָר האָבן די אַקטיווסטע צוממערסטן קעמפערישע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פונעם „בונד“ געשאַפן א „קאָמבונד“ (קאָמוניסטישן בונד) אונטער אויסדריקלעכע קאָמוניסטישע לאָזונגען. דער „קאָמבונד“ און „קאָמצוקונפט“ האָבן א גוטן בייטראַג געגעבן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

כ'האָב געהערט לענינען

אין דער ערשטער העלפט פון 1921 האָב איך שוין פאַקטיש איבערגעריסן מיט די „פאַראייניקטע". כ'האָב זיך אָבער נאָך נישט געהאַט אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. איך האָב זיך געפונען אין א מין פּאָליטישן קיינעמס-לאַנד. מיין „אידעע-פיקס" צו פאַראייניקן די לינקע, „קאָמינטערנישע" עלעמענטן פון אַ ל ע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און צוזאמען, מיט א געהעריקן „מאַניפעסט" אָנשליסן זיך אין דער קאָמוניסטישער אַרבעטער-פאַרטיי, וואָס איז א סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געפּלאַצט.

אַן ערד אין מאַי — יוני האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ראַטנרוסלאַנד, כדי גרינטלעך צו באַקענען זיך מיט דער קאָמוניסטישער טעאָריע און פּראַקטיק, צו טרעפן זיך מיט מיינע אַלטע פריינד-באָלשעוויקעס און אַזעלכע, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע, אינדיווידועל אָדער דורך פאַרשיידענע „קאָמפאַרבאַנדן" אָנגעשלאָסן זיך אין דער אַל-פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס). דער חבר יאַקאָב דומלינגער האָט געהאַלטן, אַז איך קלייב זיך צו פאָרן קיין מאָסקווע „אין דער ריכטיקער צייט", ווייל עס דאַרף דאָרט פאָרקומען דער דריטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און אויב איך וויל — קאָן ער מיר העלפן, כדי זייענדיק אין מאסקווע זאָל איך דורך דער פּוילישער דעלעגאַציע באַקומען א מעגלעכקייט צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אויפן קאָנגרעס. דערביי האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז איך וועל דאָרט טרעפן אַן „אַלטן באַקאַנטן" מיינעם. ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז דאָס האָט ער געמיינט דעם חבר ישראל גייסט, וועלכער איז געווען א דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס (דער זעלבער, וועלכער איז מיט העכער א יאָר צוריק אַרויסגעטראָטן פון די „פאַראייניקטע" און האָט אין דער קאַמף געהאַט דעם פּסעוודאָנים „סאַניך", שפּעטער „מאַריוש").

איך האָב צוגעאײַלט מיין פאָרן. אַ קלייניקייט — האָבן אַ מעגלעכ-

קייט בייצוזיין — זאָל זיין אַלס גאַסט — אויף אַ קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צוצוהערן זיך צו די וויכוחים פון די אָנגעזעענסטע קאָמוניסטישע טוער פון פאַרשידענע לענדער, און — ווער ווייסט — אפשר הערן לענינען? איך האָב בפירוש געהאַט אַ „טרעמע“, וועלכע איז פאַרשמאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס איך בין געפאָרן נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַ גוט באַקאַנטער אין די וואַרשעווער לערער־קרייזן — און געוואַלדיק באַליבטער ביי די קינדער לערערין — ליאַליע קאַנטאָראָוויטש. נישט איין מאָל איז מיר אין מיין לעבן אויסגעקומען צו „שוואַרצן גרענעצן“, אָבער דאָס מאָל, ווייסנדיק, אַז איך האָב „עמעצן“ מיטגענומען, בין איך פול געווען מיט צאַפלדיקער אומרואיקייט. בקיצור, דער וועג פון וואַרשע האָט געפירט דורך ווילנע, צום קליינעם שטעטל ראַדאָשקעוויטש. כ׳האָב מיך געלאָזט צילבאַוווסט „אַרעסטירן“ דורך דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך, וועלכע האָט אונדז „צוגעשטעלט“ קיין מינסק. אין מינסק האָב איך זיך פאַררופן אויף אַן אַלטן באַקאַנטן חבר — מאַריאַסין, וועלכער האָט דעמאָלט פאַרנומען אַ גאַנץ הויכן ווירטשאַפטלעכן אַמט און אויף אַ פּויליש חבר, וועלכן איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געקענט, נאָר אויף וועלכן דומלינגער האָט מיך געראַטן צו פאַררופן זיך אין פאַל פון „דרינגענדיקער נויטווענדיקייט“ — באַגוצקי. מאַריאַסין האָט מיך אַוועקגעפירט, דוכט מיר אויף סאַדאָווע גאַס — צו באַגוצקין. וועלכער האָט זיך גראָד געקליבן צו פאָרן קיין מאָסקווע. אַ מערקווירדיקער מענטש איז פאַר מיר געווען דעמאָלט אָט דער באָגוצקי. אַ פּאָליאַק, האָט ער גערעדט אַזאַ געשמאַקן ביאַליסטאָקער פאָלקס־ייִדיש, אַז עס איז אַ מחיה געווען צו הערן: מיט „אם ירצה השם“, „ממה נפשך“, „אדרבא“, „ווי קומט אַ פּאַטש צו גוט שבת“ און ענלעכע אויסדרוקן. ייִדישע אַרבעטער פון מינסק האָבן מיר דערציילט, אַז באָגוצקי טרעט אָפט אַרויס פאַר ייִדישע אַרבעטער אויף מאַמע־לשון, און... מע וויל נישט גלויבן, אַז ער איז קיין ייִד נישט. אונדזער ענין וועגן ווייטער פאָרן קיין מאָסקווע האָט איבערגענומען דער ח׳ „סעווער“ — פּראָכניאַק, וועלכער האָט אונדז געגעבן „ווייכע“ אייזנבאַן־בילעטן, אַ ביסל געלט און אַ פאַרשטעמפּלטן מיט טריוואַקס בריוו.

קומענדיק קיין מאָסקווע האָב איך דעם בריוו אָפּגעגעבן אין האָטעל „לוקס“, און אויף אָפּצונעמען דעם בריוו זענען אַראָפּ אין האָל ישראל גייסט צוזאַמען מיט אַן אומבאַקאַנטן, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס באַבינסקי. אַזוי בין איך געוואָרן אַ גאַסט פון דער פּוילישער דעלעגאַציע אויפן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן. ווען איך האָב אין מיין

תמימות אָנגעהויבן אונטערצושטרייכן, אז איך בין נאָך נישט קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט מיר באַבינסקי געענטפערט, אז זיי ווייסן אַלץ וועגן מיר און ארייננעשטעקט מיר אַ קאַרטל אויף דריי טעג באַשפּייזונג.

סוף יוני באַקום איך אַ גאַסט־קאַרטע, וועלכע באַרעכטיקט מיך בייצוזיין אויף עטלעכע זיצונגען פונעם קאָנגרעס. אין דעם קאָנגרעס האָבן אָנטיילגענומען עטלעכע צענדליק דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לינק־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב דעמלט אין די קולואַרן פונעם קאָנגרעס באַגעגנט — אַלפרעד לאַמפּע און — אויב איך האָב קיין טעות נישט — איך שאול אַמסטערדאַם.

איך האָב דאַן געהאַט דאָס גליק און דעם גרויסן שאַנס צו הערן צוויי מייסטער־רעדעס פון לענינען איבער פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער טאַקטיק. אזא אָנרעגונג צו דענקען מיט נייע פאַר מיר, לעניניסטישע קאַטעגאָריעס, אַזאַ אידעישע אנלאַדונג מיט לעניניזם אין דעם עצם צוגאַנג צו קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון קאָמוניסטישער טאַקטיק און סטראַטעגיע — האָב איך נאָך נישט געהאַט.

ווען איך וואָלט געוואָלט באריכות דערציילן וועגן דעם איינדרוק, וואָס די צוויי רעדעס לענינס האָבן געמאַכט אויף מיר, וואָלט זיך עס פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטן עסיי וועגן די געבורטס־ווייען פון דעם רעוואָלוציאָנערן ארבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. איך וועל בלויז דערמאָנען עטלעכע בליץ־געדאַנקען, וועלכע האָבן באַלויכטן מיין ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־וועג ביזן היינטיקן טאָג.

„דער ערשטער תנאי פאַרן אמתדיקן קאָמוניזם איז איבעררייסן מיטן אָפּאָרטוניזם“.

„קלייבט אויס, חברים, — האָט לענין אויסגערופן, ווענדנדיק זיך צו די איטאַליענישע דעלעגאַטן — צווישן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער וועט קיינמאָל נישט פאָדערן, איר זאָלט שקלאַפיש נאָכמאַכן די רוסן, און צווישן די מענשעוויקעס (איטאַליענישע — אונטערגעשטראָכן דורך לענינען) — וועלכע מיר קענען שוין 20 יאָר, און וועלן קיינמאָל נישט מאָלערירן זיי אַלס שכנים אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל“.

היינט לענינס אויפקלערונג פונעם באַגריף „מערהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס“ און בייסנדיקער סארקאזם אין באַצוג צו די סעקטאַנטן, וועלכע האָבן מורא פאַרן וואָרט „מאַסן“.

מיט אָפֿענע אויגן און אָנגעשטעלטע מויל און אויערן האָבן פּיל־שפּראַכיקע דעלעגאַטן און געסט צוגעהערט זיך צו די דערקלערונגען, אַז דער באַגריף „מאַסע" ענדערט זיך אין הסכם מיט דעם כאַראַקטער פֿונעם קאַמף. אין אָנהייב קאָן גאָר הייסן בלויז צוציִען עטלעכע טויזנט אומפּאַר־טייאישע צום קאַמף; עס זענען געווען פֿאַלן, ווען עטלעכע טויזנט מענטשן זענען גענוג געווען, כדי צוצוגעבן א מאַסן־כאַראַקטער דער באַוועגונג... ווען די רעוואָלוציע איז שוין גענוג צוגעגרייט, שטעלן שוין עטלעכע טויזנט אַרבעטער נישט פֿאַר קיין „מאַסע". דעמלט ענדערט זיך דער באַגריף „מאַסע", אונטער וועלכן מען פֿאַרשטייט שוין די מערהייט נישט נאָר פֿון אַרבעטער, נאָר פֿון אַלע עקספּלואַטירטע מיליאָנען אַרבעטס־לייט... אויב מיר וועלן אינעם לויף פֿון קאַמף געווינען די מערהייט פֿון די עקספּלואַטיר־טע אויף אונדזער זייט — וועלן מיר בלי ספק זיגן.

אַ פּאָר וואָכן האָב איך פֿאַרבראַכט אין מאָסקווע, שטודירנדיק די מאַטעריאַלן פֿון קאָמינטערן, באַקענענדיק זיך מיט דער סיטואַציע אין דייטשלאַנד, איטאַליע און פֿראַנקרייך, און דער עיקר שטודירנדיק אַלץ, וואָס עס איז געשעפּט געוואָרן פֿון לענינס געניאַלן געדאַנקען־אוצר. איך בין געווען אויף פּילשעהדיקע דיספּוטן צווישן לונאַטשאַרסקין מיט... גלחים, אויף „עפֿנטלעכע משפּטים" איבער... שיכּרות, פּראָסטיטוציע אד״גל. וואָס עס האָט מיך מער געוויילט, ווי פֿאַראינטערעסירט.

פֿאַר מיין „נשמה" האָבן „געקעמפּט" צוויי „צדדים". די יידישע חברים האָבן מיך געוואָלט פֿאַרהאַלטן אויף אַרבעט אין דער יידישער סביבה, צוגעבנדיק „אין נדן", אַז זיי וועלן העלפֿן אַדורכצושטופּן שנעלער די פֿאָרמאַליטעטן פֿון אָננעמען מיך אין דער פּאַרטיי. מיין אַלטער פֿריינד פֿון טשיקאַגאָ — בערג־באַראָדין האָט מיך געוואָלט שיקן אויף „אַרבעט" קיין... אינדיע. חבר וואַלעצקי פֿון פּוילן האָט מיר אַרייַנגעהאַקט אַ „מאָראַ־לישע" דרשה: „סטייטש, יאָרן לאַנג האָט איר געפֿירט יידישע אַרבעטער אויף אַ פֿאַלשן וועג, איז ווו איז דער „יושר" לאָזן זיי איצט דעזאָריענ־טירטע און נישט אויפֿקלערן זיי, פֿאַרוואָס איר זענט געוואָרן אַ קאָמו־ניסט!?" אָט די אַרגומענטאַציע האָט מיך שנעל איבערצייגט. און וואַ־לעצקי האָט מיך גלייך איבערגעגעבן אין רשות פֿון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון פּוילן.

דוכט מיר, אַלץ איז געגאַנגען געוואַלדיק „קאָנספּיראַטיוו", נאָר שפּאַצירנדיק איבער דער קאַרמעליצקע גאַס, טרעף איך מיינעם א שילער

פון דער צישא־שול אויף גאָוואָליפּקי 68 — דוכט מיר, פרידריך האָט ער געהייסן, א הויך געוויקסיקער בלאָנדער יאטל און ער פרעגט מיך: „לערער (ביי אים האָט זיך באַקומען: „לעהרא“), איז עס טאַקע אמת, אַז איר זענט א רויטער?“

דאָס נייע קאַפּיטל

נאָך מיין קומען צוריק פון ראַטן־רוסלאַנד קיין פּוילן האָט מיך די פּאַרטיי געשיקט אַרויסצוטרעטן מיט פאָרטראָגן, וואָס זייער הויפּט־צוועק איז געווען צו דערקלערן די יידישע אַרבעטנדיקע די סיבות, וועלכע האָבן מיך באַוואוגן אַנצושליסן זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כאָטש גערעדט האָב איך וועגן דעם בלשון סגי־נהור, אָבער אַלע האָבן געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. כ'בין אַרויסגעטראָטן אויף צענדליקער יידישע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע אַלס רעפערענט אָדער אַלס אָפּאָנענט, רעדנדיק וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע אָדער וועגן דער נאָכמלחמהדיקער לאַגע אין פּוילן, וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אָדער וועגן צווייטן און „צוויי א האַלבן" אינטערנאַציאָנאַל — און אַלע מאָל איז דאָס געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער טורעם פאַרן קאָמוניזם. איך געדענק שוין נישט גענוי, וועלכע שטעט און שטעטלעך איך האָב אין דער צווייטער העלפט פון 1921 באַזוכט, פון טשענסטאָכאָוו ביז לובלין־ראַדאָם, פון ביאַליסטאָק און בריסק ביז פּינסק, שוין נישט רעדנדיק וועגן די אַלע קאַלושינס און גריצעס הינטער וואַרשע. די יידישע „פּאָנטיפּאָל־פּאָמשט" האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון קאָנספּיראַציע. אומעטום האָט מען געוווּסט, וואָס איך שטעל מיט זיך פאָר. עס האָבן זיך געפונען חכמים, וועלכע האָבן מיר געשטעלט אַזעלכע קלאָץ־קשיות: „און וואָס האָט איר מיט צוויי יאָר צוריק גערעדט וועגן דער יידן־פראַגע?" האָב איך עס אָפּגעפּטרט מיט אַ באַמערקונג, אַז אין דעם מוזיי פאַר אָפּגעלעבטע אידעען האָב איך איבערגעלאָזט אויך אַ פּלאַץ פאַר אַזעלכע פראַגן.

אַן אָנגענעמע דערינערונג האָב איך וועגן גריצע. געקומען בין איך אַהין אַ שבת נאָך מיטאָג מיט אַ שפּעטערדיקן צוג, ווו מ'האָט מיך דערוואַרט. געקומען איבעם לאָקאַל האָב איך געטראָפן בלויז אַ צענדליק מענטשן דיסקוטירנדיק מיט אַ פּועלי־ציוניסט. איינער פון זיי דערזעענדיק מיך

האָט אויסגעשריגן: „אוי ווי, ער איז דאָך געקומען!“ און אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם זאַל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿאַלט אַריין אַ חבר און אַ שײַנענדיקער זאָגט ער צו מיר: „נעמט זיך נישט צום האַרצן. אַלץ זעט איר, מע׳ זאַמלט זיך שוין. אַ טייל פֿון דער מ ע נ ט ש ה י י ט איז שוין דאָ. דער איבעריקער טייל וועט באַלד קומען“.

און עס האָט נישט געדויערט קיין צען מינוט, ווי די גאַנצע „מענטשהייט“ פֿון גריצע האָט איבערגעפֿולט דעם זאַל. די פֿענצטער זענען געווען אָפֿן און אַ המון, צווישן זיי אויך ייִדן מיט בערד און קאַפּאָטעס, האָבן מיך געהערט אָנדערהאַלבן שעה נאָכאַנאַנד. גערעדט האָב איך וועגן „זיגרייכן מאַרש פֿונעם וועלט-אָקטאָבער“.

נישט קיין לייכטע אויפֿגאַבע איז געשטאַנען פֿאַר אונדז אין די יאָרן 1921 — 1923.

אַלס מיטגליד פֿון דער צענטראַלער רעדאַקציע פֿון צ. ק. קפּפּ, ד. ה. פֿון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע, וואָס איז געזעסן אין פּוילן גופֿא און נישט אין אויסלאַנד, צוזאַמען מיט די חברים פֿידלער, ריבאַצקי, רינג און יאַן העמפּעל איז אונדז אויסגעקומען שעהן לאַנג טראַכטן ווי אַזוי צו פּאָפּולאַריזירן אין פּוילן אונדזערע לאָזונגען.

די פּאַרטיי האָט זיך אויך ערנסט פֿאַרנומען מיט דער פּראָבלעמאַטיק פֿון איר אַרבעט און ווירקונג אין דער ייִדישער סביבה.

צווישן די טוער אין דער ייִדישער סביבה אין די יאָרן 1921 — 1922 זענען מיר אין זכרון פֿאַרבליבן דער אומפֿאַרגעסלעכער יוסף לעוואַרטאָווסקי, פּיניע בוקסהאָרן, שאול אַמסטערדאַם. אין דעם פּעריאָד האָט זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנגעשלאָסן גרשון דוא-באַגען, וועלכער איז פֿון פּאַלעסטינע געקומען אַלס קאָמוניסטישער טוער און צימערמאַן-מייסקי, וועלכער איז געקומען פֿון בערלין שוין אַלס קאָמוניסט, אַדורכמאַכנדיק דעם וועג פֿון „בונד“ דורכן „קאָמבונד“. צו יענער צייט האָט זיך מיט דער ייִדישער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי אינטערעסירט הענריק זאַמאַרסקי (קאַראַלסקי — ווייצבלום איז שוין געווען אין אויסלאַנד). פֿון די וואַרשעווער טוער דירעקט אין דער ייִדישער אַרבעטער-סביבה, אין דער באַרימטער „מוראַנאָווער דזשעלניצע“ — האָב איך זיך שוין אין יענער צייט באַגעגנט אויף פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן, אויף „פּאָדפּונקטן!“ און אין פּאַרייען, אויף זיצונגען און אויף טרעף-פּונקטן מיט שמעון און אברהם זאַכאַריאַש, „מערי“, שרה סקראָבעק סענדער מאַלאַזש (קאַנער), דמשק, אַדאַם יעראָזאַלימסקי און אַנדערע.

צו יענער צייט איז אין פוילן געווען טעטיק אין דער יידישער סביבה דער געקומענער אויף א קורצער צייט יידישער קאָמוניסטישער טוער משה ראַפעס (איינער פון די געוו. פירער פון „בונד"), מיט וועלכן מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל זיך צו טרעפן.

אין 1922 יאָר האָט דער צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון פוילן זיך געווענדעט צו דער פּפּס מיט א פאָרשלאָג צו אָרגאַניזירן א געמיינזאַמע איינהייטס־פראָנטיקע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די פּפּס האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. דער „בונד" האָט אַזוי לאַנג אָפּגעשלעפּט און מאַנעווריר, ביז ער האָט זיך אויך אַרויסגעדרייט דערפון. נישט געקוקט דערויף האָבן די קאָמוניסטן גערופן די אַרבעטער אויפן טעאַטער־פּלאַץ. עס איז געגאַנגען אין אָנבינדן א קאָנטאַקט מיט די מאַסן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די רייען פון פּפּס און אַנדערע ריכטונגען און רופן זיי צום געמיינזאַמען קאַמף. די אָנפירונג פון פּפּס איז דערפון געווען אומצופרידן, אָבער די קאָמוניסטן האָבן זיך דערמיט נישט גערעכנט.

מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען צו זיין אויפן טעאַטער־פּלאַץ מיט א גרויסער גרופּע פוילישע מעטאַל־ און בוי־אַרבעטער פון לעשנאָ 53. מיר זענען געגאַנגען בלויז מיט צוויי פּראָפּאַרטיי־פענער. די פּאַרטיי־פענער זענען נאָך נישט געווען פאַנאַנדערגעוויקלט. א קורצע צייט נאָך אונדזער קומען אויפן טעאַטער־פּלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן דער מיטינג פון פּפּס.

מיר, קאָמוניסטן און די אָרגאַניזאַציעס, פאַרייניגן און אַלע, וועלכע האָבן זיך אַרום אונדז גרופּירט, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין איין ווינקל פונעם ריזיקן טעאַטער־פּלאַץ, נעענטער צו מיאָדאָווע גאַס און צוגעהערט זיך, וואָס צו אונדז האָט גערעדט דער דעפּוטאַט לאַנצוצקי.

נאָכן פאַרענדיקן דעם מיטינג האָבן מיר זיך א לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון מיאָדאָווע גאַס. מיר האָבן, איבעריקנס, קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווייל אַלע גאַסן ביז מיאָדאָווע זענען געווען פאַרשטעלט דורך פּאָליציי.

א הערלעך בילד האָט פאָרגעשטעלט אונדזער קאָמוניסטישער טייל פון דער דעמאָנסטראַציע. ווי א ווולקאַן־לאַווע האָט זיך די געדיכטע מאַסע מענטשן אַריינגעגאָסן אין מיאָדאָווע גאַס, פאַרנעמענדיק דעם שטח פון וואַנט צו וואַנט. מען איז נישט געגאַנגען, נאָר מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם אין דער ריכטונג פון קראַקעווער פאָרשטאָט.

אויפן ראָג מיאָדאָווע און קראַקעווער פאָרשטאָט זענען אויף אונדז

אָנגעפֿאַלן פֿאַשיסטישע סטודענטן און אָנגעהויבן שלאָגן מיט שטעקנס, אין וועלכע עס זענען אַרײַנגעשטעקט געוואָרן זשילעטקעס, באַמיענדיק זיך דער עיקר צו באַפֿאַלן די ייִדישע יוגנט, וועלכע האָט זיך אין די אויגן געוואָרפֿן מיט איר מאַסע און ענטוזיאַזם. עס איז פֿיזיש אוממעגלעך געווען תּיכּף צו אָרגאַניזירן אַן עפֿעקטיוון ווידערשטאַנד, צוליב דער געדיכטקייט פֿון דער מענטשן־מאַסע. פֿונדעסטוועגן האָבן זיך הן די יוגנט, הן די עלטערע ענערגיש פֿאַרטיידיקט. ווען מ'איז אָבער דערגאַנגען צום סאַמע עק מיאַדאָווע, וווּ עס איז געווען פּאַפּיאַנסקיס פֿאָטאָגראַפֿיע, האָבן די פֿאַשיסטן געקראָגן אַ גאַב, וועלכן זיי האָבן נישט שנעל פֿאַרגעסן. אָבער בלײַבן שטיין איז פֿיזיש אוממעגלעך געווען, וואָרום ריזיקע מאַסן האָבן אומעטום געשטויסן פֿאָרויס, פֿאָרויס אָן אויפֿהער. ערשט בײַ דעם אוניווערסיטעט האָט אונדזער קאָמוניסטישער יוגנט־פֿאַרבאַנד פֿון וואָליע זיך באַוואָפֿנט מיט אײַזערנע פּרענטעס, וועלכע זיי האָבן „ערגעץ געקראָגן" און „אָרגאַניזירטן אופֿן" אָנגעהויבן שלאָגן מכּות רצח די פֿאַשיסטישע סטודענטן. די דעמאָנסטראַציע איז ווײַטער געגאַנגען רויִק. מער נישט די גיכע הילף האָט געהאַט אַ שפּאָר ביסל אַרבעט.

עס איז זיך אויך נישט באַגאַנגען אָן אַן „אויסגערעכנטן מזל". אָט איז, „סתּם אַזוי זיך" — „נישט ווילנדיק" אין דעם האָזיקן „געשלעג" בײַם אוניווערסיטעט „צופֿעליק" דורך די חברים פֿון דער קאָמוניסטישער יוגנט פֿון וואָליע שווער צעמזיקט געוואָרן אַ „שפּיצעל" פֿון דער דעפֿענסיווע, וועלכער איז אויף מאָרגן אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד געשטאָרבן. די פּאָליציי האָט זיך אַפּנים געשעמט מיט דער מערכה, און עס איז מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן אין דער פּרעסע מכּוח דעם טויט פֿון זייער אַגענט אָדער קאָנפֿידענט.

לעבעדיק און לוסטיק האָבן געזונגען, גייענדיק אין געשלאָסענע רייען, מענער און פֿרויען, פּאָליאַקן און ייִדן, עלטערע און יונגטלעכע, מיט אָרעמס געפֿלאָכטן צוזאַמען אין דער ריכטונג פֿון די אַלעען. אויף דער כמיעלנע גאַס זענען ווידער געווען איבערפֿאַלן אויף די דעמאָנסטראַנטן בעת פֿאַנאַנדערגיין זיך אַהיים.

אויף די גאַסן פֿון וואָליע און פּראַגע און אין די קוואַרטאַלן פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט האָט מען ביז שפּעט אין אָוונט געזונגען פּויליש, ייִדיש, רוסיש און איטאַליעניש אַרבעטער־לידער, לידער פֿון קאַמף, בטחון און נצחון.

אין קעגנזאַץ צו דער קאָמוניסטישער טאַקטיק בעת די וואַלן צום

ערשטן סיים אין 1919 יאָר, וועלכער איז דורך דער קאָמפּאַרטיי באָיקאָטירט געוואָרן, האָבן די קאָמוניסטן מיט רעכט באַשלאָסן אויסצונוצן די וואַל־קאָמפּאַניע צום סיים אין 1922 יאָר, ווי אויך די סיים־טריבונע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מאָביליזאַציע פון די מאַסן אַרום די קאַמפּס־לאָזונגען פון דער פּאַרטיי. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אין קאַמף מיט א קליינער גרופּע סעקטאַנטן.

כדי די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל בכוח זיין צו פירן די וואַל־קאָמפּאַניע, איז געשאַפן געוואָרן א „פאַרבאַנד פונעם פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט א וואַל־פּלאַטפאָרם, אויסגעטיילט פון זיך א צענטראַלן וואַל־קאָמיטעט און וואַל־קאָמיטעטן אין באַזונדערע קרייזן און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, אַרויסשטעלנדיק די ליסטע נומער 5.

אויף דער מלוכה־ליסטע פונעם „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“ (א חוץ אין די וואַל־קרייזן) זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן 32 קאַנדידאַטן פון אַלע טיילן פון לאַנד. צווישן זיי די אָנגעזעענסטע, פאַרדינסטפולע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־טוער: שטשעפּאַן ריבאַצקי, קאַראָל ווישטשיק, קאַזשימיעזש גראָבולסקי, באַקאַנטע און באַוווסטע אין ברייטע קרייזן מעטאַל־, בוי־ און אייזנבאַן־אַרבעטער, וועלכע זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער סאַמע געדיכטעניש פונעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. אויף דער דאָזיקער ליסטע איז געווען דער מיטגרינדער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע אַדאָלף וואַרסקי. אַרויסגעשטעלט איז אויך געוואָרן דער דעפּוטאַט סטאַניסלאַוו לאַנצוצקי, וועלכער איז אין פריערדיקן סיים אויסגעקליבן געוואָרן פון דער ליסטע פון פּפּס און איז אַריבער צו די קאָמוניסטן, און דער פויערים־דעפּוטאַט פון טאַרנאָבזשעג טאָמאַש דאָמבאַל, וועלכער האָט זיך בעת די וואַלן געפונען אין תפיסה פאַר זיין פאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט צווישן די ווילער. אין תפיסה האָבן זיך אויך געפונען די קאַנדידאַטן סטעפאַן קרוליקאָווסקי און אַלעקסאַנדער דאַניעליוק. אויף דער ליסטע האָבן זיך אויך געפונען יעזשי טשעשיקאָ־כאָכאַצקי און טאַדעוש זשאַרסקי. אויף דער מלוכה־ליסטע זענען געווען דריי קאַנדידאַטן — ייִדן: יאַקאָב דוטלינגער פון האַנדלס־אָנגעשטעלטן פאַריין, א לאַנגיאָריקער רעוואָלוציאָנערער טוער, אבא פלוג, וועלכער איז אָקאָרשט אַריבער פון „קאָמבונד“ און דער שרייבער פון די שורות.

אין פאַרבינדונג מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע איז מיר אויסגעקומען

אַוועקצוואַרפֿן מײַן פּראָפֿעסיאָנעלע טעטיקייט אַלס לערער. די פּאַרטיי האָט מיך דאָן פּשוט באַשטימט אַלס פֿונקציאָנער. אויב מיר איז געווען לפּי ערך לײַכט צו פֿאַרלאָזן די לערערײַ און פֿרוי קאַלעצקאַס פּריוואַט-גימנאַזיע, איז מיר אָבער שווער אָנגעקומען צו פֿאַרלאָזן די פֿאָלקס-שול אויף נאַוואָליפּקי 68, מיט וועלכער איך בין זיך גאַנץ שטאַרק צוגעוואַקסן, הן מיט די קינדער, הן מיט די לערער. פֿונדעסטוועגן האָב איך דעם צער פֿון צעשיידונג שנעל איבערגעלעבט. אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ: אינעם צענטראַלן וואַל-קאָמיטעט — דער עיקר מיט הימליגערן און זשאַרסקין בײַ דער מיטהילף פֿון דער חבֿרטע צעשע אָלאַנאָווסקאַ, וועלכע איז געווען די סעקרעטאַרקע און מאַשיניסטקע פֿונעם צענטראַלן וואַל-קאָמיטעט. זשאַרסקי איז געווען פּשוט אַנטציקט פֿון די „קאָזשעלקעס", וואָס האָט לעבן מאַכט, דערמאָנענדיק כּסדר, ווי אַזוי אין וואַרשעווער אַרבעטער-ראַט האָט מען אים געהאַט אויסגעקליבן פֿון דער פּפּס און מיך פֿון די „פֿאַראייניקטע" און אין אַ רעדאַקציע-קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן אַן אייגנהייטלעכן טעקסט פֿון דער רעזאָלוציע וועגן אַרבעטלאָזיקייט צוזאַמען מיטן קאָמוניסט האַמבראָווסקי. „איצט זענען מיר אַלע אין איין פּאַרטיי".

זומער-צײַט 1923 האָט מען זיך אין די פֿאַרייניגן פֿון נאָדל און לעדער, טעקסטיל און האָלץ-אַרבעטער, האַנדלס-אָנגעשטעלטע און הויז-דינערשאַפֿט אָנגעהויבן צו „שושקען אויפֿן אויער", אַז עס וועט זײַן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי. ווען אין יידישע אַרבעטער-קרײַזן האָט מען צו יענער צײַט גערעדט וועגן „פּאַרטיי", נישט אָנרופֿנדיק זי בײַם נאָמען, האָט עס געהייסן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אין אַנדערע פֿאַלן האָט מען געזאָגט במפֿורש: „בונד", פּועלי-ציון — רעכטע אָדער לינקע, אומאָפּהענגיקע, ציוניסטן אד"ג.

אויף צו באַשרײַבן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די קאָנספּיראַציע בײַ די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-מענטשן מיט זייער ברען און התלהבֿות, דאַרף מען באמת האָבן די פֿעדער פֿון אַ גרויסן קינסטלער. נישט נאָר אין די הײַזער, נאָר אויך אויף די גאַסן האָבן צענדליקער מענטשן אָנטייל-גענומען אין פֿײַערדיקע דיסקוסיעס.

אַ טעות האָבן די, וועלכע מיינען, אַז דער ווענדפּונקט פֿון גרויסער היסטאָרישער באַדײַטונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קפּפּ אין דער נאַציאָנאַלער און אַגראַר-פֿראַגע איז געווען אַ רעזולטאַט בלויז פֿון די טעאָרעטישע אַנאַליזן און זוכענישן מצד

דער פּאַרטיי־פֿירערשאַפֿט. אויף צאָלרייכע פּאַרטיי־קרייזן, זיצונגען, באַראַטונגען האָט מען שוין פֿון 1921 יאָר אָן לייַדנשאַפֿטלעך דיסקוטירט איבער די סיבות, פֿאַרוואָס דער פּאַרטיי, וועלכע האָט אַזוי שנעל געוווּנען די סימפּאַטיע צווישן דעם קעמפֿעריש, אַקטיוון טייל פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, קומט אָן אַזוי שווער מיטצורייסן די ברייטע פֿילמיליאָניקע מאַסן פֿון אַרבעטנדיקע, פֿאַרוואָס האָט די פּאַרטיי אין די עיקרדיקע צווייַגן פֿון דער שווער־אינדוסטריע אַ סך קלענערע אייַנפֿלוסן, ווי אין דער לייַכטער אינדוסטריע, פֿאַרוואָס צווישן פּויערטום זענען אירע אייַנפֿלוסן גאָר־גאָר שוואַכע. אין פֿאַרבינדונג מיט אָט די דיסקוסיעס זענען פֿון די סאַמע אונטערשטע פּאַרטיי־רינגען געקומען העפֿטיקע שטימען קעגן די פֿאַרשיידענע קלייזלדיקע „טעאָריעס“, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער טאַקטיק פֿון אייַנהייטלעכן פֿראָנט, דעם אָנטייל אין די סיים־וואַלן, דער אויסאַרבעטונג פֿון אַזאַ פּראָגראַם און סטראַטעגיע אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און אין די פּראָבלעמען, וועלכע זענען נוגע די פֿילמיליאָניקע אַרבעטנדיקע פּויערים־מאַסן, אַז זיי זאָלן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זען זייער ברופֿענעם פֿירער, וועגווייַזער און אָרגאַניזאַטאָר.

אין דער יידישער סבֿיבֿה האָבן זיך די דאָזיקע דיסקוסיעס דער עיקר קאָנצענטרירט אַרום דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און דעם אייַנהייטלעכן פֿראָנט. מ'קאָן מיט פֿולער זיכערקייט זאָגן, אַז דער טייל פֿון דער רעזאָלוציע פֿונעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר איבער דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וועלכע איז נוגע דער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפֿעלקערונג, איז מיט אַלע אייַנצלהייטן דורכדיסקוטירט געוואָרן דורך הונדערטער יידן — קאָמוניסטן, ווי אויך צאָלרייכע סימפּאַטיקער צווישן די „לינקע“ יידישע אַרבעטער־מענטשן, נאָך פֿאַרן II צוזאַמענפֿאָר.

אויב די דיסקוסיעס זענען געפֿירט געוואָרן אויף אַזאַ פֿלאַמיקן אופֿן, אַז זיי זענען אַרויס אין גאַס, איז אָבער דער צוזאַמענפֿאָר גופֿא אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ שטרענג קאָנספּיראַטיוון אופֿן. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אויפֿן II צוזאַמענפֿאָר פֿון קפּפּ אַלס דעלעגאַט פֿון שעדלעץ—לאָמזשער קרייז לויטן פֿאָרשלאָג פֿון דעם דעמאָלטיקן פּאַרטיי־טוער אינעם שעדליצער קרייז — יחיאל נייסמאַן, וועלכער האָט זיך אין 1922 יאָר צוזאַמען מיטן „קאָמבונד“ אָנגעשלאָסן אין דער קפּפּ. און איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַוועק פֿון דער פּאַרטיי, זייענדיק אין פֿראַנקרייך.

קומענדיק אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּע פֿון פֿינף דעלעגאַטן, וועלכע זענען ערשט אין 1921 יאָר אַריבער פֿון

די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אינעם צוזאַמענפאָר האָבן אָנטייל־גענומען די גוט־באַקאַנטע צווישן ברייטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן חברים: שאול אַמסטערדאַם, יוסף לעוואַרטאָווסקי, פּנחס בוקסהאָרן, שלמהקע מילער (פון ביאַליסטאָק), פּנחס מינקאָווסקי (רעגנטיסט פון לאָדזש). א חוץ דעם האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר דער פּאַרטיי און דער יידישער סביבה, די חברים יעקב הוטלינגער, יעזשי טשעשעיקאָ־סאָבאָצקי, וואַצלאַוו באָגוצקי א.א. אַ סענסאַציע איז פאַר אונדז געווען דאָס פּרעכטיקע קענען פון אונדזער יידיש מאַמע־לשון פון אַזעלכע פּוילישע חברים, ווי סאָבאָצקי און באָגוצקי. ווען די חברים יוסף לעוואַרטאָווסקי און שלמהקע מילער האָבן אויפן צוזאַמענפאָר גערעדט יידיש האָט זיי צו דער איבעראַשונג פון דער מערהייט דעלעגאַטן איבערזעצט דער חבר סאָבאָצקי, און דערביי גלענצנדיק איבערזעצט. דער חבר באָגוצקי האָט נאָך דעם, ווי סאָבאָצקי האָט געענדיקט איבערזעצן יוסף לעוואַרטאָווסקיס אַרויסטרעטונג אין דער דיסקוסיע און דער פראַגע וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע און דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, אַ זאָג געטאָן צו יוספן אויפן לשון פון די ביאַליסטאָקער כאַגאַיקעס, ווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף סאָבאָצקין: „אַ יאַט מיט ביינער? האַ?" און אויסציענדיק די האַנט צו סאָבאָצקין האָט ער אויפן קול געזאָגט אין יידיש: „עס קומט אייך אַ יישר כוח פאַר אַזאַ שטיקל מלאכה". קאַראָל האַדעק האָט דערפון ממש אָנגעקוואָלן. דעם אַלטן וואַלעצקין איז דער וויץ אויך געפעלן געוואָרן. אַרומגעגאַנגען ווי אַ מרוק איז אין פאַרבינדונג מיט דעם שפּאַס בלויז איינער: יאַנעק מינצענבוים פון לאָדזש, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט פון אַן אַנדער קרייז — אַ „פּרינציפּיעלער" אַסימילאַטאָר פונעם אַלטן שניט. מיר דוכט זיך, אַז אויפן צוזאַמענפאָר איז ער געווען דער איין און איינציקער פון אָט דעם מין.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אויף דער סטאַנציע באָלשעוואָ, הינטער מאָסקווע. דער נאָמען פון דער סטאַנציע איז פאַר אונדז געוואָרן סימבאָליש: אויף אָט דער סטאַנציע האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן זיך מיט ביידע פיס אַנטשלאָסן געשטעלט אויפן באָדן פון באָלשעוויזם.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן האָט, ווי באַקאַנט, אַן אויסשליסלעך גרויסע ראָל אָפּגעשפּילט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

אין דעם צוזאַמענפאָר האָבן אָנטיילגענומען 49 דעלעגאַטן מיט באַ־

שטימונגס-רעכט און 20 דעלעגאַטן מיט באַראַטונגס-רעכט, וועלכע האָבן פאַרטראָטן 17 קאָמוניסטישע קרייז-אָרגאַניזאַציעס פון דער קפּפּ, איינשליסנדיק די אָרגאַניזאַציעס פון ביאַליסטאָק, בריסק און ווילנע, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן באַשטאַנדטיילן פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד, ווי אויך אַ פאַרטרעטערשאַפט פון דער דעמאָלטיקער קאָמפּאַרטיי פון מזרח-גאַליציע, וועלכע האָט זיך נאָכן צוזאַמענפאָר פאַרמירט אַלס קאָמפּאַרטיי פון מערב-אוקראַינע. די אָנטיילנעמער פונעם צוזאַמענפאָר זענען געווען אַרבעטער און פאַרטרעטער פון דער אינטעליגענץ מיט אַ פיליאָריקן סטאַזש אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. דורכשניטלעך איז אויף יעדן דעלעגאַט אויסגעפאַלן 15 און אַ האַלב יאָר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. לעגאַלע מער זענען געווען 37, אומלעגאַלע 15. די פּאָליטישע עמיגראַציע האָבן רעפּרעזענטירט 17 אָנטיילנעמער.

צווישן די דעלעגאַטן זענען געווען אָנגעזעענע טוער פון דער געוועזענער סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע און פון פּפּס-לעוויצע, ווי אַדאָלף וואַרסקי, האָראָוויץ-וואַלעצקי, ווערא קאָשוטסקאַ-קאָסטשעוואַ, דער אַלטער וואַרשעווער מעטאַל-אַרבעטער, אָנטיילנעמער אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע גזשעלטשאַק, דער וואַרשעווער מעטאַל-אַרבעטער פון ייִנגערן דור פּאַשין-טשאַרגי, אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכער אינטעליגענץ, וואָס איז שנעל דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אַרבעטער-פירער פונעם גרויסן פאַרנעם, ביטנער-ביטש — אַ לאָדזשער סטאָליער, שפּעטערדיקער סיים-דעפּוטאַט, יוזעף וויעטשאָרעק — פירער פון די רעוואָלוציאָנערע קוילנגרעבער פון אויבערשלעזיע. עס זענען אויפן צוזאַמענפאָר געווען אַזעלכע טאַלאַנטפולע פּובליציסטן און וויסנשאַפטלער, ווי יוליאַן בראָן (סיפּס), פידלער-טרוסקער און בראַנד-לאַוער, ווי אויך אַ ריי אוקראַיִנישע, ווייסרוסישע, ייִדישע און דייטשישע אַרבעטער-טוער. צווישן די געסט זענען געווען יוליאַן מאַרכלעווסקי און לענסקי-לעשטשינסקי, דער אַלטער קאַטאָרזשניק-פּראָלעטאַריאַטשיק — פעליקס קאָן און דער שוין דערמאָנטער „ייִדיש-קעמפער“ פון ביאַליסטאָק — באָגוצקי.

אַ גרויסן אינטערעס האָט דער צוזאַמענפאָר אַרויסגערופן ביי די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען: עס זענען געקומען און אַרויסגעטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר אין נאָמען פון זייערע פּאַרטייען: קאַשען — פון פראַנקרייך, בראַנדלער — פון דער קאָמפּאַרטיי פון דייטשלאַנד, שמעראַל — פון טשעכאָסלאָוואַקיע, קוואָסינען — פון פינלאַנד, מיצקע-

וויטיש־קאַפּסוקאַס — פֿון ליטע. אַ גרויסע סענסאַציע און ממש אומבאַשרייבלעכן שמאָלץ האָט אַרויסגערופֿן דאָס באַווייזן זיך פֿון פּעליקס דזשערזשינסקי אינעם זיצונגס־זאַל, האַרט פֿאַר דעם מיטאָג־איבעררייס. ער איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. לײַדער האָט ער קיין וואָרט נישט גענומען, דערקלערנדיק אַז פֿאַר די יאָרן פֿון קאַטאָרגע און רעוואָלוציע האָט ער זיך אָפּגעריסן פֿון די אַקטועלע פּראָבלעמען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן. אין פּריוואַטע געשפּרעכן מיט חברים האָט ער אָבער אַרויסגעזאָגט אַ ריי קריטישע באַמערקונגען וועגן דער באַציִונג פֿון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער נאַציאָנאַלער און אַגראַר־פּראַגע און אויסגעדריקט זײַן צופֿרידנקייט, וואָס מיר גייען אויפֿן וועג פֿון שאַפֿן אַן אַרבעטער־ און פּויערים־בונד און פֿאַרריכטן די פֿעלערהאַפֿטע באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער פּראַגע.

דאָס צענטראַלע פּראָבלעם אין דער דיסקוסיע איבער אַלע פּראַגן, וועלכע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, איז געווען דאָס פּראָבלעם צו געווינען פֿאַרבינדעטע פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט אין זײַן קאַמף פֿאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אין דער דיסקוסיע וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע און דער טאַקטיק פֿון דער פּאַרטיי (רעפֿערענט — בראַנדלער, קאָרעפֿערענט — דאָמסקי) זענען אַרויסגעטראָטן אַ ריי דעלעגאַטן, וועלכע זענען געקומען אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פֿון „בונד", פּועלי־ציון און פּ.ס. דער ח' יוסף לעוואַרטאָווסקי (פּסעוודאָנים — גרינבערג), האָט אין זײַן רעדע אַרויסגעוויזן אַ באַדײַטנדיקע פּאָליטישע ווײַטזיכטיקייט, פֿאָרויסזאָגנדיק, אַז „פּילסודסקי האָט נאָך נישט אָפּגעזונגען זײַן שוואַנען־ליד, און מען דאַרף דערוואַרטן, אַז ער וועט נאָך אַרויסטרעטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע".

נאָך זײַן אַרויסטרעטונג, וועלכע האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן אינטערעס סײַ צוליב דעם אינהאַלט, סײַ צוליב דעם, וואָס זי איז געהאַלטן געוואָרן אין ייִדיש, האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן: „האָסטו זיך פֿריער, אַלס פּועלי־ציוניסט, אויך פֿאַרנומען מיט אַזעלכע פּראָבלעמען אין „וועלטמאַסשטאַב"? אַ געלעכטער האָט דאָס אַרויסגערופֿן בײַ אַ גאַנץ פֿעקל „געוועזענע". וועגן דעם איבערבײַז צווישן די אונטערדריקטע פֿעלקער פֿון די „קרעסן" האָט גערעדט דער פֿריערדיקער פּועלי־ציוניסט מיכאַלאָווסקי פֿון לאָדזש. וועגן פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַליסטיש־קריסטלעכער אָרגאַניזאַציע נ.פּ.ר. האָט גערעדט פֿיניע בוקסהאָרן (פּסעוודאָנים — וואָלסקי). מיט אַ רעדע, וועלכע האָט טרעפֿלעך אַנאַליזירט די

פּאָליטישע סיטואַציע איז פּוילן און אין דייטשלאַנד איז אַרויסגעטראָטן שאול אַמסטערדאַם (פּסעוו.: באַנדערצקי). אויך איך האָב גענומען אַ וואָרט אין דער פראַגע פון פּאָליטישער סיטואַציע און טאַקטיק.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָבן זיך די דעלעגאַטן, וועלכע זענען נישט לאַנג געקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די יידישע פּאַרטייען, וויניקער אַנגאַזשירט אין דער דיסקוסיע. אפשר וויפל עס איז געווען נוגע די יידן, גאָר פּשוט דערפאַר, ווייל דאָ איז געווען אַ פולשטענדיקע איינשטימיקייט.

אויף דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אַ קליינע גרופּע „אולטראַ־לינקע“ מיט דאָמסקין בראש, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי דער סדקפל־איינשטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע איז שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורך לענינען נאָך פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין דער נייער סיטואַציע, ווען פּוילן האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אונטערדריקט לאַנד דורך פרעמדע לענדער און איז געוואָרן אַ מלוכה, וועלכע אונטערדריקט אַנדערע פעלקער, איז די פאַלשקייט פון דער האָזיקער שטעלונג נאָך בולטער געוואָרן.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע זענען דירעקט געקומען פון פּוילן האָט כמעט קיינער נישט פאַרטיידיקט די סעקטאַנטישע שטעלונג. אַ געוויסע אונטערשטיצונג האָט זי געהאַט מצד עטלעכע אָנטיילנעמער מיט באַראַטונגס־רעכט פון דער הצמלמיקער עמיגראַציע, וועלכע איז געווען אָפּגעריסן פון דעם לאַנד. אויך זיי האָבן אָבער שפּעטער געענדערט זייער שטעלונג.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען די אַרויסטרעטונג פון דעם דעמאָלט נאָך יונגן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג חבר שאול אַמסטערדאַם (פּסעוודאָנים: „באַנדערצקי“), וועלכער האָט געזאָגט, אַז „פאַר דאָמסקין איז דאָס רעכט פון די אונטערדריקטע פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג בלויז אַ טאַקטישער מאַנעוור. די רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַרשטייט ער נישט, פונקט ווי ער פאַרשטייט נישט די נויטיקייט פונעם איינהייטלעכן פראָנט און פון דעם לאָזונג פון אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג“.

אויך איך בין אַרויסגעטראָטן אויף דעם צוזאַמענפאָר (אונטערן פּסעוודאָנים קריוואַנסקי) — קעגן דער אַבסטראַקטער אויפפאַסונג פון דער פראַגע דורך דאָמסקין.

וועגן דער יידן־פראַגע איז, ווי שוין געזאָגט, נישט געווען וואָס צו

דיסקוטירן. אַלע אָן אויסנאַם זענען געווען פֿאַר אָפּוואַרפֿן דעם פּרינציפּ גופֿא פֿון „הערשנדיקער נאַציע“ און „הערשנדיקער שפּראַך“, פֿאַר די רעכט פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין שול, געריכט און אַדמיניסטראַציע, פֿאַר אַ מלוכה־שול אין דער מוטער־שפּראַך, פֿאַר אַ פֿרייען צוטריט פֿון ייִדן צו אַלע מינים מלוכה־שולן; דער קאַמף פֿאַר די אַלע פֿאָדערונגען דאַרף זיין די אויפֿגאַבע פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי, פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿונעם פּוילישן פֿאָלק און פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. עס איז אַבסאָלוט נישט געווען קיין מינדעסטע נויטווענדיקייט, אַז די ייִדן־דעלעגאַטן זאָלן דאַרפֿן פֿאַרטיידיקן „זייערע“ נאַציאָנאַלע רעכט, און די אוקראַינער אָדער דייטשן — זאָלן פֿאַרטיידיקן „זייערע“ רעכט. וועגן דער נויטווענדיקייט צו פֿאַרשאַרפֿן דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם האָבן גערעדט יוליאַן מאַרכלעווסקי, פֿאַשין (משאַרני) און נאָך אַ פּאָר נישט־ייִדן. פֿון די ייִדן־דעלעגאַטן האָב בלויז איך איינער בריים זיך אָפּגעשטעלט אין דער דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אויפֿן אַנטיסעמיטיזם אַלס „באַראָמעטער פֿון פּאָליטישע שטימונגען“, וועלכער פֿאַרסמט האָט געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿון פּוילן, איבערגעבנדיק אַ ריי, לפֿנים, קליינע פֿאַקטן, וועלכע באַווייזן, ווי טיף די אַנטיסעמיטישע שטימונגען זענען אַרײַנגעדרונגען, ביז איך געקומען צום אויספֿיר, אַז מ'דאַרף מיט אָט דער גאַנגרענע קעמפֿן ענערגישער, ווי ביז איצט. רעדנדיק וועגן די אויסדרוקן פֿון גרינגשעצונג און אומטאָלעראַנץ צו דער ייִדישער שפּראַך און קולטור (דאָס אָנרופֿן ייִדיש־רעדן „שוואַרגאָטשען“ און ענלעכע) האָב איך געזאָגט: „כּל זמן דעם פּוילישן אַרבעטער וועט רייצן אַ פֿרעמדע שפּראַך און אַנדערע קולטור, כּל זמן די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן וועלן זיך נישט אויסלערנען זען אין דעם ייִדישן אַרבעטער זיין קלאַסן־ברודער, וועלן זיי זיין אַ שפּילעכל אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע...“

גלייך נאָך מיר איז אַרויסגעטראָטן דער „אַלטער מאַרטשין“ — (גזשעגאָזשעווסקי־גזשעשעלטשאַק, פּסעוודאָנים אויפֿן צוזאַמענפֿאָר — קאַצפּערסקי), וועלכער האָט געזאָגט:

„איך וועל אָנהייבן דערפֿון, מיט וואָס דער חבר קרוואַנסקי האָט געענדיקט. אויב אין אונדזערע רייען איז פֿאַראַן אַ נישט־פֿאַרשטענדעניש לגבי דעם מהות פֿונעם אַנטיסעמיטיזם, איז וואָס איז דאָ צו רעדן וועגן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. *באַקעמפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם, אויפֿקלערן זיין קאָנטרעוואָלוציאָנערע באַדייטונג איז די ערשטראַנגיקע אויפֿ־*

גאַבע פון דער פּאַרטיי“. דער אַלטער וואַרשעווער מעטאַל־אַרבעטער און פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרשלאַג אַרויסצוגעבן אין דער ערשטער ריי אַ בראָשור, וועלכע זאָל אויפקלערן די ברייטסטע מאַסן דעם אַנטיסעמיטישן שקר, אַז יידן זענען די „שולדיקע אין... שפּעקולאַציע... יקרות און אַלהאָס בייז.

נישט קוקנדיק אויף די שאַרפע און לײדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אין פראַגן פון פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות און טאַקטיק, האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר געהערשט דער גייסט פון דערהויבנדיקער חברישקייט און קאַמפס־קאַמעראַדשאַפט. אַלע דעלעגאַטן און געסט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גרויסע משפחה. אויף די אויבערדייסן האָט מען געזונגען פּוילישע, רוסישע, דייטשישע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע און אויך יידישע לידער, לידער מכל המינים: פאָלקס־לידער, אָפּערע־אַריעס, שלאַגערס, רעוואָלוציאָנערע און רוט־אַרמייאישע לידער. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „בדחנים“ — קופּלעטיסטן, וועלכע האָבן געשאַפן שאַרפזיניקע און וויציקע קופּלעטן מעניני דיומא, רעאַגירנדיק אויף אַלץ, וואָס עס איז דיסקוטירט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר גופא. אַזוי, למשל, אויף קאַרל ראַדעקס אידעע, וועלכע איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אונטערן נאָמען „שלאַגעטער־אידע“ און וועלכע ער האָט פּראָבירט אין אַ פיל געמילדערטער פאָרם צו פאַרטיידיקן אויך אויפן צוזאַמענפאָר, איז תיך כדי דיבור געשאַפן געוואָרן אַ קופּלעט.

געהאַנדלט האָט זיך אין דעם, וואָס ער האָט דעם רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישן שלאַגעטער פאָרגעשטעלט אַלס קעמפער קעגן ווערסאַלער טראַקטאַט, שטרעבנדיק דורך דעם צו געווינען דאָס דייטשישע קלייבירגערטום, די דאָזיקע „טעאָריע“ איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַלס אָפּאָרטוניסטישע.

בשעת דעם צוזאַמענפאָר האָט געהערשט אַ דערהויבענע שטימונג, פול מיט האָפענונגען, אַז די אַרבעטער־אויפשטאַנדן אין דייטשלאַנד קאָנען דערפירן צום נצחון פון דער רעוואָלוציע. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך קוים באַוויזן צו ענדיקן, ווי עס איז שוין באַקאַנט געוואָרן, אַז דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן און דער רעוואָלוציאָנערער שוווּנג האָט אין אויסגעלאָשן ווערן. גלייך האָבן אונדזערע „קופּלעטיסטן“ דערויף רעאַגירט מיט אַ ליד.

דער אוקראַיִנישער חבר קריליק איז געווען אַ בריה אויף יידישע רעוואָלוציאָנערע לידער, דער עיקר עדעלשטאַמס. עס איז אַ מחיה געווען צו

הערן, ווי ער דיריגירט מיט יידישע חברים די לידער: „מיר ווערן געיאָגט און געטריבן“, אָדער „ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן“ פּאַראַלעל מיט דער אוקראַינישער „טשוויעש, בראַטי מי“ אָדער דאָס האַר־ציקע אוקראַינישע ליד, אין וועלכן מ'בעט די לבנה, זי זאָל פאַר קיינעם נישט שיינען, א חוץ פאַר דעם געליבטן, ווען ער קערט זיך אום אהיים.

דורות וועלן פאַרביי, פיל דערנער און שטיינער וועט נאָך אויסקומען צו באַזייטיקן אויפן וועג צום ענדגילטיקן אויפבוי פון סאָציאַליזם אין פוילן און דער צווייטער צוזאַמענפּאָר פון דער קאַפּ וועט פאַרבלייבן ווי איינער פון די העלסטע לייכטטורעמס אויפן אַנטוויקלונגס־וועג פון דער סאָ־ציאַליסטישער רעוואָלוציע אין פוילן.

אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט

די אויפגאַבע, וועלכע איך האָב זיך געשטעלט, אָנצומערקן דעם וועג, וואָס האָבן מיך פֿערזענלעך און מיין הויז דערפֿירט דורך בלאָנדזשעניש און זוכענישן צום לעניניזם, האָב איך לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן און פֿעיקייטן אויסגעפֿירט. נישט מיין ענין צו אורטיילן אויף וויפֿל מיר איז דאָס געלונגען.

איך בין זיך אויך מודה — „אָן קלעפּ", ווי מ'זאָגט — אַז אין דעם פֿאַרעפֿנטלעכטן ביגל זכרונות איז פֿאַראַן אַן אָנזעעוודיקע אומגלייכמעסיקייט — אין דעם סטיל, אין דער קאָמפּאָזיציע און... אויכוואָל פֿון פֿאַרשיידענע זכרונות, א חוץ מעגלעכע טעותים אין נעמען, אַדרעסן און אַנדערע איינצלהייטן, ווו דער זכרון קאָן אין דעטאַלן פֿאַרפֿירן, בעט איך דעריבער מיר צו פֿאַרצייען די דאָזיקע שוואַכקייט.

איין זאַך וואָלט מיך שטאַרק געקרענקט: אויב די לייענער וואָלטן אין מיינע זכרונות נישט דערפֿילט מיין אומבאַגרענעצטע ליבע צו אונזער טייערן האָרעפּאַשנעם עמך, צו זיין מערקווירדיקער העלדישער, פֿרעכטיקער יוגנט, צו די מסירת-נפֿשדיקע קעמפֿער, וואָס די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אַרויסגעגעבן.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ שטיי איך פֿאַר די הונדערטער, טויזנטער אַוועקגעריסענע פֿונעם לעבן, אין די קרעמאַטאָריעס אומגעבראַכטע, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קאַמפּס-חברים פֿון שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן.

זאָל זייער לעבן זיין אַ ביישפּיל און זייער טויט אַ וואָרענונג.

אינהאַלט

	זייט
* * *	7
אַ וואָרט צום לייענער	10
מיין שטעטעלע — מיין היים	12
לאָדזש	17
אוים קינד!	21
דער באַראָמעטער זאָגט אָן: שטורעם	26
אין דערוואַרטונג פון עפּעס	31
ערב	36
אויפברויז	42
אין נעפּל	50
מיין ערשטער קוראָרט: רוזשינאָי—בריסק	58
נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם	65
דער סוף פון מיין רייזע אויפן שוים פון דער נאַטור	70
אַן אורלויב הינטער קראַטן	75
גרויע טעג	85
נייע ווינטן, נייע לידער	93
קיין לאָדזש דורך... סלאַוואָטיטש	97
ווידער אין דער היים	102
שווערע צייטן	107
די לאָדזשער „האַרפּע"	110
זובעניש און וואָגלעניש	112
ווידער טורמע און מיין ערשטע נסיעה קיין אויסלאַנד	117
איך נעם אָנטייל אין טעריטאָריע-זוכעניש	122
איך פאָר קיין אַמעריקע	127
פון סעינט-פּאַול קיין דעטראָיט — פאָלג מיך אַ גאַנג	136
איך הייב זיך אָן צו „אַמעריקאַניזירן"	141
שמעלץ-טאָפּ און געטאָ	149
פון דעטראָיט קיין שיקאַגאָ	153
נע ונדניקעס	157
יאָרן פון פּראָספּעריטי און אייגנאַרטיקער אַמעריקאַניזאַציע	166
וואוקס פון אַמעריקאַנער דזשינגאָיזם און זיין אויסווירקונג אויף יידן	170
איך פאַרלאָז אַמעריקע	173
די רעוואָלוציע רופט...	177

	זייט
מיט די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק, אויף די ברייטע שליאַכן פון רעוואָלו= ציאָנערן רוסלאַנד	180
אין זעלנערישן שינעל קעגן מלחמה	186
אויף די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע	191
צוריק אַהיים	199
ווידער אין היימישע מקומות	202
ווידער אין וואַרשע	206
שלאָמאַצקע 13	209
אַרבעטער = ראַטן	213
דער וואַרשעווער אַרבעטער = ראַט	216
די ערשטע שוואַלבן	221
שלוחים פון מערב און... יאַבלאָנגע	228
אויף „זומער = וווינונג“ אין אורלע	230
די סדרה שפּאַלטונגען	233
כ'האָב געהערט לעניגען	236
דאָס נייע קאַפּיטל	241
אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט	255